STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05833

*Copyright in this work is held by
Fundación IWO Buenos Aires, Argentina.
The Yiddish Book Center is grateful to the
copyright holders for permission to
include this work in the
Steven Spielberg Digital Yiddish Library.*

# DOS KIND IN DER YIDISHER POEZYE UN PROZE

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-05833-5

D:\YIDDISH\Titles\9780657058333T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

אַנטאָלאָגיע

# דאָס קינד

## אין דער יידישער פּאעזיע און פּראזע

*

יוסף ליפשיץ-פאָנד
פון דער ליטעראַטור-געזעלשאַפט ביים ייוואָ

PARA USO PERSONAL

**Antologie — Dos kind in der idisher poezie un proze**

---

**Antología — El niño en la poesía y prosa idish**

Copyright 1971, by
ATENEO LITERARIO EN EL IWO
Pasteur 633
Buenos Aires

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Queda hecho el depósito que previene la ley 11.723

---

Este libro se terminó de imprimir el día 25 de febrero de 1971, en los Tall. Gráficos "Zlotopioro S.A.C.I.F.", Sarmiento 3149, Bs. Aires

אַנטאָלאָגיע

# דאס קינד
# אין דער יידישער פּאעזיע
# און פּראזע

ביַי 95 שריַיבערס

מוזיק צו 2 לידער

פֿראַגמענטן פֿון פֿאָרשאַרבעטן
צו דער כאַראַקטעריסטיק
און זכרונות

אונטער דער רעדאַקציע
פֿון
שמואל ראַזשאַנסקי

46סטער באַנד פון ציקל

# מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור

אַרויסגעגעבן פון

## יוסף ליפשיץ־פאַנד

פון דער

## ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים ייוואָ אין אַרגענטינע

אונטער דער רעדאַקציע
פון
שמואל ראָזשאַנסקי

קאָרעקטור און געכתיבהט נאָטן
יעקב־יהושע לערמאַן

טיראַזש 2.000 עקזעמפּליאַרן

יאָר ה׳תשל״א — 1971
ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים ייוואָ אין אַרגענטינע

# תוכן

שמואל ראָזשאַנסקי — **די טויזנט און איין נאַכט פֿון יידישן קינד** 11

## 1 / קינדער אין די וויגן ....... 21

מאַני לייב — **וווײַסע פליגל** ....... 22
אַברהם סוצקעווער — **פון „געהיימשטאָט“** ....... 22
ה. רויזענבלאַט — **דאָס געוויין פון אַ קינד** ....... 23
א. ליעסין — **בײַ דער וויג** ....... 24
יעקב דינעזאָן — **פון „יום־כיפור“** ....... 27
י. ל. קאַלושינער — **אַ קינד** ....... 29
יונה ראָזענפעלד — **חנהלע** ....... 30
מאַני לייב — **ליולינקע, מײַן ייִנגעלע** ....... 34
כאַווער־פאַוער — **יאַנקעלע פליט אין חלום־לאַנד** ....... 35
ה. אַלעקסאַנדראָוו — **יידיש וויגליד** ....... 37
אהרן ראובני — **אַ וועכטערס וויגליד** ....... 38
מלך ראַוויטש — **אַ וויגליד פאַר אַמעריקאַנער יידישע קינדער** ....... 40
לאה רודניצקי — **דרעמלען פייגל אויף די צווײַגן** ....... 42
הירש גליק — **וויגט די מאַמע מיך און זינגט** ....... 43
דוד קאַרנבליט (דגן) — **אַ וויגליד** ....... 43
שלום אַש — **דער יונג מיטן קינד** ....... 47
אליעזר שינדלער — **וויגליד** 53
יעקב פרידמאַן — **פון „אַ וויגליד“** ....... 54

## 2 / וואָס קינדער ווילן ....... 55

ב. סמאָליאַר — **דאָס פּיצעלע** ....... 56
י. י. סיגאַל — **בערעלע** ....... 56
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — **שטערן פאַלן** ....... 57
פּעסיע פאָמעראַנץ־האָניגבוים — **אַ ייִנגעלע, אַ שרעטעלע** ....... 58
**פּיצל** ....... 59
אסתר שומיאַטשער — **מײַן קינד** ....... 59
יהואש — **דאָס קראַנקע קינד** ....... 61
משה־דוד גיסער — **רייזעלעס אייזעלע** ....... 62

פּעסיע פּאָמעראַנץ־האָניגבוים — **אין גאָרטן** ........ 63
ב. סמאָליאַר — **דער זייגער** ........ 64
י. ל. פּרץ — **עטעלע** ........ 64
עליזה גרינבלאַט — **אַ הינטעלע** ........ 65
לייב קוויטקאָ — **לעמל נאַשער** ........ 66
נחום באָמזע — **אַ קינד אין הויף** ........ 69
ש. האַלקין — **אויף דער זון** ........ 70
א. יאָאַכימאָוויטש — **איך בין נאָך אַלץ דער קלענסטער** ........ 71
י. גויכבערג — **דרײַ ייִנגעלעך** ........ 72
הינדע זאַרעצקי — **קינדערלעך בײַם ים** ........ 73
לייב קוויטקאָ — **מײַנס, דײַנס** ........ 74
שמואל צעסלער — **ווי מײַן מאַמע** ........ 75
ליטמאַן — **איציקל איז געוואָרן אַ גרויסער** ........ 75
רבקה גאַלין — **סילוועץ** ........ 77
מאַשע שטוקער־פּאַיוק — **שרײַב איך** ........ 78
אליעזר שטיינבאַרג — **דער מאָלער** ........ 79
איידע מאַזע — **איך האָב מעשׂיות צו דערציילן** ........ 80
**דער שרײַבער** ........ 80
אליעזר שטיינבאַרג — **וואָלט איך געווען** ........ 81
זלמן וואַסערצוג — **ווען וועלוול העלפט דער מאַמען** ........ 82
מאַני לייב — **צוויי ייִנגעלעך** ........ 87
לאה ק. האָפמאַן — **אַ שיכפוצערס חלום** ........ 89
**ס'האָט דער טאַטע אײַנגעפלאַנצט** ........ 90
י. פּאַפּיערניקאָוו — **קינדער אויף אַ פײַגנבוים** ........ 91
ש. י. אימבער — **דײַנע הענט** ........ 92
אביגדור שפּריצער — **זונענשײַן** ........ 92
י. י. סיגאַל — **אפשר אויף הונדערט שפּראַכן** ........ 93
משה לאַקיעטש — **קינדערפרייד** ........ 94

## 3 / פון אַלץ אַ שפּיל ........ 95

שמואל צעסלער — **בלימעלעך** ........ 96
בערל סיגאַל — **אַ ייִדיש קינד** ........ 97
**מײַנע צונעמען** ........ 97
נחום באָמזע — **דאָס ייִנגל** ........ 98
דוד בערגעלסאָן — **פון „פּענעק"** ........ 99
ה. לייוויק — **מיר זײַנען צוויי נאַרישע קינדער** ........ 105
מ. אַליצקי — **מײַן מיידעלע** ........ 107
גבריאל ווײַסמאַן — **אַן אײַנריידעניש איז ערגער פון אַ קרענק** ........ 108

י. י. סיגאַל — **זומערליד** ........ 111
מ. טאַלאַלאַיעווסקי — **אַ יינגעלע** ........ 112
אַברהם רייזען — **ווינטער־אָוונט** ........ 113
שלום עליכם — **אליהו הנביא** ........ 114
מאַני לייב — **יינגל צינגל כוואַט** ........ 119
שמואל צעסלער — **אַ פידלער** ........ 129
י. פיכמאַן — **טאַנצליד** ........ 130

## 4 / ערשטע שאָטנס ........ 131

ז. סעגאַלאָוויטש — **פון קינדווייז** ........ 132
ש. פרוג — **דאָס יידישע קינד** ........ 133
מאָריס ראָזענפעלד — **דעם בעקערס קינד** ........ 134
שלמה שמולעוויטש — **קינדער** ........ 135
מיכל גאָרדאָן — **די שטיפמוטער** ........ 137
שלום אַש — **ווי אַזוי חנה־לאה האָט זיך געזעגנט מיט אירע טויטע קינדער** 139
ה. לייוויק — **יינגלווייז** ........ 142
מאַני לייב — **אַ ליד פון דעם יינגל בעבון** ........ 142
מלכה לי — **דורך קינדערשע אויגן** ........ 144
חנה לעווין — **גאַסן־קינדער** ........ 149
יעקב דינעזאָן — **פון ראָמאַן „צוויי מאַמעס"** ........ 150
משה קנאַפּהייס — **ליד וועגן אַ הונט און אַ קינד** ........ 153
הערש וויינרויך — **טויבן** ........ 155
י. פּאַפּיערניקאָוו — **ס'געוויין פון הונגעריקע קינדער** ........ 157
ל. לאַסאָווין — **פון „זינד"** ........ 159
שמואל צעסלער — **קינדער** ........ 162
לאה ק. האָפמאַן — **גאָטס שפּילצייג** ........ 162
י. ל. פרץ — **פון „רייזע־בילדער"** ........ 163
נחום באָמזע — **דעקאָראַציע** ........ 166
י. פּאַפּיערניקאָוו — **אַ טאַטע מיט אַ קינד** ........ 167
אליעזר שינדלער — **ווינטערפרייד** ........ 168
אברהם רייזען — **ווען עסט די מאַמע?** ........ 168
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — **אַ מאַנטל פון אַ טונקעלן געוואַנטל** ........ 177
מאַני לייב — **אַ יידיש יינגל** ........ 181

## 5 / אין חדר און אין שול ........ 183

פאָלקסליד — **אונטער דעם קינדס וויגעלע** ........ 183
מאַרק וואַרשאַווסקי — **דער אַלף־בית** ........ 184
מענדעלע מוכר־ספרים — **הערשעלע** ........ 185

שלום עליכם — **לידער פונעם חדר** .......... 187
י. ל. פרץ — **קינהער־יאָרן און מלמדים** .......... 189
י. י. סיגאַל — **אויפן פריפעטשיק** .......... 191
ניסן ברוסילאָוו — **פון ראָמאַן „ביי די טייכן פון פאָלעסיע"** .......... 193
אליעזר שינדלען — **ייִדיש און חסידיש** .......... 199
מענדעלע מוכר־ספרים — **פון „שלמה ר' חיימס"** .......... 200
מרדכי געבירטיג — **אברהמעלע און יאָסעלע** .......... 203
שלמה גילבערט — **פון חדר** .......... 204
הערשעלע — **חיימל און אסתרל** .......... 209
לעאָן עלבע — **דודס פידעלע** .......... 210
שניאור וואַסערמאַן — **זון מיינער** .......... 218
י. פאַפּיערניקאָוו — **מיינע חדר־יאָרן** .......... 218
לייב מלאך — **דאָס ייִנגל מיטן קעצישן זכרון** .......... 221
זלמן וואַסערצוג — **דאָס געוויין פון אַ קינד** .......... 222
יוסף־הלל לעווי — **דאָס ערשטע מאָל אין שול** .......... 224
ה. ערליך — **אין שול** .......... 225
ליטמאַן — **דאָקטער בראָקטערס רעצעפּטן** .......... 226
אַברהם רייזען — **יאָרן דריי, שפּראַכן פיר** .......... 228
אייזיק פלאַטנער — **אין שול אַריין** .......... 229
שמואל צעסלער — **מיר קומען־אָן** .......... 229
יצחק פאַנער — **עצור! סטאָפּ!** .......... 230
פייוול מעלצער — **דער לעצטער שולטאָג** .......... 232

## 6 / אין גרויסן

6 / אין גרויסן .......... 233
י. ל. פרץ — **די לבנה דערציילט** .......... 234
שיקע דריז — **אויף דער העלפט** .......... 236
שלום עליכם — **די פאָן** .......... 238
שמואל צעסלער — **דער מאָלער** .......... 254
י. ל. פרץ — **אַן אומזיסטער פּאַטש** .......... 255
י. י. סיגאַל — **אייניקלעך** .......... 256
אַברהם זאַק — **אין אַן אָרעמער שטוב** .......... 257
שאול מאַלץ — **מיין זיידנס סוכה** .......... 263
א. טאַבאַטשניק — **מיין באָבע** .......... 264
לעווין קיפּניס — **גוטע בשורות אויף פורים** .......... 265
מרים אולינאָווער — **דאָס קאַרשעלע** .......... 266
רבקה גאַלין — **ביי דער באָבען** .......... 267
אביגדור שפּריצער — **צו מיינע באָבעס** .......... 269

## 7 / די ירושה און די יורשים ........ 271

חיים סעמיאַטיצקי — **ווייַן נישט, קינד!** ........ 272
פּעסיע פּאַמעראַנץ־האַניגבוים — **אַ געבעט** ........ 272
שאול מאַלץ — **געטאָ־ליד** ........ 273
ירחמיאל בריקס — **קינדערשפּיל אין געטאָ** ........ 274
חיה עלבוים־דאָרעמבוס — **די קאַרטאָפּעלעך** ........ 279
אלחנן אינדעלמאַן — **דאָס ייִנגל פון געטאָ** ........ 280
נח לוריע — **אַ קינד אין סטעפּ** ........ 282
א. גלאַנץ־לעיעלעס — **אַ ייִנגל אַ קליינס** ........ 294
א. אייַזען — **פון „מאַלוועס טויט"** ........ 295
י. י. סיגאַל — **יתומים** ........ 297
אַברהם זאַק — **אין יתומים־היים** ........ 298
רבקה באַסמאַן — **עלנטע קינדער** ........ 299
ז. סעגאַלאָוויטש — **אָ, קינדער!** ........ 300
י. פּאַפּיערניקאָוו — **די קינדער פון פּוילן און ליטע** ........ 301
פּעסיע פּאַמעראַנץ־האַניגבוים — **דאָס בייז פון דעם מענטשן** ........ 302
הינדע זאַרעצקי — **גאָטס קינדער** ........ 303
יעקב גלאַטשטיין — **אַ פּאָטער צו זייַן זון** ........ 304
ה. רויזנבלאַט — **גאָט פון אברהם** ........ 305
מלכה לי — **צוויי געפונענע לייַכטערס** ........ 306
משה יונגמאַן — **זון, לבנה און שטערן** ........ 308
י. פּאַפּיערניקאָוו — **בייַ אונדז אַ קינד** ........ 309
**תימנער קינדער** ........ 310
מלכה לי — **אַביבה** ........ 311
יצחק בלומשטיין — **און אַז דייַן קינד וועט דיך פרעגן** ........ 312
ריקודה פּאָטאַש — **עדי איז געבוירן** ........ 313
אַברהם סוצקעווער — **מאָרגנקינד** ........ 313
שמואל צעסלער — **מיר גייען!** ........ 315
שניאור וואַסערמאַן — **קלוג זייַנען ביכער** ........ 316

ש. ר. — **נאָכבאַמערקונגען** ........ 317

אילוסטראַציעס:
אויף די חורבות פון געטאָ ........ 281
אין שפּיל, **צייכענונג פון** יאָסל בערגנער ........ 267

מוזיק:
**צו** דרעמלען פייגל ........ 42
שלום סעקונדע — **צו** גאָט פון אַברהם ........ 305

# די טויזנט און איין נאַכט פון יידישן קינד

## די טראַדיציע פֿון גיין קעגן דער נאַטור

ייִדן האָבן אַ חזקה צו גיין קעגן די געזעצן פֿון דער נאַטור. און דאָס לעבן פֿון ייִדישן פֿאָלק, זײַן אַנטקעגנשטעלן זיך געזעצן פֿון דער נאַטור און דאָך נישט אומקומען, שפּיגלט זיך אָפּ צום שאַרפֿסטן אין דער אַלטער דערציִונג פֿון ייִדישן קינד צום לעבן. „אַז מע וויל, איז די געשטאַלט און די ראָלע פֿונעם קינד אויך אַ קינסטלערישער סימבאָל פֿונעם גאַנצן לעבן אין דער גרויזעלשאַפֿט״ [1].

דורות און דורות האָט די ייִדישע דערציִונג לחלוטין זיך נישט גערעכנט מיט פּרינציפּן פֿון פֿרײַהייט פֿאַרן קינד. „צו דרײַ יאָר אָנגעהויבן חומש״; די עלטערע „תּלמוד־תּורה־קינדער קוקן אין דער גמרא אַרײַן ווי אַ האָן אין בני אָדם״ [2]. ס׳קינד געהאַלטן פֿאַרשפּאַרט. נישט געלאָזט זיך שפּילן. נישט געלאָזט דאָס קינד זײַן קינד. דער־פֿאַר זאָגט דער העברעיִש־ייִדישער משׂכּיל: „שלאָגן אין האַרצן דאַרפֿן מיר אונדז, כ׳לעבן, / אַז מיר האָבן אונדזערע קינדער אַ דערציִונג געגעבן, / וואָס האָט זיי אין דער בלאָטע אַרײַנגע־שטעלט״ [3] ...אָבער ווי זיי ווילן פֿאָרשטעלן דעם אַלטן ייִדישן דרך ווי אַן אומגליק, אָנערקענען זיי — זיי וואָס זײַנען אַרויס פֿון די זעלביקע אַלטמאָדישע פֿאַנאַטישע חדרים און תּלמוד־תּורהס — אַז „כאָטש מיר זײַנען מינדער אין זייערע אויגן, ווייסן מיר, אַז מיר

---

[1] מ. ווינער — צו דער געשיכטע פון דער ייִד׳ ליטעראַטור אין 19טן י״ה, נ״י 1946, ב׳ 2, ז׳ 354.

[2] י. ל. פּרץ — ג״וו, נ״י 1920, ב׳ 13, מײַנע זכרונות, ז׳ 5; ב׳ 11, שטעט און שטעטלעך, ז׳ 85.

[3] א. ב. גאָטלאָבער — ייִדישע ווערק, ווילנע 1927, ב׳ 2, ז׳ 23.

טויגן און זײַנען פּונקט אַזוי פּעיִק צו יעדער שאַפֿונג, קונסט, פֿאַרטיקייט און ניצלעכער טוונג״ [4]...

מיר שטייען דאָ, בכן, פֿאַר אַן אויסטערלישן פֿענאָמען. הגם מען איז בײַ אונדז געגאַנגען אין דער דערציִונג קעגן דער נאַטור, פֿון דעסט וועגן איז מען פֿון דער נאַטור געבענטשט געוואָרן. נישט געקוקט אויף די אַלטפֿרענקישע סיסטעמען פֿון צוגרייטן די ייִדישע קינדער צום לעבן, זײַנען אויסגעוואַקסן דורות ייִדן מיט באַפֿליגלטע פֿירערס, מעכטיקע פּערזענלעכקייטן. עס האָבן נאָך פֿון זיי געקלעקט נישט בלויז פֿאַרן אייגענעם לעבן, פֿאַרן אייגענעם פֿאָלק, נאָר היפּש האָבן נאָך באַשיינט און באַשײַנען פֿרעמדע קולטורן, פֿרעמדע מדינות, צו מאָל פֿרעמדע רעליגיעס... הלוואַי — ווינטשט מען זיך בײַ אַנשי שלומינו — זאָלן פֿון די מאָדערנע ייִדישע שולן, קאַטעדרעס און ישיבֿות, מיט אַלע אולטראַ־מאָדערניסטישע לאַבאָראַטאָריעס און פּסיכאָ־דידאַקטישע שטודיעס, נאָך אַלע אינאָוואַציעס און המצאות, אַרויסקומען אַזעלכע דורות ייִדן, ווי עס זײַנען אַרויסגעקומען פֿון דושנעם חדר מיטן פּריפּעטשיק, פֿון אַלטמאָדישן מלמד מיטן קאַנטשיק און פּריעה־נאָגל, פֿון דער צעבראָכענער און ברודיקער בית־מדרש־באַנק מיטן צאַנקענדיקן ליכטל, פֿון סוואַרבע מיט די דריבנע אותיותלעך, בײַ וועלכע מ'האָט „זיך די אויגן אַרויסגענומען״!...

נאָך מער. אַ פּראָמינענטער רעוואָלוציאָנער איז צו מאָל געקומען צום אויספֿיר, אַז „די שול־דערציִונג בײַ ייִדן האָט אַלע מאָל געטראָגן אַן אידעאַליסטישן כאַראַקטער״, והא ראַיה, „זי האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין צילן פֿון צוגרייטן דאָס קינד צו די פֿאָדערונגען פֿון לעבן און פּראַקטישן נוצן״ [5]... און דער געוויסנהאַפֿטער

---

[4] ישראל אַקסנפֿעלד — בריוו צו יצחק־בער לעווינזאָן (ת״ר — 1840), י. אַקסנפֿעלדס ווערק, ב' 1, כאַרקאָוו־קיִעוו 1931, ז' 345.

[5] משה שאַליט — „ש. אַנ־סקי לויט זײַן בוך פֿון די צײַטונג־אויסשניטן״, פֿון נאָענטן עבר נ' 3, וואַרשע 1937, ז' 234.

דיכטער שרעקט זיך נישט פֿאַר זײַן רעוואָלוציאָנערער פֿאַרגאַנגענ־הייט און איז זיך מודה: „איך טראַכט נישט איין מאָל, אַז ס׳איז גוט געווען, וואָס אין דעם אַלטן חדר אונדזערן, אין דעם אַמאָליקן, האָט דאָס ייִדישע קינד שוין צו זעקס יאָר גענומען לערנען חומש, און גאָר גיך תּנך, און צו נײַן אָדער צען יאָר שוין געלערנט גמרא. פֿון מײַן אייגענער דערפֿאַרונג ווייס איך — גיט ער צו — אַז ווי שווער מיר איז נישט געווען אין מײַנע ערשטע ייִנגל־יאָרן תּופֿס צו זײַן די קאָמפּליצירטע ענינים פֿון תּנך און פֿון דער גמרא, האָט די שווערקייט גופֿא, די סודותדיקייט פֿון דער וועלט־באַשאַפֿונג, די רייד פֿון די נבֿיאים, די אַנגסטן פֿון די חורבן־איבערלעבונגען, די אומפֿאַרשטענדלעכקייטן (אין עלטער פֿון אַכט יאָר, למשל, פֿון אַרבעה אָבֿות, נזיקין אאַז״וו), אָט אָ דאָס אַלץ, דער אופֿן פֿון אַרײַנ־געצויגן ווערן אין דער גרויסער מיסטעריעזער וועלט פֿון דער־וואַקסענע ייִדן, האָט מיר געגעבן מער (איצט, אויף דער עלטער, מעסט איך עס אָפּ) ווי ווען איך וואָלט, אַנשטאָט דעם, געזופּט עפּעס אַ קינדער־טראַלאַלײַקע וועגן אַ קעצעלע אָדער אַ הינטעלע״[6]... און ממילא האַלט ער פֿאַר אַ גרויסע מעלה, וואָס די אַלטפֿרענקישע דערציִונג־ און בילדונג־סיסטעם האָט אין דער גאָר פֿריִער עלטער אַרײַנגעפֿירט דאָס קינד אין אַלע שווערע פֿראַגעס פֿון הלכה. „דאָס קינד, וואָס גייט שוין אַרויס פֿון זײַן געטלעך־נאַיִווער וועלט, פֿון זײַן וווּנדער־פּעריאָד, ווו אַלע זאַכן אַרום אים טראָגן נעמען און געשטאַלט־שטריכן, וואָס נאָר זײַנע אויגן אין זײַן פֿאָרשטעלונג זעען זיי — דאָס קינד, ווי נאָר עס טרעט־אַריבער די שוועל צו דער וועלט פֿון דערפֿאַרונג, פֿון נסיונות און קאָנפֿליקטן, ווערט שוין מסוגל אויפֿצונעמען זאַכן אין זייער פֿולער שווערקייט״[7].

די גרויסע נסיונות, פֿאַר וועלכע זיי זײַנען אַוועקגעשטעלט גע־

---

[6] ה. לייוויק — „ליטעראַטור פֿאַר קינדער און ליטעראַטור פֿאַר דערוואַקסענע״, בלעטער פֿאַר דערציִונג נ׳ 2, נ״י 1949, ז׳ 18.

[7] ד״ז, ז׳ 17.

וואָרן אין פֿאַרשיידענע צײַטן און איבער הויפּט אין דער 2טער וועלט־מלחמה, האָט טאַקע געוויזן, ווי פֿאַרשפּיצט עס זײַנען געווען די חושים בײַ די ייִדישע קינדער, ווי זיי האָבן שנעל אויפֿגעכאַפּט די סיטואַציעס, אין וועלכע זיי האָבן זיך געפֿונען, ווי זיי האָבן רעאַגירט, כּדי צו העלפֿן טאַטע־מאַמע אין גרויסע געפֿאַרן, ווי זיי האָבן זיך פֿאַרשטאַנען אויפֿן ווונק און פֿון האַלבע ווערטער. נאָכן צונויפֿקלײַבן אַ גרויסע צאָל פֿאַקטן פֿון דער לעצטער חורבן־ליטעראַטור קומט דער כראָניקער־קריטיקער צום אויספֿיר, אַז „די ייִדישע קינדערלעך האָבן אין דער ערשטער צײַט פֿון דער עת־צרה זיך אויסגעצייכנט מיט מוט און העלדישקייט“ [8].

דער מאָדערנער ייִדישער פּעדאַגאָג, וועלכער אָפּערירט מיט טעאָריעס גרינגער ווי מיט רעאַליזירונגען, שטעלט זיך אייגנטלעך דעם זעלביקן ציל. ער זאָגט: „פֿריִער דאַרף מען פֿאַרקניפּן דאָס קינד מיטן ייִדישן גורל“, דהײַנו, „ייִדישע קינדער דאַרפֿן וויסן, אַז מיר זײַנען, אונטער שווערע באַדינגונגען, אַ שעפֿערישע מינאָריטעט. ייִדישע תּלמידים דאַרפֿן אויסגעפֿינען — דורך ליטעראַטור, דורך ייִדישער געשיכטע, דורך געזאַנג, פֿײַערונגען פֿון ימים־טובֿים, אַז מיר זײַנען ווי אַ פֿאָלק אַן אוניקום צווישן די פֿעלקער“ [9].

דער מאָדערנער ייִדישער פּעדאַגאָג, זעען מיר, הייסט זיך פֿעדערן. ער פֿאַרלאָזט זיך נישט, וואָס „איר וועט קינדערלעך עלטער ווערן — וועט איר אַליין פֿאַרשטיין“ [10], נאָר ער רעקאָמענדירט בפֿירוש, אַז מ׳זאָל זיך צואײַלן, צו „פֿאַרקניפּן דאָס קינד מיטן ייִדישן גורל“. אמת, מיט אַנדערע מעטאָדן. נישט ווי אין חדר. אַנ־

---

[8] נחמן מײַזיל — „דאָס קינד אינעם גרויזאַמען חורבן“, צוריקבליקן און פּערספּעקטיוון, נ״י 1962, ז׳ 247.

[9] שואל גוטמאַן — „ישראל און כלל־ישראל באַוווסטזײַן אין דער ייִדישער דערציִונג“, טראַדיציע און באַנײַונג, נ״י 1967, זז׳ 318, 320.

[10] מאַרק וואַרשאַווסקי — „דער אַלף־בית“, ייִדישע פֿאָלקסלידער, קיִעוו 1900.

דערש — טעכניש. אַנדערש — אין פֿאָרעם. אויסגערעכנט, געשולט. מיטן זייגער אין האַנט. מאַנירלעך. מיט מאָדערנער אָרגאַניזאַציע. מיט אַ קאַלענדאַר. עסטעטיש. עלעגאַנט. „ווי בײַ לײַטן". אָבער — צו דעם זעלביקן ציל: „פֿאַרקניפּן דאָס קינד מיטן ייִדישן גורל". עס זאָל פֿאַר אים זײַן אַן אַקסיאָמע: „אַז מיר זײַנען אונטער שווערע באַדינגונגען אַ שעפֿערישע מינאָריטעט". און דאָס איז אונדזער באַשערטקייט.

אָט אָ די ייִדישע באַשערטקייט קומט צום אויסדרוק מיט אַ זעלטענער סענסיביליטעט אין די שטימונגען און איבערלעבונגען פֿון קינד, ווי זיי ווערן איבערגעגעבן אין דער ייִדישער פּאָעזיע און פּראָזע.

אין כּמות און וואָס שײַך ברייטפֿאַרנעמיקע ווערק איז דער יוגנטלעכער און עלטערער אַ סך מערער אָפּגעשפּיגלט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אָבער אין בליציקע געפֿילן און אימאַזשן האָט די ייִדישע בעלעטריסטיק דערגרייכט דורך דעם לעבן פֿון קינדער מער עמאָטיווע אַקאָרדן און פֿאַרביקערע אימפּרעסיעס.

## „תּורה איז די בעסטע סחורה"

דאָס דאָזיקע ייִדישע פֿאָלקסווערטל — תּורה איז די בעסטע סחורה — איז בײַ אונדז געווען דאָס פּאָפּולערסטע, עקספּלאָטירטסטע און אפֿשר אויך דאָס באַליבטסטע שלאָגוואָרט. אַ לעבנס־פּראָגראַם ממש פֿאַר כּלל־ישׂראל. די גאַנצע עשׂרת־הדיברות אין איין ווערטל...

דאָס לערנען צוליב לערנען איז געוואָרן אַ ייִדישע פּאַסיע.

צוזאַמען מיט דער מאַמעס מילך האָט מען דעם קינד אין וויגעלע אַרײַנגעזונגען, אַז תּורה איז די בעסטע סחורה. נישטאָ קיין שענערס ווי עולם־הבא. גײַסטיקייט!

אין דער אָרעמאַנסקער ציוויליזאַציע פֿון טל־ומטרדיקן שטעטל איז דער חדר דערשינען ווי אַ צויבערוועלט.

ווי אַ גאָטדינסט האָט אויסגעזען די צערעמאָניע פֿון איבערגעבן דאָס ברעקל קינד אין די הענט פֿון רבין. ווען דאָס נײַע ייִדעלע, אײַנגעהילט אין אַ טלית, איז אַוועקגעזעצט געוואָרן אויף דער חדר־באַנק; ווען ס׳האָט גענומען רעגענען אויפֿן קינדס קעפּעלע מיט ראָזשינקעס, ווײַל ס׳האָט גענומען אַ סידור אין די הענטעלעך, האָט זיך צעשפּילט די קינדערשע פֿאַנטאַזיע מיט גן־עדן־בילדער אויף גאָטס ערד...

עס איז דעריבער סימפּטאָמאַטיש, וואָס די קלאַסיקערס, ווי משׂכּיליש זיי זײַנען, שילדערן נישט בלויז טרויעריקע בילדער פֿון חדר און זײַנע אַלטפֿרענקישע מלמדים, נאָר עס קומען אויך אַרויס פֿון זייערע מאָלערײַען דערהויבענע בילדער פֿון ייִדישער חריפֿות, שווערן גלות־עול און גײַסטיקייט. דער קינסטלער אין דעם קלאַסיקער האָט נישט איין מאָל באַזיגט דעם פֿאַרביסענעם משׂכּיל... דער משׂכּילישער קינסטלער, ווי שטאַרק ער האָט אָפּגעהיט די מצווה פֿון באַקעמפֿן די אַלטפֿרענקישקייט, האָט נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן דעם צויבערקוואַל...

די נײַע ייִדישע דערציִונג, אָריענטירט בעיקר אויף תּכלית, איז אויפֿגעקומען אין אַ צײַט פֿון בליצשנעלע טעכנאָלאָגישע דערגרייכונגען אין דער אַלגעמיינער וועלט. אָבער ווי ווונדערלעך עס זאָלן זײַן די אולטראַ־מאָדערנע דערגרייכונגען, אַזש ביזן פֿליִען צו דער לבֿנה, פֿון וואַנען מ׳שיקט צו דער סעקונדע איבער בילדער צו דער טעלעוויזיע און מ׳רעדט טעלעפֿאָניש, ווי בײַ זיך אין דער היים, איז אויסער יעדן ספֿק, אַז דאָס קינד, וואָס זעט און הערט דאָס אַלץ, ווערט דערפֿון נישט מער באַפֿליגלט, נאָר פֿאַרקערט — פֿאַרוויגט... מ׳ווערט פֿויל, ווי אַ רײַך זונדל, וועמען מ׳טראָגט אַלץ אונטער גלײַך צום מויל... די אַקטיווקייט ווערט אַטראָפֿירט. פּאַסיוו ווערט דאָס קינד! ס׳איז אַ צוגאָב צום תּכלית, וואָס שטויסט־אַרויס דאָס לעצט ביסל ראָמאַנטישקייט פֿון דער דערציִונג. פֿון דער טובֿה קומט גאָר אַרויס אַ רעה. „איינע פֿון די ערגסטע מניעות, וואָס די ייִדישע שול באַגעגנט, ווינציקסטנס אין אַמעריקע — זאָגט אַ מאָ־

דערנער פּסיכאָלאָג, אַ פּראָמינענטער אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר — איז דאָס, וואָס די עלטערן זײַנען צו פֿיל פֿאַרטאָן מיטן תּכלית פֿון קינד; די תּכליתדיקייט איז בכלל אַ ייִדישער שטריך, וואָס איז נישט אַלע מאָל סימפּאַטיש און וואָס קומט בײַ גויִים אויס ווי אַן איבער־אַמביציע״ [11].

פּונקט ווי ייִדן האָבן זיך אין 19טן יאָרהונדערט אַריבערגע־וואָרפֿן לײַדנשאַפֿטלעך צו לערנען וועלטלעכע לימודים און זײַנען געוואָרן די טיפּישסטע עקסטערניקעס, וואָס מאַכן אין לערנען קפֿיצת־הדרך, שפּרינגען־אַריבער אין איין יאָר, וואָס אַנדערע מאַכן אין דרײַ, אָבער לסוף פֿעלט זיי פֿאָרט עפּעס אויס, אַזוי זײַנען ייִדן אויך אינעם פֿיזישן זין אַוועק צום עקסטרעם. דערפֿון האָבן זיך גענומען אַזוי פֿיל סוכאָטניקעס צווישן דער ייִדישער יוגנט. געקו־מען פֿון חסידישע היימען, פֿון פֿאַנאַטישער דערציִונג, וואָס האָט פֿאַרנאָכלעסיקט דעם גוף, האָבן זייערע לונגען און די מוחות און די נערוון נישט אויסגעהאַלטן, ווען זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום לערנען, געוואָרן קורסיסטן און אַוועק קיין היידלבערג און שווייץ... „אין די ראַמען פֿון דער טראַגישער עפּאָפּייע פֿון באַליידיקטע און דערנידעריקטע, וואָס די אָפּגעשלאָסענע ייִדישע געטאָ־סבֿיבֿה האָט געשאַפֿן, האָט דאָס ייִדישע קינד, צוזאַמען מיט דער ייִדישער פֿרוי און באַיאָכטן און פֿאַריאָגטן מאַסנמענטש, פֿאַרנומען אַ באַדײַטנדיק פּלאַץ. „און אויך אַזוי פֿיל, ווי די קינדער־טיפּן אין דער ייִדישער ליטעראַטור זײַנען אין דער מערהייט אַ פּראָדוקט פֿון דער אַלטער ייִדישער געטאָ־סבֿיבֿה, מוזן זיי גלײַכצײַטיק, ווידער אין זייער מערהייט, זײַן קינדער דעפֿעקטיווע, ווײַל די דערמאָנטע סבֿיבֿה האָט ניט געקאָנט, כּפֿי איר גאַנצן מהות, ניט ברענגען צו פֿאַר־קריפּלונגען, צו אָפּווײַכונגען פֿון נאָרמאַלן״ [12]... עס האָט נישט גע־

---

[11] א. א. ראָבאַק — „וואָס ייִדישע עלטערן דאַרפֿן וויסן״, די אימפּעריע ייִדיש, מעקסיקע 1958, ז׳ 419.

[12] י. רובין — דעפֿעקטיווע קינדער אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ווילנע 1922, ז׳ 6.

האָלפֿן, וואָס די פּעדאַגאָגישע נײַסן האָבן באַהערשט די ייִדישע עלטערן אינעם 20סטן יאָרהונדערט. די טראַגישע געשעענישן ערבֿ, אין און נאָך דער 2טער וועלט־מלחמה האָבן ווידער אַרײַנגעבראַכט אַזעלכע אַנגסטן, היפּערטענסיעס און אַבנאָרמאַלע סיטואַציעס אינעם ייִדישן לעבן, אַז דאָס קינד איז אויף ס׳נײַ געצוווּנגען געווען אַלט צו ווערן פֿאַר דער צײַט. פּיצלעך קינדער, וועלכע טאַטע־מאַמע האָבן געדאַרפֿט געבן צו פֿאַרשטיין, ווי זיי דאַרפֿן זיך אויסבאַהאַלטן פֿון שׂונא, וועלכער וויל זיי דערהרגענען, ווי זיי דאַרפֿן אַרײַנלויפֿן אין בונקער, ווען זיי דערזעען „אַ זילבערן פֿייגעלע אויפֿן הימל״, ווי זיי טאָרן נישט נאָכגעבן דעם הונגער און טאָרן אַפֿילו נישט אָטע־מען, ווײַל אויב דער שׂונא וועט דערהערן זייער אָטעם, קענען זיי דערפֿאַר באַצאָלן מיטן לעבן — ווי קענען אַזעלכע טראַגישע גע־שעענישן נישט איבערלאָזן קיין פֿאַטאַלע שפּורן אין דער מענטאַ־ליטעט פֿון די קינדער? עס מוזן דערפֿון קומען קאָנסעקווענצן, אַפֿילו ווען עס זאָל אין גאַנצן ריכטיק זײַן, וואָס דער פּראָפֿעסאָרי־שער עקספּערט זאָגט: „אַז די קאַטאַסטראָפֿאַלע געשעענישן רופֿן אין דעם קינדס נשמה אַרויס אַ לפֿי ערך שוואַכע, ניט לאַנג דויערנ־דיקע עמאָציאָנעלע רעאַקציע, וואָס קאָן אויך אָפֿט אַזוי דורכגיין אומשעדלעך, אויב עס קומט נאָר דאָ ניט דאָס פֿאַרעקשנטע אַרײַנ־מישן זיך פֿון די דערוואַקסענע״[13]. וואָס קען דאָ געזינטער זיך אויסווירקן אויפֿן קינד: האַלטן אין איין אָנשרעקן דאָס קינד מיטן טויט, וואָס שטייט צוקאָפּנס, אָדער מיט דער סודותפֿולער שורה, „אַז איר וועט, קינדערלעך, עלטער ווערן, וועט איר אַליין פֿאַר־שטיין״, אָדער מיט דעם קלינגוואָרט, אַז „תּורה איז די בעסטע סחורה״? וואָס איז געזינטער פֿאַרן ווײַטערדיקן גאַנג פֿונעם קינד: אים האַלטן אין איין פֿאָרשטעלן „די מאָטאָרן אין דעם מעכאַניזם

---

[13] ד״ר פישל שניאורסאָן — „קאַטאַסטראָפֿאַלע געשעענישן און זייער ווירקונג אויף דער פּסיכיק פון קינד״, די נײַע שול, ווילנע 1920 (?).

פֿון פֿעלקער־פֿאַרניכטונג אָדער דערמוטיקן מיט דער תּורה וועגן דער הייליקייט פֿונעם מענטשלעכן לעבן [14]?

די ייִדישע ליטעראַטור האַלט נישט פֿון דער אַלטערנאַטיווע „אָדער־אָדער", נאָר פֿון „און". זי בראַווירט נישט. בראַווירן גע־הערט צו פֿאַרטייגײַסט און דאָרט, ווו ליטעראַטור דערגייט צו אמתער קונסט, קען זי נישט זײַן איינזײַטיק. און אין דעם ליגט איר כּוח. דערפֿאַר איז „אַפֿילו דאָרט, ווו קינדער לעבן־איבער די אומ־גליקן אויף זיך אַליין, אויך די ווירקונג ניט לאַנג־דויערנדיק" [15]. קינדער פֿאַרגעסן. קינדער זײַנען גיכער מוחל ווי דערוואַקסענע. קינדער גלייבן מערער. און ווײ איז צום דור, וואָס זײַנע קינדער פֿאַרלירן יעדן צוטרוי.

## ווונדערפֿלי, טײַוולקראַך, אויפֿלעבטרוים

ערשט אין די לעצטע הונדערט יאָר פֿאַרנעמט דאָס קינד אַ גרויס אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אָבער די מאָטיוון פֿון קינד רײַסן זיך אַרײַן אַזוי האַסטיק און צעשפּילן זיך אַזוי שנעל, אַזוי לײַדנשאַפֿטלעך און אויך אַזוי צאַרט, אַזוי קפֿיצת־הדרכדיק, אַז עס איז ממש אַ ווונדערפֿלי. אין די דרײַ עמאַנציפּאַציעס, וועל־כע שטײַגן־אויף אין דער ייִדישער ליטעראַטור, פֿון דלות, פֿרוי און קינד, איז דאָס אַנטשיידנסטע וואָרט אין אונדזער וואָרטקונסט — וועגן, פֿאַר און פֿון קינד.

אין אונדזער בעלעטריסטיק וועגן ייִדישן קינד שפּיגלט זיך אָפּ צום שאַרפֿסטן דער גורל און אַנגסט און האָפֿענונג פֿון ייִדישן לעבן אין די לעצטע הונדערט יאָר.

אונדזערע קלאַסיקערס, אינספּירירט פֿון רעוואָלוציאָנערע אי־

---

[14] ד"ר מאַרק דוואָרזשעצקי — אייראָפּע אָן קינדער, תּל־אָביב 1961, ז' 24.

[15] לייבוש לערער — „קינדער און ייִדישע קינדער אין מלחמה־צײַט", פֿון דור צו דור, נ"י 1959, ז' 70.

דייִען, קומען ווי די אויסלייזערס פֿון קינד. פֿריִער לינעצקי, דיק און גאָלדפֿאַדען, שפּעטער מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם — און איבער אַלעמען י. ל. פּרץ — קומען מיט די האַרבסטע שטראָפֿרייד, חוזק און געבעט, אַז מען זאָל לאָזן דעם קינד זײַן קינד. דינעזאָנס בילדער פֿון קינדס עלנט, פֿאַרזיסט מיט שלום עליכמס קלינגווערטל „מיר איז גוט, איך בין אַ יתום", האָבן געהאָלפֿן פֿאַרריכטן עוולות פֿון דורות לאַנגע. נאָר ווי מעשׂהלעך פֿון טויזנט און איין נאַכט קענען אַזוי שנעל אַריבערפֿירן פֿון וואָר צו צויבער, אַזוי אָ שנעל איז אַריבער דאָס ייִדישע דיכטערוואָרט פֿון דער ייִדישער קינדערשער איינזאַמקייט צו דער מלכות פֿון ייִדישן קינד. ווי פֿון הימל פֿאַלן־אַראָפּ די צאַרטסטע געזאַנגען פֿון אַ מאַני לייב. לינעצקי, דינעזאָן און... מאַני לייב — וואָס פֿאַר אַ מהלך!

די ייִדישע ליטעראַטור איז דורך די מאָטיוון פֿון ייִדישן קינד פֿאַרייִנגערט געוואָרן — און זיי האָבן גערופֿן צו פֿאַרייִנגערן דאָס ייִדישע לעבן, די טעגלעכע אַלטע און ביטערעווירקלעכקייט. אונדזער ליטעראַטור פֿון קינד איז געוואָרן דער קוואַל פֿון האָפֿענונג, צאַרטקייט, הייליקייט און מענטשלעכקייט.

אָט די הייליקייט איז אויף אַ טײַוולאָנישן אופֿן געשענדט געוואָרן דורך דער היטלעריסטישער וואַקכאַנאַליע. „פֿון דער אַלגעמיינער פּעדאַגאָגישער ליטעראַטור וויסן מיר, אַ שטייגער, אַז צוויי עלעמענטן, האַנדלונג און איבעררעַשונג, מוזן זײַן אין יעדן ווערק, כּדי עס זאָל בײַ קליינוואַרג נושׂא חן זײַן"[16]. די דאָזיקע „האַנדלונג און איבעררעַשונג", וואָס די 2טע וועלט־מלחמה האָט געבראַכט, ווילט זיך וואָס ווייניקער אונטערטראָגן דעם הײַנטיקן ייִדישן קינד, כּדי עס זאָל נישט דערשטיקן אין אים דעם שמייכל און פֿאַרדאַרבן די צאַרטקייט. „דאַרף מען דיר ערשט דערציילן, וואָס די דײַטשן האָבן געטאָן די ייִדישע קינדער אין דער מלחמה־צײַט? ווייסטו נישט, אַז אַפֿילו איין ייִדיש קינד האָט נישט געהאַט דאָס רעכט צו

---

[16] ה. בעז — שפּראַך און דערציִונג, נ״י 1950, ז׳ 215.

לעבן? נאָך מערער: אַפֿילו נישט געהאַט דאָס רעכט מענטשלעך צו שטאַרבן. די דײַטשן האָבן געקאַרגט קוילן און גאַז פֿאַרן ייִדישן קינד... נישט געשאָסן אין זיי, נאָר לעבעדיקערהייט צעריסן. גענומען זיי פֿאַר די פֿיסלעך און צעזעצט דעם שאַרבן אין אַ וואַנט" [17]... און אַזוי זײַנען אויסגעהרגעט געוואָרן אַ מיליאָן ייִדישע קינדער!

האָט מען געקאָנט טרוימען, אַז נאָך „דעם" זאָל דאָס ייִדישע וואָרט צוריקקומען צום לעבן פֿון קינד מיט די וווּנדעררייד פֿון האָפֿענונג און הייליקייט?

ווי אומגלייבלעך דאָס זאָל קלינגען, קומט־פֿאָר אַזאַ פּראָצעס, אַזאַ אויפֿלעבטרוים. און ער קומט־פֿאָר דער עיקר אין דער ליטעראַטור — „דאָס איז אפֿשר דער איינציקער ווינקל, ווו מיר האָבן אײַנגעהאַלטן אונדזער אייגנטימלעכקייט, ווו דער פֿאָלקסאײַך און די פֿאַנטאַזיע ווערן פֿרײַ געלײַטערט און געקריסטאַליזירט" — אינסטינקטיוו און צילבאַוווסטזיניק — „צוליב דער עטישער און עסטעטישער און אויפֿקלער־אינטעלעקטועלער דערציִונג פֿון אונדזער דור" [18], ווו ייִדיש לעבן — לעבט.

שמואל ראָזשאַנסקי

---

[17] לענאַ קיכלער־זילבערמאַן — מײַנע 100 קינדער, תל־אָביב 1962, ז' 212.

[18] ח. ש. קאַזדאַן — מעטאָדיק פֿון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור, בוענאָס־אײַרעס 1950, ז' 180.

# 1

# קינדער אין די וויגן

מאַני לייב

## ווייסע פליגל

ווען די קינדער ליגן
אין די ווײַסע וויגן
און די מאַמעס מעשׂיות
זינגען און פֿאַרוויגן —

שאַרכען ווײַסע פֿליגל
בײַ דער טיר, בײַם ריגל,
בײַ דעם הויכן באַלקן
און אין בלויען שפּיגל.

און פֿון בלויען שפּיגל
פֿלאַטערן זיי ווײַסע
אויף דער מאַמעס אַקסלען
פֿון דער שיינער מעשׂה.

אַברהם סוצקעווער

## פֿון „געהיימשטאָט“

ס'האָט ליפּמאַן פֿאַרדינט די געהויבענע מצווה
פֿון אָפּנעמען ס'קינד. און ווען קריינע האָט ברויזיק
דערציילט איר געשיכטע, געצאַפּלט אין היצוויי,
האָט ליפּמאַן געטראָגן מיט פֿרייד אויף אַ שטרויזאַק
אַ לעבן... דער עולם אין שטומען באַרינגל
האָט אײַנטייל גענומען אין גליק, אינעם לײַדן.
— אוי, מזל־טובֿ, ייִדן, אַ ייִנגל, אַ ייִנגל,
און טאַקע געבוירן אין העמדל פֿון זײַדן!
און עולם אים בענטשט ווי אַ ליכט בײַ הבֿדלה:
— דאָס קינד זאָל דערלעבן דעם שונאס מפּלה!

1947—1945

ה. ראָזענבלאַט

## דאָס געוויין פון אַ קינד

ביי נאַכט. עס וויינט אַ קינד
ביים שכן ווו דערנעבן.
איך ליג און הער זיך איין:
דאָס וויינט אין מיר מיין לעבן.

איך מאַך דעם פענצטער צו
און פרוו אַנטשלאָפן ווערן,
נאָר עפּעס רייצט זיך מיט
מיין בלוט: — ווערסט מוזן לערן.

איך מאַך דעם פענצטער אויף,
פאַרמאַך, טו באַלד אַן עפן —
דאָס רייצעניש אין בלוט:
— ווו וויינט דאָס קינד? פּרווט טרעפן!

דער זייגער באַמקעט־צו
און רוקט־פאַרויס די ווייזער.
מיר דאַכט, עס וויינט די גאַס
מיט אַלע אירע הייזער...

ווו וויינט עס פאַרט דאָס קינד?
אין וועלכער שטוב?... ביי וועמען?
איך רעכן־אויס אין האַרץ
די שכנים ביי די נעמען.

איך מאַך דאָס פענצטער צו
און עפן באַלד דאָס ווידער.
דאָס קינד איז זייער שלאָף! —
און איך ווער מיד און מידער...

אַ מידע דרעמלעניש.
די מידע נאַכט נעמט בלאַסן.
מיר דאַכט זיך אויס, עס וויינט
די שטאָט מיט אַלע גאַסן.

ווי קען דער מידער קאָפּ
אין קישן רויִק ליגן,
אַז קיינער איז נישטאָ,
וואָס זאָל דאָס קינד פֿאַרוויגן?

דער צער!... אַ מאַמע זאָל
איר אייגן קינד אַנטוווינען!?
אין קינדערשן געוויין,
מיר דאַכט זיך, ווערלטן וויינען!

לאָס אַנגעלעס

## א. ליעסין

## ביי דער וויג

שמייכלסט קרענקלעך, ווערסט אַנטשלאָפֿן,
מלאכל דו מײַן...
ליגט פֿאַר מיר דײַן צוקונפֿט אָפֿן
און מײַן האַרץ גייט־אײַן...
וואַך איך לאַנג בײַ דיר צוקאָפּנס
פֿאַרן סומנעם [1] שטראַל
און די הייסע טרערן־טראָפּנס
פֿליסן ווי אַ קוואַל.

---

[1] פֿאַרכמורעטן, אומעטיקן.

הערסטו ווי די ווינטן וואָיען
דאָרשטיק, אימהדיק...
שוואַרצע שרעקן, שוואַרצע קראָען
קראָקען בײַ דײַן וויג...
זינג איך, זון מײַן, דיר אַ מעשׂה
פֿון צעקלעמטן האַרץ —
ניט פֿון ציגעלעך פֿון ווײַסע,
נאָר פֿון שרעקן שוואַרץ.

זעסטו די לבֿנה אויבן,
ווי אין גרילנגלוט[2]
קוקט זי דורך די שוואַרצע שויבן,
רויט אַזוי ווי בלוט...
זעסטו אויגן, גרינע פֿלאַמען,
וואָלפֿיש הינטער טיר,
לויערן אויף טאַטע־מאַמע,
לויערן אויף דיר.

טראָגן זיך אַלץ אימות איבער,
ווי און וויסט און ווינד...
האָב קיין מורא נישט, מײַן ליבער,
ליולינקע מײַן קינד.
זאָלן בייז די בעסטיעס ברומען,
דראָען ווילד און ווײַט —
האָבן מיר דאָך בײַגעקומען
זיי אין אייביקייט.

זאָלן די טיראַנען סמען,
ברענען אונדז די ערד —
וועסטו שמידן אין די פֿלאַמען

---

2 נאָכטפֿײַער,

פֿון דער קייט אַ שווערד.
אַ געהייליקטער צו שטרײַטן
אין דער וועלטאַרמיי,
אין די גרויסע גורל־צײַטן,
גרויס אין גרויסן וויי.

טוט דײַן מאַמעס האַרץ אַ ציטער —
דיר נאָך זען אַ מאָל! —
אין דעם פֿרײַהייטקאַמף אַ ריטער,
מיט אַ גײַסט פֿון שטאָל.
ווו דו וועסט בײַ מיר נאָך וואַקסן,
טרײַ דײַן אַלטן שטאַם,
אַ געברענטער בראַווער עקשן,
מיט אַ האַרץ פֿון פֿלאַם.

טראַכט איך פֿון דער וועלט מיט שׂונאים,
ווו דו פֿירסט דעם קריג,
לויכט מיר וווּנדערלעך דײַן פּנים,
ווי דו ליגסט אין וויג...
ווי איך וועל מיט דיר שטאָלצירן,
ציטערן דורך די נעכט,
בעת דו וועסט די מחנות פֿירן,
די באַפֿרײַטע קנעכט.

ווי נאָך טויזנט יאָרן גאַרן
טראָגסטו הויך די פֿאָן
און אין טויזנט טויט־געפֿאַרן
צינדסטו מאַסן אָן...
ווי איך זע דיך אַ באַהעלטן,
גייט דאָס האַרץ מיר אײַן...
צינדערס פֿון פֿאַרפֿלוכטע וועלטן,
אויסלייזער דו מײַן!

פֿאַר די כוואַליעס פֿון נגישות,
פֿאַרן תהום פֿון סם,
פֿאַר די מערדערלעכסטע רשעות
בלאָז זשע אויף דעם פֿלאַם!
צינד זשע אונטער פֿון פֿיר עקן
יעדן העק פֿון שלעק —
זאָלן אַלע שוואַרצע שרעקן
מיטן פֿלאַם אַוועק!

ניו־יאָרק 1936

## יעקב דינעזאָן

### פון „יום־כיפור"

לויפֿנדיק איז זי אַלע שטילע יום־כיפורדיקע גאַסן דורך. זי האָט זיך געפֿילט, זי איז שולדיק. זי לויפֿט פֿון גאָט. זי האָט מורא געהאַט זיך אומצוקערן. עס איז איר צום מוט געווען, ווי מען וואָלט זיך נאָך איר געיאָגט.

אָן אַן אָטעם איז זי אין שטוב אַרײַן. שוין אין פֿאָרהויז האָט זי דאָס שרײַען פֿון קינד דערהערט. אַז זי איז צו דער קימפּעטאָרין אין צימער אַרײַן, האָט זי איר חנהלען געפֿונען, בלאַס ווי דער טויט און אירע טרערן גיסן זיך איבער איר הונגעריקן קינד, וואָס טוליעט זיך צו איר ברוסט. דאָס קינד צערײַסט זיך שרײַענדיק. די עלנטע מוטער קען עס נישט אײַנשטילן.

— וואָס שרײַט דאָס קינד אַזוי? — האָט גיטעלע געפֿרעגט — אָך, איך ווייס, הונגעריק איז דאָס עופֿעלע, נעבעך... עס ווייס נישט, אַז הײַנט איז יום־כיפּור אויף דער וועלט, עס וויל נישט וויסן און דאַרף טאַקע נישט וויסן. וועלכע זינד האָט עס שוין, אַז עס זאָל הײַנט הונגערן צוליב זיי? — בײַס־אָן, מײַן טאָכטער, צוליב

דײַן קינד, וואָס נאָך נישט פֿאַר אים איז דער יום־כּיפּור געגעבן געוואָרן.

— מאַמע! — האָט דאָס בלאַס ווײַבל אויסגערעדט — איך קען עס נישט טאָן. פֿון דרײַצן יאָר אָן פֿאַסט איך אַלע תּעניתים. וואָס וועט דער רבונו של עולם זאָגן?

—אָבער דאָס קינד, דאָס אומשולדיקע קינד, וואָס איז מחויבֿ צו לײַדן? — האָט די מוטער געפֿרעגט.

— דאָס עלנט זײַנע איז מיר, אמת, שווערער ווי דאָס פֿאַסטן — האָט זי געענטפֿערט — און נײַע טרערן האָבן זיך אָנגעהויבן גיסן פֿון אירע אויגן — טאָמער קענסטו מיר שיקן אַ זייגנדע ייִדע־נע, וואָס זאָל דאָס קינד אָנזייגן אַ ביסל? עס האָט מיר שוין דאָס גאַנצע בלוט אויסגעצויגן פֿון אונטער מײַן האַרצן.

— בײַס־אָן, זאָג איך דיר! — האָט גיטעלע שאַרף און באַ־האַרצט אויסגערעדט — צוליב דײַן מאַמען, וואָס הייסט דאָס דיר און צוליב דײַן קינד, וואָס האָט דאָס רעכט צו פֿאַרלאַנגען דאָס פֿון דיר!...

און, נישט וואַרטנדיק מער, איז גיטעלע אין קיך אַרײַנגעלאָפֿן. דאָרט האָט זי אַ גלאָז מילך אָנגעגאָסן און דערלאַנגט איר טאָכטער. חנהלע האָט נישט געוואַגט זיך צוצורירן.

— טרינק, האָב קיין מורא נישט! — האָט גיטעלע געהייסן — אויף מײַן קאָפּ די עבֿירה! מיך זאָל גאָט שטראָפֿן פֿאַר דיר. איך בין אַן אַלטער בוים. איך האָב קיין מורא נישט פֿאַר היץ און קעלט. דו, מײַן קינד, ביסט אַ יונג ביימעלע. אַ ביסל צו הייס קען דיר אויך שאַטן. דו דאַרפֿסט איצט, כּוחות זאָלן דיר צוקומען, נישט עס זאָל דיר, חלילה, אָפּגענומען ווערן. אויף מײַן קאָפּ די עבֿירה! גאָט איז מײַן עדות. איך בין מרוצה!

— אָבער, מוטער טײַערע... — האָט דאָס ווײַבל מיט אַ געוויין אויסגערעדט — איך וויל נישט, גאָט זאָל דיך שטראָפֿן, חלילה, איבער מיר. אָ, לאָז מיך, לאָז מיך...

— אַז דו ווילסט נישט טאָן, וואָס איך ראָט דיר — האָט גי־

טעלע אַנטשיידן אַ זאָג געטאָן — טו זשע וואָס איך הייס דיר! איך בין גוזר אויף דיר, דו זאָלסט שוין אָנבייסן! הערסטו, וואָס איך זאָג דיר?

די קימפּעטאָרין האָט דאָס גלאָז גענומען, אָבער איר האַנט האָט געציטערט און איז נישט אין שטאַנד געווען צום מויל צוצו־טראָגן. זי האָט צוריק אַוועקגעשטעלט.

— ווילסטו מיר מײַן יום־כּיפּור צעשטערן? — האָט גיטעלע ווי מיט כּעס געפֿרעגט — עס איז מיר שוין אַזוי אויך גענוג שווער און ביטער. איך האָב נאָך אַ וואָרט נישט געדאַוונט ווי עס דאַרף צו זײַן. דאָס האַרץ אין מיר איז ווי אונטער דעם אײַז. עס רוט נישט. צום גוטן זאָל עס זײַן, רבונו של עולם! וועסטו פֿאַר מיר אין די אויגן נישט אָנבײַסן, ביז דו וועסט האָבן מיט וואָס דײַן קינד די נשמה צו דערהאַלטן, וועל איך פֿון שטוב נישט אַרויסגיין און דו וועסט אַ גרעסערע עבֿירה האָבן, אַז איבער דיר וועל איך נישט קענען דאַוונען.

גיטעלע האָט איר דאָס גלאָז מילך צו אירע ליפּן צוגעטראָגן. חנהלע האָט אַ ברכה געמאַכט. זי האָט אַ זופּ געטאָן און אירע הייסע טרערן זײַנען אין גלאָז אײַנע נאָך דער אַנדערער אַרײַנגע־פֿאַלן.

י. ל. קאַלושינער

## אַ קינד

שטייט אין שטוב אַ וויגעלע,
אַ וויגעלע אַ קליינס.
ליגט אין דעם אַ ייִנגעלע,
אַ ייִנגעלע אַ שיינס.

האָט דאָס שוואַרצע אייגעלעך,
בליקן זיי מיט חן,
און דאָס קליינע מײַלכעלע
שמייכלט אַזוי שיין.

בײַ דעם קליינעם וויגעלע,
בײַ אַ ווינקל שטוב,
זיצט אַ יונגע מאַמעלע
צאַרט אַזוי און ליב.

און די יונגע מאַמעלע
וויגט דאָס הין, צוריק,
זינגט אַ קינדער־לידעלע
פֿרייט זיך מיט איר גליק.

יונה ראָזענפעלד

# חנהלע

## אַ בילד

חנהלע האַלט איר קליין ברודערל אויף די הענט, דאָס ברודערל וויינט, און זי העצקעט דאָס אַרויף און אַראָפּ און פּרוווט עס צו באַרויִקן:

— די מאַמע! די מאַמע! אַט גייט די מאַמע!

דאָס קינד וויל עסן, גיט זי אים אַ פֿינגער אין מײַלכל, בלײַבט עס אַ פּאָר מינוט שטיל און טשמאָקעט דעם פֿינגער, סאָפּעקט זיך מיט אַלע כּוחות עפּעס אַרויסצובאַקומען פֿון אים. נאָר ענדלעך, נישט האָבנדיק גאָר נישט פֿונעם פֿינגער, צעשרײַט זיך עס ווידער.

חנהלען רײַסט־אויס דאָס האַרץ קוקנדיק אויפֿן קינד, און זי איז אַזוי בייז אויף דער מאַמען, פֿאַר וואָס זי איז נאָך נישטאָ... זי

וואָלט שוין באַדאַרפֿט זײַן. און זי האָט אָנגעהויבן איבערצוטראַכטן: ווער ווייס, וואָס מיט איר דאָרטן ס׳האָט געטראָפֿן. די מאַמע אירע האַנדלט אָן אַ נומער. און אַזוי שטיין אין גאַס מיט אַ קוישל עפּל טאָר מען נישט. אַ גאָראָדאָוואָי[1] האָט איין מאָל דער מאַמען איבער־געקערט מיטן גרויסן גלאַנצנדיקן שטיוול דאָס גאַנצע קוישל מיט עפּל און האָט זיי צעטראָטן מיט די פּיס. נו, דער מאַמען האָט דאָס בײַם האַרצן פֿאַרקלעמט, האָט זי דעם גאָראָדאָוואָי אַ שלעכט וואָרט געזאָגט. נו, האָט ער זי אין אוטשאַסטאָק[2] אַוועקגעטאַסקעט[3]. זי האָט דאָרט גענעכטיקט. פֿאַר טאָג איז זי ערשט מיט אַ ליידיקן קיישעלע אַהיימגעקומען. די גאָראָדאָוואָיעס מיט די פֿײַער־לעשערס האָבן זיי בײַ איר דאָרטן צעכאַפּט. און ווען זי האָט נישט געלאָזט נעמען, האָט זי איין פֿײַער־לעשער געוואָלט הרגענען, די זשידאָווקאַ... אַזוי האָט איר די מאַמע דערציילט...

אַ גאַנצע נאַכט איז דעמאָלט חנהלע ניט געשלאָפֿן. דאָס קינד האָט זיך געריסן, געריסן, ביז עס איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן אויף אי־רע הענט, און אַזוי איז דאָס אַ גאַנצע נאַכט בײַ איר אויף די הענט געשלאָפֿן... אַלע מאָל איז זי צוגעגאַנגען צום טויער און דורך דער אײַזערנער רעשאָטקע[4] געקוקט: אפֿשר גייט זי?...

דאָס איז זומער געווען. נאָר איצט קומט דאָס איר אויס אַ סך שרעקלעכער. ווינטער!...

זי איז צוגעגאַנגען צום פֿאַרפֿרוירענעם פֿענצטער און לאַנג געהויכט, ביז זי האָט אויסגעהויכט אַ קײַלעכיק רעדעלע, און דער־זעענדיק דעם ווײַסן אינדרויסן, איז איר נאָך אומעטיקער אויפֿן האַרצן געוואָרן. אָבער זי איז דאָך געשטאַנען און געקוקט, גע־מיינט, אפֿשר וועט זי דערזען די מאַמען גיין. און זי האָט אַזוי לאַנג געקוקט, ביז דאָס אויסגעהויכטע רעדעלע האָט זיך מיט אַ הײַטעלע פֿאַרצויגן און זי האָט מיט אַ פֿאַרביטערט האַרץ דאָס פֿענצטער

[1] פּאָליציי־מאַן. — [2] קאָמיסאַריאַט. — [3] אַוועקגעשלעפּט. — [4] דראָטלעכלעך.

פֿאַרלאָזט, און האָט זיך פֿאַרנומען מיטן קינד איבער דער שטוב אַרומצוגיין און אַרומצושפּאַצירן, געמיינט עס מיט דעם צו באַרויִקן און איינצײַטיק האָט זי געזונגען צו אים און געקוויטשעט און פֿאַרשיידענע אַנדערע קונצן געמאַכט. אָבער דאָס האָט אויך נישט געהאָלפֿן. דאָס קינד איז זיך פֿון צײַט צו צײַט פֿאַרגאַנגען און דאָס אומבאַהאָלפֿענע שוועסטערל האָט געמיינט, אַז אָט־אָט קומט אַ סוף צום פּיצל ברודערל, און אויסגעניצט אַלע תּחבולותן, און אַז ס׳האָט גאָר נישט געהאָלפֿן, האָט זי גאָר אַרײַנגעוואָרפֿן דאָס קינד אין וויגל אַרײַן און גענומען טעלעבעטעדען[5] דאָס וויגל הין־און־צוריק, אַז דאָס קינד איז פֿון איין מאָל צום צווייטן, פֿון אַ קער אַהער און אַ קער אַהין שיִער נישט אַרויסגעפֿאַלן פֿון וויגל אַרויס מיט הכּל שבּהכּל, וואָס האָט זיך אינעם וויגל אַחוצן קינד געפֿונען. זי איז שוין געווען, נעבעך, אויסער זיך, דאָס דרײַצן־יעריק מיידעלע (נאָך אַלעמען אַליין אַ קינד), און צום סוף האָט זי אין דעם שרײַענדיקן ברודערל אַרײַנגעוואָרפֿן עטלעכע פֿײַערדיקע פּעטש... ס׳האָט אָבער נישט פֿיל צײַט גענומען און דאָס הערצל אירס האָט איר אָנגעהויבן ווייִ צו טאָן פֿאַר דעם פּיצל קינד... וואָס איז דאָס, נעבעך, שולדיק? דאָס קינד וויל, נעבעך, זייגן... פֿון דער פֿרי אָן נישט געזויגן... און געטראַכט האָט זי שוין נישט פֿון דער מאַמען ווי פֿון דער מאַמעס ברוסט... דער מאַמעס ברוסט איז איר ווי פֿאַר די אויגן געשטאַנען, און מאָטעלע, דאָס ברודערל, זייגט און דרעמלט־אײַן... זי האָט זיך איצט אין דער מינוט, קיין אַנדער גליק נישט געווונטשן ווי נאָר דאָס קינד זאָל אײַנשלאָפֿן. אַ גליקלעכע וואָלט זי געווען, ווען דאָס קינד ווערט אַנטשוויגן...

אין שטוב איז שוין אין גאַנצן פֿינצטער געוואָרן, כאָטש אונטער דעם פֿאַרפֿרוירענעם פֿענצטער איז נאָך דער גרויער ווינטערטאָג געשטאַנען. חנהלע האָט זיך ווידער בײַם פֿענצטער אַוועקגעשטעלט און געקוקט... בײַ איר איז ניט אַנדערש געבליבן, אַז מיט

---

5 טרייסלען, שאָקלען נערוועז.

דער מאַמען האָט עפּעס געטראָפֿן... תּמיד איז זי שוין לאַנג דאָ אין דער צײַט... זי איז שוין געוויס אין אוטשאַסטאָק... אוי, ווי שרעקלעך דער אוטשאַסטאָק איז... זי האָט אים שוין אַמאָל פֿון אויסנווייניק געזען... אַ הויך טונקל הויז מיט גרויסע שויבן, אַכט אין אַ פֿענצטער... דאָרטן איז די פּאָליציי... גראָבע, געזונטע, רויטע פּנימער... מיט גאָלדענע קנעפּ... זיי קענען זי נאָך שיסן, די מאַמען, פֿאַלט איר אײַן אַ שרעקלעכער געדאַנק...

דאָס ערשטע האָט זי זיך געפֿרעגט: וואָס קען זי טאָן מיטן קינד?... דאָס האָט זי נאָך מערער באַאומרויִקט ווי דער מוטערס טויט... וואָס קען זי טאָן מיטן קינד?... זי וועט אים דען אַ מאַמע ווערן... זי וועט האָבן אַ קינד... איר קינד וועט דאָס זײַן... זי וועט דאָס אַרומוואַשן, רייניקן... דאָס האָדעווען...

און אויף וויפֿל די געדאַנקען זײַנען איר שרעקלעך געווען, האָט זי דאָך אין זיי עפּעס אַ מין גוטסקייט געפֿילט... דאָס האַרץ האָט איר אַזש אָנגעהויבן קלאַפּן, און עפּעס אַ מין זיסע תּאווה האָט זי אין גאַנצן אַרומגענומען. דאָס בלוט האָט איר אַ זעץ געגעבן אין פּנים אַרײַן... און האַלטנדיק דאָס קינד אויף די הענט, האָט זיך איר פֿאַרגלוסט שפּילן מיט אים, גלעטן עס אויפֿן הוילן לײַב... זי האָט'ס געגלעט פֿונעם העלדזל ביז אַראָפּ צו די פֿיסלעך... יעדעס אבֿרל האָט זי אויסגעגלעט...

עפּעס האָט זיך איר געגלוסט טאָן מיטן קינד, נאָר זי האָט נישט געוווּסט וואָס... עס האָט איר געריסן, געצויגן — זי האָט אַליין נישט געוווּסט וואָס... נאָר געפֿילט האָט זי, אַז איר איז עפּעס גוט פֿונעם קינד האַלטן, אַ געשמאַקע וואַרעמקייט צעגייט זיך איבערן גאַנצן קערפּער... אַ זיסקייט טריפֿט אין איר, צעגייט זיך אין יעדן אבֿר... „אַ מאַמע וועט זי זײַן, אַ מאַמע איבער אַ קינד“... זי האָט אַ קינד...

דאָ האָט זי שוין דאָס קינד נישט אָנגענומען ווי פֿריִער, נאָר שוין גאָר אַנדערש... זי האָט זיך איצט געפֿלײַסט ווי אַ מוטער דאָס אײַנשטילן... זי האָט גאָר אין גאַנצן געביטן איר פֿריִערדיקן טאָן,

מיט וועלכן זי האָט דאָס קינד אײַנגעשטילט... און ענדלעך איז זי מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ צום בעט צוגעלאָפֿן, האָט זיך מיטן קינד געגעבן אַ וואַליע[6]־אַרײַן, האָט אויף גיך איר בליוזקעלע צעשפּי־ליעט און האָט איינס פֿון אירע קליינע בריסטעלעך דאָס קינד אין מײַלעכל אַרײַנגעשטאָפּט — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען די מוטער איז געקומען, האָט זי זיי בײדע געטראָפֿן שלאָפֿן און דער שוועסטערלס בריסטל איז נאָך אַלץ בײַם ברודערל אין מויל געלעגן...

מאַני לייב

## ליוּלינקע, מיין יינגעלע

טיר און פֿענצטער צוגעשלאָסן
און דאָס לעמפּל אויסגעלאָשן.
— ליוּלינקע, מײַן ייִנגעלע.

שטיל און פֿינצטער איז אין חדר.
— פֿאַ, ווער שאַרט עס דאָרט כּסדר ?
— ליוּלינקע, מײַן ייִנגעלע.

— ס׳שאַרט אַ מײַזל אין די ספֿרים.
— קומען מתים פֿון די קבֿרים ?
— ליוּלינקע, מײַן ייִנגעלע.

אויף די קבֿרים וואַקסן בלומען.
— פֿאַ, וועט מער די מאַ ניט קומען ?
— ליוּלינקע, מײַן ייִנגעלע.

[6] אַ וואָרף, אַ שלײַדער.

ליַיטער איר נשמה, בורא! — —
— פּאַפּאַ, פּאַפּאַ, איך האָב מורא!
— ליולינקע, מיַין ייִנגעלע.

כ׳וועל דיך היטן, ווי די מאַמע.
וועל דיך היטן, ווי די מאַמע.
— ליולינקע, מיַין ייִנגעלע.

כאַווער־פּאַווער

## יאַנקעלע פליט אין חלום־לאַנד

— שאַ, יאַנקעלע וויל שלאָפֿן. שאַ... שטיל...

אַ לעמפּעלע אויפֿן טישעלע. ליגט יאַנקעלע אין זיַין בעטעלע. דער זייגער קלאַפּט: טיק, טאַק, טאַק... זיצט די מאַמע ביַים בעטעלע.

— האָסט מורא? ניטאָ וואָס מורא צו האָבן: די מאַמע זיצט נעבן דיר.

אָט גלעט די מאַמע יאַנקעלעס קעפּעלע ביַי זיַינע ווייכע הערעלעך. און אַז די מאַמע וויל גאָר, גיט זי יאַנקעלען אַ קוש גליַיך אין פּיסקעלע אַריַין. אָט קושט זי איין מאָל, אָט קושט זי צוויי מאָל. און איצטער, אַז יאַנקעלע וויל, גיט ער דער מאַמען אויך אַ קוש.

— אָט אַזוי, יאַנקעלע, אָט אַזוי! איאָ, גוט? נו, איצטער האָסטו שוין קיין מורא ניט?

יאַנקעלע איז שוין אַ גרויסער, גרויסער בחור. אָט אַזוי גרויס! און אַז יאַנקעלע וויל נאָך אויסציִען די פֿיסלעך, גליַיך, אָט אַזוי, וועט ער אויסוואַקסן נאָך גרעסער. וועט ער שוין זיַין אַזוי גרויס, אַזש ביז אין דער סטעליע. און אַ גרויסער בחור טאָר ניט האָבן

מורא בײַ נאַכט צו שלאָפֿן אין זײַן בעטעלע, ווען די מאַמע זיצט נאָך נעבן אים...

— נו, וואָס זשע שלאָפֿסטו ניט, ייִנגעלע? דו ווילסט הערן אַ מעשׂהלע? נו, גוט. בייג זשע צו דײַן רעכט אויערל, אָט אַזוי, וועט דיר דײַן מאַמע אַ מעשׂהלע אַרײַנריידן. נאָר פֿריִער וועט די מאַמע גיין אויסלעשן ס׳לעמפּעלע. אַיאָ, מע דאַרף ניט קיין לעמפּעלע? דאָס ליכט שײַנט גאָר יאַנקעלען אין די אויגן.

פּאַף, ס׳לעמפּעלע איז שוין פֿאַרלאָשן! פֿינצטער... שטאַרק פֿינצטער. נאָר די מאַמע זעט יאַנקעלעס אויגן. אָ, ווי זיי בליש־טשען! טאַקע ווי צוויי שטערנדלעך.

— וואָס זשע ציטערסטו־אויף, ייִנגעלע? האָסטו מורא? צי ס׳איז דיר קאַלט? אָט דעק איך דיך גוט אײַן מיט דער קאָלדרע, און יאַנקעלען איז שוין ניט קאַלט.

אָט גלעט די מאַמע יאַנקעלעס קעפּעלע, און יאַנקעלע האָט שוין ניט מורא. נאָר וואָס דען, ס׳איז פֿינצטער? איז טאַקע זייער גוט: וואָס זשע הערסטו זיך אַזוי צו, ייִנגעלע? וואָס מיינט דער זיי־גער, ווען ער קלאַפּט טיק, טיק, טאַק? ווילסטו וויסן? יאָ? ער ווייסט נאָר איין מעשׂהלע אַ קלייניטשקס און אַ קורצס, האַלט אין איין דערציילן דער זייגער זײַן מעשׂהלע. טיק־טיק־טאַק. זאָגט דער זייגער נעכטן געקלאַפּט, הײַנט געקלאַפּט, תּמיד נאָר איך קלאַפּ: טיק־טאַק־טאַק. טיק־טיק־טאַק.

— וואָס זשע נאָך הערסטו, ייִנגעלע? הערסטו ניט ווי ס׳מאַכט עמעצער: שששט! שששט! דאָס שלאָפֿט שוין די גאַנצע וועלט. יאַנקעלע וועט שלאָפֿן. די מאַמע אויך, וועלן מיר אויך מאַכן שששט!

שטיל... שטיל... יאַנקעלע דרעמלט שוין. הערט ער ווי אַ קליין דיניבק פֿידעלע שפּילט אַזוי גרינג און ווי עפּעס אַ גלעקעלע קלינגט אַזוי שטיל: דזין־דזין־דזין. קומען מלאכימלעך, בלוייִנקע, מיט ווײַסע פֿליגעלעך. שאַ, שטיל פֿליִען זיי. נעמען זיי יאַנקעלען, פֿליִען זיי מיט אים אַוועק, ווײַט... ווײַט... מאַכט עמעצער: שששט... אַ גלעקעלע מיט אַ פֿידעלע. די מ־אַ־מ־ע און אַ גלעקעלע...

ה. אַלעקסאַנדראָוו

## יידיש וויגליד

שלאָף, מײַן קינד, אַ זיסער מלאך
טוט בײַ דיר צוקאָפּנס שטיין,
ביזקל מאַרק איז אַ מהלך,
האַנדלען וועט דײַן מאַמע גיין.
שלאָף, מײַן קינד; שלאָף, מײַן קינד,
מאַך די אויגן צו געשווינד.

ווי פֿון גינגאָלד איז דײַן קעפּל,
פּערל שיטן זיך פֿון מויל.
כ׳טראָג־אַוועק מײַן קאָשיק עפּל —
שלעפּ זיך, דלות, זײַ ניט פֿויל!
שלאָף, מײַן קינד — — —

ביסט אין קלויז דער גרעסטער מתמיד,
לערנסט גמרא טאָג און נאַכט.
שטייט מײַן קאָשיק ווי פֿאַרחתמעט,
און מײַן מזל שטייט און לאַכט.
שלאָף, מײַן קינד — — —

קענסט שוין באַלד די גאַנצע תּורה
און עס קלינגט מיט דיר די וועלט.
כ׳שטיי און פֿריר מיט מײַן סחורה,
ביז די ביינער גרייכט די קעלט.
שלאָף, מײַן קינד — — —

ווערסט מײַן זון אַ גבֿירס אַן איידעם
און קומסט־אַן צום שווער אויף קעסט.
מעג די קויפּערס נעמען שדים —

פֿון אַ גראָשן גיב זיי רעשט...
שלאָף, מײַן קינד — — —

טראָגסט אַ זײַדענע קאַפּאָטע
און די זאָקן ווײַס ווי שניי...
שטיי איך אָפּ דעם טאָג אין בלאָטע,
לויף אַהיים — אַ בראָך צו זיי...
שלאָף, מײַן קינד — — —

טראָגסט אַ היטל — שײַנט פֿון ווײַטן,
און אַ גאַרטל — גאָלע פּליוש...
פֿאַר דײַן טאַטן — ס'ברעכט די זײַטן —
שטעל איך קאָכן פֿוילע פֿיש...
שלאָף, מײַן קינד — — —

אַהרן ראובני

## אַ וועכטערס וויגליד

— ליו־ליו! האַלט־אײַן דײַן צינגעלע,
גענוג שוין שרײַען דיר!
דו שלאָפֿסט ניט מער מײַן ייִנגעלע...
נו, שאַ, נו, קום צו מיר.

כ'וועל זינגען דיר אַ לידעלע —
וועסט וואַקסן מיט דעם ליד,
וועסט אויסוואַקסן, קליין ייִדעלע,
און זײַן אַ גרויסער ייִד.

ניט וויסן פֿון קיין ווינדעלעך —
אַ קינד פֿון נײַעם דור.
עס וועלן פֿרײַע ווינטעלעך
צעבלאָזן דײַנע האָר.

ווּעסט שטיפֿן ווי די פֿייגעלעך
אין עמק יזרעאל
און ס'ווּעלן דײַנע אייגעלעך
ווי דימענט שײַנען העל.

און פֿון דער ערד, דער זאַפֿטיקער,
ווּעסט שעפּן כּוח, מוט,
ווּעסט כּסדר ווערן קראַפֿטיקער,
אַ בחור — מילך־און־בלוט.

ווי העלדן, ווי פֿאַרצײַטיקע,
זײַן שטאַרק, דײַן האַנט — ווי שטאָל,
בײַ היגע און בײַ זײַטיקע,
באַרימט אין גאַנצן טאָל.

אַ וועכטער — סט'פֿאָרן רײַטנדיק,
אָן פּחד און אָן שרעק,
דער פֿײַנט ט'ניט וואַגן שטרײַטנדיק
זיך שטעלן אויף דײַן וועג.

אַ מוטיקער, אַ פֿלעקלאָזער —
ווּעסט ווי אַ הירש זײַן שנעל,
דערפֿאָלגרײַך ווי דער שרעקלאָזער,
דער פֿלינקער יגאל[1].

---

[1] אַ העלד פֿון השומר.

מלך ראַוויטש

## אַ וויגליד פאַר אַמעריקאַנער יידישע קינדער

אין 1940

שלאָף־איַין, מיַין קינד, מיַין יידיש קינד,
שלאָף־איַין אָן שרעק, שלאָף־איַין אָן זאָרג.
אַיאָ — עס שלאָפט זיך רויק, קינד מיַינס,
צווישן מיליאָנען יידן
אין דער שטאָט ניו־יאָרק.

שלאָף, קינד מיַינס, שלאָף און דריי זיך איבער
מיטן פּנים צו דער וואַנט.
און איך וועל דיר אַ לידל זינגען
פון ברידערלעך און שוועסטערלעך
דיַינע אין אַ וויַיטן לאַנד.

שלאָף, מיַין קינד, דאָס לאַנד הייסט פוילן,
און ברידערלעך און שוועסטערלעך אָן צאָל
האָסטו דאָרט, קינד. בלוט פון דיַין בלוט, ביין פון דיַין ביין,
כאָטש האָסט זיי קיין מאָל נישט געזען
און וועסט נישט זען קיין מאָל.

אויך פעטערס, מומעס האָסטו דאָרטן,
און זיידעס קרומע מיט גרויע בערד,
און באָבעס מיט פאַרלאָשענע אויגן,
און עלטער־זיידעס אָן אַ שיעור
האָסטו דאָרטן אין דער ערד.

שלאָף, מיַין קינד, אין יענעם לאַנד
גייט אַצינד אַרום די שווערד,
און ס׳קליַיבן דיַינע ברידערלעך און שוועסטערלעך,

ווי די פֿייגעלעך, פֿון הונגער,
קרישקעלעך פֿון דר׳ערד.

שלאָף, מײַן קינד, אין יענעם לאַנד
גייט אין גאַס אַצינד אַרום די פּעסט,
שׂריפֿות לויפֿן איבער דעכער,
און אין צעלעכצטע שטיבער גייען
פֿראַנק־און־פֿרײַ אַרײַן די פֿרעסט.

שלאָף, מײַן קינד, אין יענעם לאַנד
וואַקסן ווי די ווילדע גראָזן קבֿרימלעך, אַ סך, אַ סך,
און יתומעלעך אויף גאַסן ליגן
דאָרט אין שניי, אין ווינט, אין רעגן,
און גאָטס הימל איז דער דאַך.

שלאָף, קינד מײַנס, און פֿאַרטרײַב זיי פֿון דײַן חלום,
שלאָף — דײַן פֿאָלקס, דו, גאָלדן ציר,
און אויב שוין חלומען — איז זאָלן בעסער
דײַנע ברידערלעך און שוועסטערלעך
חלומען פֿון דיר.

שלאָף, מײַן קינד, אַ געזונט אויף דיר,
פֿון אונדזער ייִדנבוים ביסטו, מײַן קינד, דער סאַמע שטאַם,
וואָס זשע דאַרפֿסטו אַזוי זיך זאָרגן
פֿאַר די דאָרע צווײַגן דאָרטן
אויף יענער זײַט פֿון ים?

שלאָף, מײַן קינד, ס׳איז נאַכט, און אויבן,
ווייך, אין וואָלקנס אײַנגעדעקט,
שלאָפֿט שוין גאָט, דײַן גוטער זיידעשי — — — —
שלאָף אויך דו. אַרום דיר איז דאָך ניו־יאָרק,
שלאָף שוין אָן זאָרג — שלאָף אָן שרעק.

לאה רודניצקי

## דרעמלען פייגל אויף די צווייגן

דרעמלען פֿייגל אויף די צווײַגן
שלאָף מײַן טײַער קינד.
בײַ דײַן וויגל אויף דײַן נאַרע
זיצט אַ פֿרעמדער און זינגט:
לו־לו, לו־לו, לו.




ס׳איז דײַן וויגל ווו געשטאַנען,
אויסגעפֿלאָכטן פֿון גליק.
און דײַן מאַמע, אוי, דײַן מאַמע,
קומט שוין קיין מאָל ניט צוריק!
לו־לו, לו־לו, לו...

כ׳האָב געזען דײַן טאַטן לויפֿן
אונטער האָגל פֿון שטיין —
איבער פֿעלדער איז געפֿלויגן
זײַן פֿאַריתומטער געוויין.
לו־לו, לו־לו, לו...

הירש גליק

## וויגט די מאַמע מיך און זינגט

וויגט מיך די מאַמע אײַן,
זינגט האַרציק ווי אין תּחינה:
— ווערסט, מײַן קינד, אַ לײַט נאָך זײַן —
איינער אין מדינה!
רײַס איך זיך בײַ איר פֿון שויס,
לאָז זיך ניט פֿאַרוויגן;
אויב ס'איז מיר באַשערט זײַן גרויס —
פּאַסט מיר ניט צו ליגן.
זינגט די מאַמע מיט אַ שטים —
איז עס הוילע האָניק,
שרײַ איך מיט מײַן מעסערשטים,
קוויטשיק און איינטאָניק.
קלאָגט זי זיך: — אוי, לאָז צו רו! —
און איך זע צוויי ציגן...
קלעפּן זיך די אייגעלעך צו
און איך ווער אַנטשוויגן.

דוד קאַרנבליט (דגן)

## אַ וויגליד

באַלאַדע

וואַנדערט אַ קרישטאָלענע נאַכט
אין שנייִקן אורוואַלד איינע אַליין
און הערט זיך צו, ווי פֿון ווײַט
פֿליסט אומעטיק שטיל אַ געוויין.

ווער וויינט עס אַזוי שפּעט אין דער נאַכט
און וועקט דעם וואַלד פֿון זײַן רו ?
עס איז דער ווינט, וואָס וואָגלט־אַרום
און ווייסט ניט זײַן היים אַוווּ ?

„אַמאָל איז געווען אַ מלך" —
אַזוי זינגט אין דער שטיל דער ווינט
און וויגט אין זײַנע מאַמעשע אָרעמס
אויפֿן שנייִיקן בוים דאָס קינד.

„אַמאָל איז געווען אַ מלך,
האָט ער פֿאַרלוירן זײַן לאַנד,
וואַנדערט ער אום אין דער פֿרעמד
אין זײַן הייליקן מלכות־געוואַנד".

און עס הערט זיך אײַן דאָס קינד
צום היימישן וויגליד פֿון ווינט :
„עס איז דײַן מאַמע פֿון דיר ווײַט אַוועק,
אַז ווי איז אונדז און ווינד" !

„עס איז דײַן מאַמע פון דיר ווײַט אַוועק
און קומט ניט מער צוריק —
בין איך דײַן מאַמע אַצינד
און דער בוים דײַן זילבערנע וויג".

וויגט זיך דאָס קינד אויפֿן בוים
פֿאַרשטאַרצט און אימהיק אַליין
און הערט זיך צו, ווי פֿון ווײַט
פֿליסט אומעטיק שטיל אַ געוויין.

„שלאָף זשע, שלאָף, מײַן קינד,
עס פֿאַלט שוין אַ מידע די רו ;
אַמאָל איז געווען אַ מלך,
אײַ־ליו־ליו־ליו־ליו !"

וויגט זיך דער קינדערשער גוף
אויפֿן בוים אין זילבערנעם וויגעלע
און צופֿוסנס היט אים פֿון פֿײַן
דאָס ווײַסינקע, קלאָרע ציגעלע.

„אונטער דײַן זילבערן וויגעלע
שטייט אַ ווײַסינקע ציגעלע,
דאָס ציגעלע איז געפֿאָרן האַנדלען
ראָזשינקעלעך מיט מאַנדלען“.

הערט ער זיך אײַנעט צום ליד
וואָס ס׳האָט אים זײַן מאַמע געזונגען
און עס שטוינט פֿאַרכישופֿט די נאַכט
אין אורוואַלד פֿון די ניבעלונגען.

קען זיגפֿריד דער דײַטשישער העלד
ניט פֿאַרטראָגן דאָס שטילע געוויין;
כאַפּט ער זײַן בויגן און שווערד
און לאָזט זיך אין וואַלד אַרײַן גיין.

דערזעט ער, ווי עס וויגט זיך אין ווינט
דער קינדערשער גוף אויפֿן בוים,
פֿאַרגיסן זיך זײַנע אויגן מיט בלוט
און פֿון האַס דאָס מויל מיט שוים.

צעברענט זיך די שׂנאה בײַ אים
און ער שפּאַנט זײַן העלישן בויגן
און צוויי הייסע קוואַלן פֿון טרערן
שלאָגן פֿון די קינדערשע אויגן.

און ער שיסט גלײַך אין האַרץ פֿון קינד
דרײַ פֿײַלן פֿון שטאָל — ניט פֿאַרפֿעלט,
נאָר עס פּראַלן די פֿײַלן צוריק
אין דער ברוסט פֿון דײַטשישן העלד.

צעברענט זיך זײַן צאָרן נאָך גרעסער:
„דו, פֿערפֿלוכטער יודע, דו, שווײַן!“ —
ציט ער אַרויס זײַן שווערד
גלײַך דעם קינד אין האַרצן אַרײַן.

צעברעקלט די שווערד זיך אויף שטיקלעך;
„יאַ, דאַנערוועטער ניכט געלונגען“ —
שרײַט אוממעכטיק ווילד דער העלד
אין אורוואַלד פֿון די ניבעלונגען.

און פּלוצעם גייט־אויף אַ ליכט
און דער בוים צעבלויט זיך אין בליִען,
און איבערן קאָפּ פֿונעם קינד
קומט די גילדענע פּאַווע צו פֿליִען.

שטייט ער דער העלד און ער גאַפֿט
מיט דער צעבראָכענער שווערד אין די הענט,
און דער האַקנקרייץ שוואַרץ אויף זײַן ברוסט
צינדט־אָן זיך אין פֿײַער און ברענט.

און עס צעגיסט זיך אַ הייליקער שמייכל
איבער די ליפּן פֿון קינד;
און ער לאָזט זיך אַראָפּ פֿון בוים,
געטראָגן אין די אָרעמס פֿון ווינט.

לאָזט ער זיך ווײַט אַוועק
און דאָס ציגעלע גייט־נאָך זײַנע טריט,
און די גילדענע פּאַווע איבער אים
מיט אירע פֿליגל פֿון צער אים באַשיצט.

שטייט ער, דער העלד, און ער שטוינט
אין געפּלעט פֿון פֿלום און וואָר;
עס איז ווידער אַ ווונדער געשען
ווי פֿאַר טויזנטער, טויזנטער יאָר...

שלום אַש

# דער יונג מיטן קינד

אַז ברוך קאָלאַק האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין דער פֿרי, האָט ער דערהערט דאָס קינד וויינען נעבן אים. פֿאַרשלאָפֿענערהייט, נאָך מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, האָט ער אייניקע מאָל גערופֿן:

— גאָלדע, דער ממזר וויינט!

גאָלדע האָט זיך נישט אָפּגערופֿן. אַז ער האָט זיך גוט אָנגע־הויבן אַרומצוקוקן, האָט ער ערשט באַמערקט, אַז גאָלדע איז נישטאָ.

צו ערשט האָט עס אים אַ ביסל געוווּנדערט. געטראַכט: זי איז אַוודאי צום וואַסער געגאַנגען זיך וואַשן. ער האָט אויסגעזוכט אַ שטיקל לײַוונט און דעם קינד אין מויל געשטעקט, אַז עס זאָל אויפֿהערן צו וויינען.

ער האָט זיך דערוויַיל אָנגעטאָן, טראַכטנדיק — וויפֿל מען וועט קענען פּאַקן פֿאַר די זילבערנע לײַכטערס, וואָס זיי האָבן בײַ נאַכט פֿון זשאָבלינערס שאַנק אַרויסגעצויגן. ער איז אַרויף מיט איין פֿוס אויפֿן בוידעם, באַטראַכטן די חפֿצים — זיי זײַנען נישטאָ! ער שאַרט אַהין, שאַרט אַהער — נישטאָ. ער איז אַראָפּ פֿלינק פֿון בוידעם, אַראָפּגעריסן דאָס לײַלעך פֿון וואַנט — אירע זאַכן זײַנען נישטאָ! דעמאָלט איז אים קלאָר געוואָרן אין מוח: זי איז אַנטלאָפֿן פֿון אים.

— מיט וועמען?

מיט שלמה שלאָסער אָדער מיט חיימל גנבֿ?

אַנטלאָפֿן, גיי ברעך הענט און פֿיס! אויף טויזנט כּפּרות.... צו אַל די שוואַרצע יאָר!... האָט ער מיט אַ געמאַכטן שמייכל געזאָגט און אויף די ווענט געשפּיגן. אַ געשעפֿט האָסטו?... הע... הע... קע...

ער האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויפֿן קינד:

— אָבער מיטן ממזר וואָס מאַכט מען, מיטן בענקאַרט[1]? דעם בענקאַרט אירן! — אָבער ער האָט נישט קיין פֿוס געקאָנט שטעלן ווײַטער. בײַם האַרץ האָט עס אים גענאָגט... גענאָגט... ער האָט צונויפֿגעקוועטשט די הענט אין אַ קולאַק און איז נאָך אַ מאָל אין שטוב אַרײַן.

איצט האָט שוין דאָס קינד געוויינט מיט אַ לאַנגן קינדישן געוויין: מאַמ־מ־מ־מאַ, מאַמ־מ־מ־מאַ!

— די מאַמע רופֿט עס נאָך! גיי, זוך דיר דײַן מאַמען, די אויסגעלאַסענע!... אַ כאָלערע זאָל זי דאָרט פּאַקן, ווו זי איז! זוך זי דיר...

ער האָט דאָס קינד אויף די הענט גענומען. דאָס קינד האָט זיך וואַרעם צו אים צוגעטוליעט, מיטן מײַלעכל עפּעס בײַ אים געזוכט... דאָס פּנים, די הענט אים געזויגט און אַזוי זיך וואַרעם געטוליעט צו אים...

— אַ כאָלערע זאָל זי דאָרט פּאַקן, ווו זי איז!...

ער האָט געשאָלטן און דאָס קינד האָט ער געגלעט מיט דער האַנט איבערן בעקל, איבערן לײַבל:

— שווײַג, שלמהלע, שווײַג... שווײַג... איך בעט דיך. שווײַג... איך בעט דיך!

נאָר דאָס קינד האָט געזוכט מיטן מײַלעכל, געוואָרפֿן מיט די הענטעלעך און געמאַכט מיטן קעפּל, ווי עס וואָלט עפּעס ריידן געוואָלט... ער האָט עס וואַרעמער צו זיך צוגעטוליעט, אויפֿגעזוכט אַ ביסל קאַלטע מילך אויפֿן אויוון, אַרײַנגעבראָקט די זעמל און האָט דעם קינד מיט אַ לעפֿעלע צו עסן געגעבן. דאָס קינד האָט געגעסן פֿון זײַן האַנט, און ער האָט שטיל גערעדט צו אים:

— עס געזונטערהייט, איך בעט דיך... דײַן מאַמע, אויסגעראָט זאָל זי ווערן, אַנטלאָפֿן — איבערגעלאָזט דיך. אַ הונט לאָזט נישט איבער די הינטעלעך, איז זי ערגער פֿאַר אַ הונט. אַ קאַץ לאָזט

---

[1] (פּויליש) ממזר.

נישט איבער אירע קעצעלעך, איז זי ערגער פֿאַר אַ קאַץ... שווײַג... איך וועל דיך נישט איבערלאָזן... זאָל איך שוין אַזוי לעבן!...

אַז דאָס קינד האָט זיך אײַנגעשטילט, האָט ער עס אין אַ טוך אײַנגעוויקלט און איז מיט דעם אין גאַס געגאַנגען.

געקומען אין מאַרק אַרײַן צו קראַדניקס שטעל[2], ווערט אַ גע־רודער! „קאָלאַק" גייט מיט אַ קינד! קראַדניק רופֿט צו אים פֿון דער שטעל:

— ווו האָסטו דאָס יאַטל[3] געפּאַקט?

די קראַדניקאָווע הייבט זיך אויף מיט אַ גרויסער גדולה, לויפֿט־צו צו אים מיט אויפֿגעעפֿנטע הענט, ווישט זיך איבער אייניקע מאָל דאָס פּנים מיטן פֿאַרטעך פֿאַר גרויס פֿרייד, לאַכט און קלאַפּט דעם קינד אין געזעסל אַרײַן:

— קאָלאַק, עס איז דײַנס!... זאָלסט מיר לעבן, זע, ס'אַר אַנ־איגעלעך ער האָט! איך וואָלט געשווירן, אַז עס איז פֿון דער — פֿון דער מאַרינע מיט דער פּראָבער נאָז: פּונקט איר נאָז, זאָלסט מיר אַזוי לעבן! אַ קינד אַ קרוין, גיב עס נאָר, גיב עס נאָר אַהער!

און זי נעמט פֿון אים דאָס קינד, וואַרפֿט עס מיטן האַנט: אַזוי, דו פּופּיק אײנער, אַ פּשישאָק[4] !...

דער אַלטער קראַדניק מיט דער אײנער האַנט, דער „רבי" פֿון די גנבֿים, דערהייבט זיך זייער פּאַמעלעך פֿון זײַן שטעל, גייט־צו, באַטראַכט דאָס קינד און קלאַפּט דערנאָך קאָלאַקן אין פּלייצע:

— נישקשה, נישקשה פֿון אַ יאַטל. וועט געשיקט דורך אַ ליפּ־טשיק[5] קריכן! ווער איז די מוטער?

— זאָל איר דאָרט אַ פֿײַער אין אירע אויגן זיך אָנצינדן, ווו זי איז אַנטלאָפֿן בײַ נאַכט... די לײַכטערס מיטגענומען!...

— און דאָס קינד האָט זי איבערגעלאָזט?

— איבערגעלאָזט.

---

[2] אָרט, ווו מ'שטייט מיט דער סחורה. — [3] לעבעדיק ייִנגל. — [4] הינטע־לע. — [5] קליין פֿענצטערל (אין אַ גרויסן פֿענצטער).

— איז נישט גוט... איז נישט גוט! — קראַצט זיך דער אַלטער קראַדניק אין קאָפּ.

דער יונגער קראַדניק קומט־צו און מאַכט צו קאַלאַקן אַזוי:

— נישקשה, וועסט איצט מעגן די „פּרנסה" אַוועקלייגן און אַ ניאַנקע ווערן... אַ שטיקל דיר אַנגעטאָן, וואָס?

— זאָל דיר דײַן קאָפּ פּאַר מיר נישט דאַרן! גאָט איז אַ פּאָ־טער, און קאָלאַק איז קאָלאַק!

געגומען דאָס קינד אויף דער האַנט, האָט ער זיך געלאָזט אי־בער דער שטאָט.

אים האָט זיך געדאַכט, אַז מענטשן קוקן אים נאָך, טײַטלען מיט די פֿינגער און לאַכן אים אויס.

ער האָט זיך פֿאַר אַ געוועלב אָפּגעשטעלט און אַרײַנגעשאָלטן:

— וואָס לאַכט איר! אַ מענטש האָט אַ קינד. איר מעגט האָבן קינדער, די כאָלערע זאָל אײַך פּאַקן, און איך נישט?!

ער איז אויסן שטאָט אַרויס, אַנגעקומען צום וואַלד און זיך בײַם סטאַוו [6] געזעצט.

אַרום אין דער געגנט איז קיינעם נישט געווען צו זען; נאָר די צווײַגן פֿון די ביימער האָבן טרויעריק גערוישט, אַראָפּוואַרפֿנדיק פֿון זיך די געלע בלעטלעך. פֿון גאַנץ ווײַט האָט זיך אַ וואַסער צווישן די שטיינער געגאָסן.

ער האָט דאָס קינד בײַ זיך אַנידערגעלייגט און מיט אַ בי־טערקייט געקוקט אויף אים. דאָס קינד האָט אים שווײַגנדיק אָנגע־קוקט, דאָס הענטל אין מײַלעכל געזויגן און פֿון עפּעס געקלערט — ווי עס וואָלט זיך אין זײַן וועלט דערמאָנט, אין דער וועלט, פֿון וועלכער עס איז געקומען צו גיין.

קאָלאַק האָט נישט געוווסט וואָס אָנצוהייבן מאַכן מיטן קינד. ער האָט אין איין מינוט געקלערט, ווי אַזוי פֿון דעם קינד פּטור צו ווערן... נאָר באַלד האָט אים אַרומגענומען אַזאַ רחמנות אויף

[6] שטייענדיק טײַכל.

זײַן אייגן קינד, אויף זײַן אייגן בלוט־און־פֿלייש... ער האָט דאָס קינד אין אָרעם גענומען, פֿעסט צו זיך צוגעדריקט און געקוקט דערויף, אַזוי אומעטיק, מיט אַזאַ ליבע, אַז דאָס קינד האָט דערפֿילט זײַן וואַרעמען בליק און עס האָט צו אים אַקעגנגעשמייכלט.

— ווער ביסטו? שלמהלע, ווער ביסטו? — ווו איז דײַן מאַמע? די מאַמע, ווילסט צו דער מאַמען? יאָ, דו ווילסט?

דאָס קינד האָט צו אים אַקעגן מיט די פֿיסלעך געטאַנצט און געשמייכלט אַזוי ליבלעך, אַזוי גוט.

ער האָט אין דעם קינדס געזיכט זײַן פּנים דערקענט. אים איז וואַרעם אין די גלידער געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן צו שמייכלען, ער — האָט זיך געפֿרייט, אַז עס איז נאָך ווער דאָ, וואָס זעט־אויס ווי ער.

— קליינער קאָלאַק! — מאַכט ער צום קינד — יאָ, דו ביסט אַ קליינער קאָלאַק, און דו וועסט זײַן אַ ייִד... קריכן דורכן לופֿט־טשיק, אויף בוידעמס, שלעסער אָפּדרייען און קאַלבלעדער גנבֿענען! און דו וועסט האָבן קינדער, און די מאַמע וועט פֿון זיי אַנטלויפֿן... יאָ, און וועסט מיט דײַנע קינדער איבער די הייזער גיין?... יאָ, ווער ביסט דו, דו קליינער קאָלאַק? ווער ביסטו? אַ קאָלאַק, איך קאָלאַק, — דו — איך, יאָ? מײַן... מײַן!...

ער האָט דאָס קינד אַרײַנגענומען צו זיך הינטער דער וועסט און געוואַרעמט זײַן ברודיק לײַב מיטן קינדס ווייך לײַבל. דאָס קינד האָט דאָס קעפּל אײַנגעבויגן און בײַ אים עפּעס געזוכט, גע־לעקט זײַנע פֿינגער, געזויגן.

— ניין, איך האָב נישט קיין ברוסט. גאָט האָט מיר נישט גע־געבן פֿון דײַנעט וועגן צו קאָרמען. וואָלט איך געהאַט פֿאַר דײַנעט וועגן בריסט, וואָלט איך זיי קיינעם נישט פֿאַרקויפֿט... קיינעם נישט אַוועקגעגעבן... איך וואָלט נישט אַנטלאָפֿן פֿון דיר...

ער האָט דאָס קינד אַוועקגעלייגט בײַם ברעג פֿון סטאַוו, זיך געשטעלט הינטער אַ בוים און געקוקט אויפֿן קינד, וואָס וועט עס טאָן.

דאָס קינד איז, ווי פֿריִער, געלעגן און געזויגן די הענטעלעך אין מײַלעכל, געגראָבן מיט די פֿיסלעך און געוויינט שטיל, ווי שפּילנדיק זיך: מאַמ־מ־מאַ, מאַמ־מ־מאַ.

ער האָט זיך אָפּגערוקט אַ בוים ווײַטער, ווי אַוועקגנבֿענענדיק זיך פֿון זיך אַליין... און זײַנע אויערן האָבן נאָך קוים פֿאַרנומען דעם קינדס געוויין... אַזוי האָט ער זיך אָפּגעגנבֿעט פֿון קינד, פֿון בוים צו בוים, ביז ער האָט עס שוין נישט געזען און נישט געהערט. און דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן פֿלינק צו אַנטלויפֿן.

ער איז געלאָפֿן איבער פֿעלדער, ווײַט אַוועק, און אין די אויערן האָט אים געקלונגען דאָס קינדס געוויין: מאַמ־מאַ, מאַמ־מאַ! און אים האָט זיך אָפּגעדאַכט אַלץ, ווי דאָס קינד קײַקלט זיך אין סטאַוו אַרײַן... בײַם האַרץ האָט עס אים גענאָגט... גענאָגט... און דער ראַנד פֿון קאָפּ האָט בײַ אים אָנגעהויבן וויי צו טאָן... די הענט האָבן אים געציטערט — און ער איז ווײַט, ווײַט אַנטלאָפֿן.

פּלוצעם האָט ער זיך אין מיטן לויפֿן אָפּגעשטעלט. אַרומגעקוקט זיך און אָנגעהויבן זיך פֿלינק צוריקקערן צום קינד, בײַם ברעג סטאַוו...

דאָס קינד האָט ער געפֿונען וויינענדיק הויך:

— מאַמ־מאַ, פּאַ־פּאַ, מאַ־מאַ, פּאַ־פּאַ!...

ער האָט עס אויף די הענט גענומען און געגאַנגען מיט דעם צו די נאָענטע הײַזלעך, וואָס זײַנען הינטער דעם וואַלד; געגאַנגען פֿון טיר צו טיר און געבעטלט מיט אַ געבראָכענער שטים:

— גיט פֿאַר אַ קינד, אַ יתום, אַ לעפֿל מילך... גיט פֿאַר אַ קינד, אַ יתום, אַ לעפֿל מילך!...

אליעזר שינדלער

# וויגליד

שלאָף, מײַן קינד און האָב הנאה,
איבער דיר די הימלען בלויע,
זילבער־וואָלקן שיין געשליפֿן
שוימען שטאָלץ ווי וווּנדער־שיפֿן.

פֿירן אוצרות גאָלד פֿון אופֿיר
און משיחס גאולה־שופֿר,
צעדער־ביימער פֿון לבֿנון,
מאַסטן פֿאַר די חרות־פֿאָנען.

בעליקעס פֿאַר אונדזער היכל:
— קליינער כּרובֿ, איך קוש דײַן שמייכל,
כ׳קוש די קלוגע, טיפֿע אויגן,
שיינע ווי דער רעגן־בויגן.

שלאָף, מײַן קינד, מיט גרויס הנאה,
איבער דיר די הימלען בלויע,
אַרום דיר די גרינע לאָנען,
ווו גאָטס ברכה איז פֿאַראַנען.

אין די וועלדער פֿלינקע הערשן,
אין די סעדער רויטע קערשן;
סטאַדעס שאָף, טאַבונען פֿערד,
אויף פֿלוינען מיסטישע פֿאַרקלערט.

עופֿות, אויבסן, ברויט און קימל,
פֿעטס פֿון ערד און טל פֿון הימל.
סטויגן ווייץ און קאָרן־גאַרבן,
ליכט פֿון שפֿע, פֿרייד און פֿאַרבן.

יעקב פרידמאַן

## פון „אַ וויגליד"

...ס׳האָט דיך ליב, מײַן צברא, דײַן טאַטע;
ס׳איז ליב אים דאָ איטלעכע זאַך:
אונטער אייגענעם ווײַנשטאָק די כאַטע
און די זון אויפֿן ייִדישן דאַך...

און ליב אים אַפֿילו דאָס לשון,
וואָס דו׳סט ריידן, צברא, מײַן קינד;
נאָר אַז דײַן טאַטע וועט טײַכרוישן לוישן [1],
און צום פּלאַפּל פֿון בלעטער אין ווינט,

וועט ער הערן, נאָר הערן יענץ לשון
(אייביק, אייביק מסתּם),
וועט קנײַען מיט טרערן און קושן
זײַן איינזאַמען, עלנטן גראַם...

שלאָף, מײַן צברא, שלאָף מײַן אוצר!
דאָס לעבן גייט זײַן גאַנג...
וועסט אויסוואַקסן, מײַן זונעלע, אַ גרויסער —
פֿאַרשעם נישט דײַן טאַטנס געזאַנג...

---

[1] אויפֿכאַפּן.

# 2

# וואס קינדער ווילן

ב. סמאַליאַר

## דאָס פּיצעלע

דאָס פּיצעלע קינד,
וואָס איך פֿאַרמאָג,
איז זיס ווי האָניק
און קלוג ווי דער טאָג.

עס קאָן נאָך ניט ריידן,
אָבער כ'ווייס וואָס עס מיינט,
סײַ ווען עס שפּילט זיך,
סײַ ווען עס וויינט.

י. י. סיגאַל

## בערעלע

בערעלע ציט זיך
און וויל ווערן גרויס,
כאָטש ביז צום קיכטיש
אין זייער הויז.

טוט זיך אַ צי
און לאָזט זיך אַראָפּ,
טאָפּט זיך בײַם אַקסל,
טאָפּט זיך בײַם קאָפּ.

איז אָבער בערעלע
קליין ווי אַ האָז,
קליין ווי דער עק
פֿון דעם העלעפֿאַנטס נאָז.

אַוודאי וועט בערעלע
אויפֿוואַקסן גרויס,
אַפֿילו אַריבערן
טיש פֿון זייער הויז.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

## שטערן פאַלן

אויף אַ באַרג אַ הויכן
זיצן קינדער זיבן —
וואָס זיי ווינטשן האָבן זיי
אויפֿן זאַמד פֿאַרשריבן.

האָבן זיך שטערן
אָנגעטאָן די ברילן
און זיי לויפֿן לייענען,
וואָס די קינדער ווילן.

זיי לייענען און לייענען
און קאָנען ניט פֿאַרשטיין,
וואָס די קינדער ווילן,
וואָס איז זייער מיין.

אפֿשר קיכעלעך מיט מאָן,
אפֿשר צוקער־קאַנדל,
אפֿשר רויטע עפּעלעך,
אפֿשר זיסע מאַנדל?

נאָר די קינדער שווײַגן שטיל
און זיי קלערן, קלערן,
וואָס זאָלן זיי אויסביטן
בײַ די זיבן שטערן.

קינדער אייגעלעך פֿאַרזשמורען
און זיי האָבן זיך דערמאָנט:
זיי פֿאַרלאַנגען אַז די שטערן
זאָלן אונטערקומען נאָנט,

האָבן שטערן זיך פֿאַרוווּנדערט,
סטײַטש און סטײַטש, ווי קען דאָס זײַן?
ווער וווינט אין הימל שטענדיק
יענער מוז אין הימל זײַן.

אָבער קינדער בעטן זיך און בעטן,
פּאַטשן מיט די הענט און שאַלן.
נו, איז מילא, וואָס קאָן זײַן?
הייבן שטערן אָן צו פֿאַלן.

פעסיע פאַמעראַנץ־האָניגבוים

## אַ יינגעלע — אַ שרעטעלע

דודל, מײַן דודל —
בלויז דרײַ חדשים אַלט,
דאָס קעפּעלע מיט רויטן פּוך,
דאָס פּנימל צעשטראַלט.
צעעפֿנט ער דאָס מײַלעכל
ווי אַ פֿישל קעגן זון,
נאָר וואָרקעט ווי אַ טײַבעלע
פֿון פֿרי באַגינען אָן.
דאָס רעדט ער צו די פֿייגעלעך,
אַ שפּילעכל פֿאַר אים,
פּאַפּירענע, קאָלירענע,
וואָס פֿליִען איבער אים.
אַ יינגעלע — אַ שרעטעלע,
בלויז דרײַ חדשים אַלט,
ליגט דודל אין בעטעלע
מיט אייגעלעך צעשטראַלט.

## פ י צ ל

פיצל, פיצל, פיצעניושקעלע,
קלייניניק מיידעלע פּאַמפּושקעלע,
אויגן — שטיקלעך הימל, בלוי,
שטייט אַליין און טוט אַ שפּאַן
שטייט אַליין שוין אָט אַזוי.
און אין דיל אַ טאַראַבאַן!

אָבער ניט מיט אַ געוויין.
פּיצל הייבט זיך אויף אַליין,
הייבט זיך אויף און ציט זיך אויס,
שטעלט אַ פּיסעלע פאָרויס.
איינס און צוויי און דרײַ און פיר,
פּיצל איז שוין בײַ דער טיר.

קומט דער שטילער אָוונט אָן,
מאַמע צינדט די לאָמפּן אָן.
זשוזשע — זשוזשע, כּי און כאַ,
אַ פּאַמפּושקעלע אַזאַ!
נאָר סע שטיפט און נאָר סע לאַכט,
ס׳וואָלט געטאַנצט אַ גאַנצע נאַכט.

אסתר שומיאַטשער

## מיין קינד

אַן עמער,
אַ בערגל זאַמד
און אַ רידל.
אַ היטל

מיט בלוי
און מיט ווינט —
יע,
עס איז אמת,
עס שפּילט זיך מיט דעם
מײַן קינד.

דער האָן איז ווײַס
און זײַן קאַם איז רויט —
ער שטעלט די פֿיס ווי אַ גיבור.
מײַן קינד פֿאַרוואַרפֿט
זײַן בלאָנדן קאָפּ —
אַ חלום
איז די וואָר...

דער טאָג איז בלאָנד,
דער טאָג איז בלוי
און אויסטערליש פֿאַרטראַכט —
מײַן קינד
יאָגט נאָך דעם יונגן ווינט
און לאַכט,
און לאַכט,
און לאַכט.

דער ווײַסער האָן
שטרעקט־אויס זײַן האַלדז
און שפּרייט די פֿליגל אויס —
מײַן קינד
צעשפּרינגט זיך ווי אַ האָז
און לאַכט ווי ער איז גרויס.

מײַן קינד
שפּרייט די הענטלעך אויס —
ער יאָגט זיך נאָך אַ פֿעדער.
דער האָן
דערשרעקט אַ ברוינע מויז —
עס לאַכט אַ גרינער צעדער.

דער עמער שטייט.
עס וואַרט
דאָס זאַמד און רידל.
מײַן קינד —
אַ שטראַל פֿון פֿרייד —
אַ ליד פֿון פֿידל...

יהואָש

## דאָס קראַנקע קינד

געשמייכלט האָט דאָס מײַלכעלע,
פֿון שלאָף געעפֿנט האַלב,
געלעגן מאַט דאָס קעפּעלע,
ווי בײַ אַ קראַנקער שוואַלב...

געהאַלטן האָט זי צוגעדריקט
צום הערצעלע געטרײַ
די ליאַלקע מיט די ברוינע האָר,
דעם הונט פֿון פּאָרצעלײַ...

און אויסגעשפּרייט איר רײַכטום איז
געלעגן נעבן איר:

צוויי שפּולעכלעך, דרײַ בענדעלעך,
מיר קוויטן פֿון פּאַפּיר...

דאָס האַרץ געוואָרן איז מיר שווער
און כ׳האָב בײַם קליינעם בעט
צום ערשטן מאָל אין יאָרן פֿיל
געמורמלט אַ געבעט...

משה־דוד גיסער

## רייזעלעס אייזעלע

רייזעלע, קליין רייזעלע
האָט פֿון טוך אַן אייזעלע.
האָט עס לאַנגע אויערן,
כאָטש ס׳איז פּיצל קליין.

און ס׳האָט בײַם בויך אַ קנעפּעלע.
קוועטשט מען, נעמט דאָס קעפּעלע
שאָקלען זיך און וויגן זיך
און ס׳ווײַזט אַ מויל מיט ציין.

פֿאַררײַסט עס באַלד דאָס עקעלע
און מיט אַ גאָלדן גלעקעלע,
וואָס ווײַזט זיך אויף זײַן העלדזעלע,
קלינגט עס קלינג און קלאַנג.

פֿרעגט בײַ אים זײַן רייזעלע:
— זאָג, פֿאַר וואָס, מײַן אייזעלע,
האָסטו פֿיס צו קורצינקע
און אויערן צו לאַנג?

פעסיע פּאָמעדאַנץ־האָניגבוים

## אין גאָרטן

פֿליגל־פֿלאַטער, בלעטעררויש,
פֿייגל־צוויטשערײַ.
אינעם קליינעם גרינעם גאָרטן
שפּילן קינדער דרײַ.

מאָטל „פּוז" און חנהלע,
און לאהלע בײַם זײַט;
קינדער ווי די וועווערקעס
שפּרינגען־אום פֿאַרשײַט.

לאהלע די שטיפֿערקע
קײַקלט זיך אין גראָז.
מאָטל „פּוז" האָט אויסגעשמירט
חנהלען די נאָז.

חנהלע צעבייזערט זיך:
— מאָטעלע, דו „פּוז"!
פֿאַר וואָס האָסטו אויסגעשמירט,
שוואַרץ געמאַכט מײַן נאָז?

לאהלע די שטיפֿערקע
קוקט און לאַכט און לאַכט —
ביז עס האָבן אַלע דרײַ זיך
מיט אַ מאָל פֿאַרטראַכט...

אויף אַ גרינעם צווײַגעלע,
ערשט אַרויס פֿון נעסט
יונגע קינדער־פֿייגעלעך
זוכן פֿאַר זיך קעסט.

מאָטעלע און חנהלע,
לאהלע בײַם זײַט,
קוקן, ווי די פייגעלעך
פליען ערגעץ ווײַט...

ב. סמאָליאַר

## דער זייגער

דער טאַטע האָט געבראַכט אַ זייגער אין הויז,
קוק איך אויף אים און איך טראַכט:
ווען שלאָפט דער זייגער זיך אויס,
אַז ער גייט סײַ בײַ טאָג, סײַ בײַ נאַכט?...

י. ל. פּרץ

## עטעלע

זאָג מיר, עטעלע מײַן גאָלד,
וואָס האָסטו פײַנט, וואָס האָסטו האָלד?
בלײַבט זי שטיין ווי צעמישט,
עטל שווײַגט און ענטפערט נישט.
דאָך ווייסן אַלע, ווי מיר שײַנט,
וואָס עטעלע האָט ליב און פײַנט.

ליב האָט אונדזער עטעלע
צו ליגן לאַנג אין בעטעלע;
פײַנט האָט זי נאָר אויפצושטיין,
אויך בײַ נאַכט דאָס שלאָפן גיין...

ליב האָט עטעלע צו נאַשן,
פֿײַנט — דאָס פּנימל צו וואַשן.
קנאַקן ניסלעך? — גאָר נישט פֿויל.
פֿײַנט צו שווענקען אויס דאָס מויל!

אויך ליבט זי זייער פּוטער־זעמל
און קען נישט אָנקוקן דאָס קעמל.
לערנען — מאָרגן, נאָר נישט הײַנט!
דאָס איז אַלץ, וואָס מיר שײַנט.

עליזה גרינבלאַט

## אַ הינטעלע

ס'האָט מײַן שוועסטער רייזעלע
געבראַכט פֿון גאָס אַ הינטעלע,
געשײַנט האָבן די אייגעלעך,
בײַ רייזעלען פֿון גליק.

אַ הינטעלע אַ קלייניקער,
אַ ברויניקער, אַ שייניקער,
געווען איז דאָס הינטעלע
איך זאָג אײַך אַן אַנטיק.

געבאָדן האָט אים רייזעלע,
געקעכלט און געצערטלט אים,
געהאָדעוועט מיט עסנוואַרג,
דאָס בעסטע פֿונעם טיש.

ברויט און פּוטער — אײַנגעמאַכטס,
זופּנפּלייש און ביינדעלעך,

לונג און לעבער פֿרישינקע,
און אויך געפֿילטע פֿיש.

פּלוצעם אין אַן אינדערפֿרי
איז אַוועק דאָס הינטעלע,
און ניט געקומען מער צוריק.
ס׳האָט שטיל געוויינט רייזעלע,
מיט טרערן ליכטיקע ווי פּערעלעך,
אויף איר פֿאַרלוירן גליק.

לייב קוויטקאָ

## לעמל נאַשער

— 1 —

איך קאָן אַ ייִנגל לעמל —
אַ פֿײַער נישט קיין יונג,
רוחישע צוויי אייגלעך,
אַ גלעקעלע די צונג.

דאָס היטל אָן אַ דאַשעק,
דאָס מײַלכל אָן אַ שלאָס,
סע קוואַקעט ווי אַ פֿרעשל,
סע פּלאַפּלט אָן אַ מאָס.

קוועקזילבער די פֿיסלעך,
זיי שווינדלען הין און הער,
גיכער ווי דאָס קעצל,
ווי ס׳צאַפּעקל נאָך מער...

אַך, איז ער אַ נאַשער,
אַ ווילער פֿינגערלעך!
ער האָט אַ קונציק נעזל,
און דאָס האָט אַ געשמעק!

באַהאַלט פֿאַר אים זײַן מאַמע
עפּעס אויף אַן אָרט,
שמעקט ער באַלד און נישטערט
און געפֿינט דאָס פֿאָרט.

— 2 —

זומער, אַך אַ זומער!
פֿול מיט אויבסן — שלעק,
קאַוועס אין שטאַלן,
עפּל אין די זעק.

זײַערט מען, מע פּרעגלט —
זויערס, אײַנגעמאַכטס,
קאָכט דאָס גאַנצע שטעטל
פֿון פֿאַר טאָג ביז נאַכט.

זידן פֿײַער־קאַנען,
דרויסן לעבט און רעשט.
אין די טעג האָט לעמל,
אַך, האָט ער גענאַשט!

פֿלוימען, עפּל, ווײַנשל,
ווײַנפּערלעך און נאָך,
אײַנגעטונקט אין פּרעגלעכטס
איז ער גאָר די וואָך.

און אויך לעמלס מאַמע,
לײַטן גלײַך אַזוי,
האָט זי אײַנגעפּרעגלט
אײַנגעמאַכטס אַ סלאָי.

גוט פֿאַרמאַכט, פֿאַרבונדן,
אײַנגעשנורט מיט שטריק,
אים פֿאַררוקט אויף הרובע,
ווײַט פֿון לעמלס בליק.

נו, האָט זי באַהאַלטן.
ווער זשע דאַרף אים דען?
ווייסט פֿון גאָרנישט לעמל,
וואָס און ווער און ווען...

— 3 —

איין מאָל איז זײַן מאַמע
ווײַט אין מאַרק אַוועק.
איז געבליבן לעמל,
שפּילט ער זיך, דער שנעק.

קערט דאָס טישל איבער,
טענצלט אויף דער גיך,
בינדט צום פֿוס אַ האַנטעך,
הוידעט, הוידעט זיך.

כאַפּט דעם געלן קאָטער,
טוט אים אָן אַ בריל,
שלעפּט דער מאַמעס קליידל,
מאַכט זיך פֿרום און שטיל.

שלעפּט־אַרויס אַ קאָפּטל,
מאַכט פֿון דעם אַ באַל,
וואַרפֿט אים, ביז אויף הרובע
טוט דער באַל אַ פֿאַל.

טוט אַ הייב זיך לעמל,
טוט אַ קוק: אוי, אוי! —
ס׳שטייט דאָך אויף דער הרובע
אײַנגעמאַכטס אַ סלאָי!

כאַפּט אַ באַנק צום הרובע,
בענקל אויף דער באַנק,
בענקעלע אויף בענקל —
לעמעלע דערלאַנגט!

האָפּ, און נישט געציטערט,
גרינגער פֿון אַ שטרוי,
זיצט ער אויף דער הרובע
גלײַך שוין מיטן סלאָי.

בינדט ער אָפּ די שטריקלעך,
ווערט פֿאַרשוויצט, פֿאַרברענט,
אינעם סלאָי אַרײַן באַלד
גלײַך מיט בײדע הענט.

כאַפּט און לאַפּט און קוויקט זיך,
גיסט און שלינגט און לעקט,
קלעפּט זיך אים דאָס פּנים,
ווערט מיט רויטס באַדעקט.

ביז סע ווערט אים נמאס.
קוקט ער שוין אין זאַפּט.
זאַפּט איז ווי אַ שפּיגל,
זעט ער זיך און גאַפּט!

קרימט זיך, דרייט די פּיסקעס,
טוט מיט מויל אַ קלונג,
שטופּט דעם קאָפּ צום שפּיגל,
נעמט אים לעקן מיטן צונג.

— 4 —

לעמל האָט אַ חבֿר,
פּאַסט ער גראָד פֿאַר אים,
גאָר אַ פֿריילעך יינגל —
מענדעלע באַרים.

קומט ער פֿונעם לערנען,
פֿאַלט אים פּלוצעם אײַן,
וואָס זאָל לעמל נאַשער
הײַנט אין שול ניט זײַן?

גייט־אַרײַן צו לעמלען —
קיינער איז נישטאָ.
ערשט אין קיך דערהערט ער
עמעץ איז דאָרט דאָ.

קומט־אַרײַן פּאַמעלעך,
שטיל און שטיל אַזוי,
און דערזעט דאָרט לעמלען
מיטן קאָפּ אין סלאָי...

שטיקט אים אַ געלעכטער,
האַלט ער זיך קוים אײַן.
פֿאַלט אים אײַן אַ שפּיצל:
גייט ער שטיל אַרײַן,

ס׳בענקעלע באַלד כאַפּט ער,
ס׳בענקל און די באַנק,
שטעלט־אַוועק זיי ווײַטלעך,
שטיל און אָן אַ קלאַנג.

און אַרויס אין דרויסן
מענדעלע דער שנעק,
בלײַבט שוין אויף דער הרובע
לעמל פֿינגערלעך.

— 5 —

ווייסט פֿון גאָרנישט לעמל,
נעמט אים אָן אַ שרעק —
ווײַט פֿאַררוקט די בענקלעך,
אַזש אין צווייטן עק.

ס׳אויסגעשמירטע פּנים
אײַנגעקלעפּט אין זאַפּט,
רירט זיך, קרימט זיך וויינען,
שרעקט זיך, דרייט זיך, גאַפּט.

שפּאַרט ער זיך בײַ ווענטלעך,
וואַרפֿט־אַראָפּ אַ בליק:
— אַך, ווי הויך! — דערשראָקן
כאַפּט ער זיך צוריק.

האָט אַ יאַט געטאָן דאָס,
אַ ווערוריק צי אַ מויז? —
ער פֿאַרקרימט זיך פּלוצעם,
גיט אַ כליפּ־אַרויס.

כליפּ און כליפּ און כליפּעט,
און צעוויינט זיך גאָר,
און די פֿײַכטע הענטלעך
אין די נאַסע האָר.

וויינט אַ שעה, אַ צווייטע
און קיין הילף נישט קיין,
נעמט ער סלאָי אַרומעט,
דרימלט שטיל זיך אײַן.

דרימלט, מיטן קעפּל
אָנגעשפּאַרט אין סלאָי.
חלומט אַזוי לעמל,
איז אים גוט אַזוי...

— 6 —

קומט־אַרײַן אין צימער
מענדעלע באַרים,
און אַ חבֿרה ייִנגלעך
באַלד אַרײַן נאָך אים.

מ׳האַלט זיך בײַ די מײַלער,
שטיל און שטיל זאָל זײַן,
בייגן זיך און קרימען,
האַלטן זיך קוים אײַן.

נעמט מען זיך פֿאַר די הענטלעך
שטעלט מען גלײַך זיך אויס,
פּלוצעם קעגן לעמלען
טאַנצט מען, שיסט מען אויס!

„לעמל, לעמל נאַשער,
האָסטו דיר אַ פּסק,
קוק־אַראָפּ, מיר האָבן
אײַנגעמאַכטס אַ זאַק!...״

גיט אַ כאַפּ זיך לעמל,
ס׳הערצל טוט אַ קרים,
ער טוט אַ פֿלי פֿון הרובע
און דער סלאָי נאָך אים!

נחום באָמזע

## אַ קינד אין הויף

נאַכט. עלעקטרי פֿון די דראָטן
רײַסט צו די הימלען זיך אַרויף.

אַ קינד שפּילט זיך מיט זײַן שאָטן —
שפּעטע אָוונט־שעה אין הויף.

האַרבסט ברענט שאַרלעכרויט אין שויבן,
קילער ציטער פֿון עלעקטרי־שײַן,
דאָס קינד אין הויף פּלאָשעט טויבן
אין אָוונט־דעמער אײנינקער אַליין.

דאָס קינד הייבט־אויף צום ליכט די האַנט,
די שטאָט אָטעמט האַרבסטיק און קיל —
פֿאַר נאָכט האָט אַ קינד זיך דערמאָנט
אין דער נישט־געשפּילטער שפּיל.

די גאַס שעפּטשעט שטיל און געהיים.
דאָס קינד האָט ווילד זיך צעשריגן
און פּלוצעם געלאָפֿן אַהיים
אַליין זיך אין וויגל פֿאַרוויגן.

ש. האַלקין

## אויף דער זון

אַ טאָג האָט דאָס קינד זיך געברענט אויף דער זון,
ניט באַמיט האָט זיך קײנער עס ברענגען צו מיר —
אַליין זיך אַרײַן דורך אָפֿענער טיר.

אַ בינטעלע שטרוי האָט ער מיט זיך געבראַכט,
די קערנער צעזייט אויפֿן וועג און אין הויף —
בייג איך זיך אָן און קלײַב זיי צונויף.

ווער האָט עס אויף גאָלדענע פֿעלדער געזען?
אַ קינד — האָט עס אפֿשר אַ זאַנגל, אַ פֿרעמדס,
פֿאַרנומען — באַהאַלטן אין לײַנענעם העמד.

פֿאַר קינד, פֿאַר פֿאַרברענטן, אויף זוניקן פֿעלד
פֿאַראַן ביי מיר זילבער און גאָלד אין געצעלט —
גרייט בין איך צאָלן פֿון בעסטן פֿאַר אים!

א. יאַכימאָוויטש

## איך בין נאָך אַלץ דער קלענסטער

יאַנקעלע זיצט אַליין,
קוקט אַרויס פֿון פֿענצטער,
זיין אויג איז מיט געוויין:
— איך בין נאָך אַלץ דער קלענסטער.

שפּילן לאָזן זיי מיך נישט:
— דו ביסט נאָך צו קליין...
צום שויב ער דריקט דאָס נעזל:
— ווען וועל איך זיין שוין גרויס?

די מאַמע, ערגעץ ווו,
לאָזט מיך שטענדיק אַליין,
שוין באַלד דער טאָג נישטאָ
און איך בין אַלץ נאָך קליין...

לאָמיר ווערן גרויס,
וועל איך נישט זיין אַליין,
כ׳וועל פֿרי אַרויס פֿון הויז,
יעדן טאָג אין דער שול גיין.

כ׳וועל אַליין נישט זיצן מער,
אַרויסקוקן פֿון פֿענצטער,
אין זיין אויג עס גלאַנצט אַ טרער:
— איך בין נאָך אַלץ דער קלענסטער...

י. גויכבערג

## דריי ייִנגעלעך

די מאַמע האָט דרײַ ייִנגעלעך,
דרײַ ייִנגעלעך געהאַט,
מיט ווייכע, רויטע בעקעלעך,
ווי צאַרטער סאַמעט גלאַט.

דאָס דריטע — דאָס בין איך.
האָט איינס געהייסן בערעלע,
דאָס צווייטע — חיים־שמערעלע,
דאָס דריטע האָט געהייסן —
מען זאָל אים קויפֿן שיך.

איך האָב אײַך אָפּגענאַרט,
איך האָב געוווסט, איר וואַרט...
דאָס דריטע קליינע ייִנגעלע,
דאָס דריטע — דאָס בין איך.

די מאַמע האָט דרײַ ניסעלעך
פֿון דעם יאַריד געבראַכט,
דרײַ גוטע, פֿעטע ניסעלעך —
דרײַ ניסעלעך אַ פּראַכט.

איז איינס געווען פֿאַר בערעלען,
און איינס פֿאַר חיים־שמערעלען,
און גאַר דאָס בעסטע ניסל —
האָט זי געלאָזט פֿאַר זיך.

איר וווּנדערט זיך אַ ביסל:
פֿאַר וואָס נישט מיר אַ ניסל?

ווײַל ניסן, ניסן, ניסעלע,
דאָס דריטע — דאָס בין איך.

די מאַמע האָט אַהיימגעבראַכט
צוויי ניסעלעך און מיך,
צוויי ניסלעך פֿאַר די ברידערלעך
און מיר — צוויי נײַע שיך.

הינדע זאַרעצקי

## קינדערלעך ביים ים

שטיפֿן קינדער בײַ די ברעגן,
ביילע צייכנט וואַסער־וועגן;

שלמה בויט זיך ים־פּאַלאַצן,
חיים פּויקט אויף זילבער־טאַצן.

קינדער־הענטלעך קנעטן קוכן,
זונען־שטראַלן וויקלען טוכן;

ווײַסע שלייפֿן אין שיינדלס צעפּלעך,
וויגן קינדער מיט די קעפּלעך;

אײַזיק פֿירט אַ רומבאַ־טאַנץ,
פֿלעכטן קינדער אַ שיינעם קראַנץ.

זומער־כוואַליעס שפּריצן שוימען,
פֿרייד, געלעכטערן אַן צוימען.

טאָג, אַ הייסער, ברוינט די גלידער,
זינגען קינדער שיינע לידער.

שווימען קינדער צו צום ברעג
מיט מתּנות — גאָלד'נע טעג...

## לייב קוויטקאָ

### מײַנס, דײַנס...

מײַנער דער גאָרטן —
גיי זיך דיר, דו!
מײַנס איז דאָס טישל —
זעץ זיך ניט צו.
מײַנער דער לערער,
רייד זיך ניט אײַן!
מײַנס איז דאָס ביכל —
קוק ניט אַרײַן!
מײַנס איז דער טינטער —
טונק ניט צו מיר!
מײַנס איז עס, מײַנס! —
זאָגט מען צו דיר!
— דײַנס איז דײַן נעזל —
וויש עס דיר אויס!
— מײַנס איז מײַן נעזל —
וויש איך ניט אויס.
— דו ווישסט ניט דײַן נעזל —
דאָס איז ניט פֿײַן.
— ס׳איז אַלעמענס גאָרטן —
ריין דאַרף דאָ זײַן.
וואָס טו איך דײַן ביכל?
כ׳עס עס דען אויף?
„מײַן — מײַן, מײַן — מײַן!“
ווי בעל־הגוף.

ס׳איז אַלעמענס לערע —
הערט מען זיך אײַן.

ס׳איז אַלעמענס טישל —
שניץ ניט אַרײַן!

שמואל צעסלער

## ווי מיין מאַמע

כ׳בין ניט מער קיין ברעקל מיידל,
זעט עס קליידט מיר אַזוי גוט
מאַמעס בליוזע, מאַמעס קליידל,
שיך און הענטשקעס, און איר הוט.

כ׳שטיי בײַם שפיגל אין די זאַכן,
פּודער־צו דאָס פּנים גלאַט,
כ׳וועל נאָך רויט די ליפּן מאַכן,
ווי מײַן מאַמע אַקוראַט.

כ׳גיי און דריי זיך ווי אַ דאַמע,
כ׳בין אַ גרויסע שוין, ס׳איז קלאָר:
איך בין ריכטיק איצט מײַן מאַמע,
אַז ס׳זאָל פֿעלן עס אַ האָר!

ליטמאַן

## איציקל איז געוואָרן אַ גרויסער

אַלע קליינע קינדערלעך ווילן זײַן גרויסע, איציקל אויך. אַ מאָל, אַז די מאַמע לאָזט אים נישט אַוועקגיין אַליין ווײַט פֿון שטוב, זאָגט איציקל:

— מאַמע! ווען וועל איך שוין קענען גיין אומעטום אַליין?

—ווען דו וועסט זײַן אַ גרויסער, זונעלע! — ענטפֿערט די מאַמע.

— ווען זשע וועל איך שוין זײַן אַ גרויסער? — פֿרעגט ער.

— ווען דו וועסט אונטערוואַקסן.

— איך וויל שוין אונטערוואַקסן! איך וויל שוין זײַן אַ גרויסער! — זאָגט איציקל.

לאַכט די מאַמע און זאָגט:

— אַז דו וועסט זײַן אַ גוטער, אַ שיינער, וועסטו גיך אונטערוואַקסן און ווערן גרויס ביזן סופית.

זעצט זיך איציקל אַוועק אויף אַ בענקעלע און טראַכט זיך, אַז ער וועט זײַן אַ גרויסער, וועט זײַן גוט: ער וועט קענען אויף זײַן בײַ נאַכט לאַנג, לאַנג.

— מאַמע! — זאָגט ער — עס דאַרף נאָך געדויערן אַ סך. איך זאָל זײַן אַ גרויסער?

— אַז דו וועסט עסן אַלץ, וואָס די מאַמע גיט דיר, וועט נישט דויערן לאַנג.

— וויפל מאָל דאַרף איך נאָך אָפּשלאָפן, אַז איך זאָל ווערן אַ גרויסער?

— די נאַכט און נאָך אַ נאַכט און נאָך אַ נאַכט.

— אַזוי פיל נעכט! איך וויל נישט — זאָגט איציקל — איך וויל שוין זײַן אַ גרויסער! אַלע קינדערלעך זײַנען גרויסע, נאָר איך נישט. איך בין נאָך קיין מאָל ניט געווען אַ גרויסער!...

איין מאָל, בײַ נאַכט, איציקל שלאָפט. דאַכט זיך אים, אַז ער איז געוואָרן גרויס, אַז ער טאַפּט־אָן מיט די הענט דעם סופית. דערפרייט ער זיך און לויפט־אַרויס אויף דער גאַס, שרײַט:

— קינדערלעך, זעט נאָר, ווי גרויס איך בין!...

לויפן זיך אַלע קינדערלעך צונויף. קוקן אים אָן און וווּנדערן זיך:

— אָ, ווי גרויס!

— ווי הויך ער איז!...

—גרעסער ווי מײַן פּאַפּאַ!...

— רײַס מיר אָפּ אַ צווײַגל פון בוים! — בעט זיך איין ייִנגעלע בײַ אים.

— נעם מיר אַראָפּ די פּילקע פֿון דאַך! — בעט זיך אַ צווייטער.

— אַז דו ביסט אַזוי גרויס, ריר נאָר אָן דעם הימל!

איציקל לאַכט. איציקל איז צופֿרידן. ער שטרעקט־אויס די האַנט און ברעכט־אָפּ אַ צווײַגל פֿון העכסטן בוים אין גאַס, נעמט־אַראָפּ פֿאַר איין ייִנגעלע די פּילקע פֿון דאַך, פֿאַר אַ צווייטן — די פּאַפּירענע שלאַנג פֿון די טעלעגראַף־דראָטן און דערנאָך טוט ער אַ צי־אויס די האַנט גלײַך אין הימל אַרײַן און נעמט־אַראָפּ די זון אויף דער ערד, שפּילט זיך מיט איר.

בײַ נאַכט. איציקל גייט־אַרײַן אין שטוב, טוט זיך אויס, וויל זיך לייגן אין בעטעלע אַרײַן — עס איז קליין דאָס בעטעלע. ער קען נישט אויסציִען די פֿיס. הייבט ער אָן שרײַען:

— מאַמע, טאַטע! קומט נאָר אַהער. איך האָב נישט ווו צו שלאָפֿן. עס איז קליין דאָס בעטעלע...

אַז די מאַמע מיטן טאַטן האָבן איציקלען אויפֿגעוועקט, האָבן זיי געזען, אַז ער איז גערעכט: דאָס בעטעלע איז טאַקע קליין און ער האָט נישט ווו אויסצוציִען די פֿיס. אָבער נישט דערפֿאַר, ווײַל ער איז געוואָרן אַזוי גרויס, נאָר ווײַל ער איז געלעגן אין דער ברייט פֿון בעטל.

רבקה גאַלין

## סילווען

סילווע, זיסע מיידעלע!
כ'זאָל דיר שיקן אַ קליידעלע —
האָסטו שוין אַ סך.

זאָל איך שיקן קיכעלע,
זעקעלעך צו שיכעלעך —
האָסטו יעדע זאַך.

שיק איך דיר אַ לידעלע,
כאָטש איך ווייס מײַן מיידעלע,
לייענען ווּעסט עס ניט.

ס׳וועט דיר זײַן אַ חידוש נאָר,
וואָס איך שרײַב אין ייִדיש גאָר,
אָבער ליד בלײַבט ליד.

שפּראַך איז ווי אַ וויגעלע,
ווי אַ שיינע קריגעלע —
נאָר מײַן ליד איז ווײַן.

זינג איך דיר אַ לידעלע
פֿון אַ ווײַסן ציגעלע —
סילווע? הער זיך אײַן!

מאַשע שטוקער־פּאַיוק

## שרייב איך...

שרײַב איך, שרײַב איך, שרײַב איך מיר,
ווו אַ פּיצל ווײַס פּאַפּיר,
הין־און־קריק איך שרײַב און שרײַב,
נישט אַ ליידיק אָרט עס בלײַבט,
אין דער ברייט און אין דער לענג —
ווערט די אותיות אַזוי ענג,
אַז זיי טוען זיך אַ שטויס
און פֿאַלן פֿון פּאַפּיר אַרויס...

אליעזר שטיינבאַרג

## דער מאָלער

איך באַדאַרף ניט קיין פּאַפּיר,
נאָר אַ פּענדזל אין דער האַנט,
איך קען מאָלן אויף דער טיר
און נאָך בעסער אויף דער וואַנט:
טונק אין פאַרב און מאַך אַ טאָפּ,
וועט עס זײַן אַ גרויסער קאָפּ;
קאָך אין טאָפּ אַ פּעטן סגל,
שווימט-אַרויף ׳אַ גילדן איגל...
איינס און נאָך איינס... נאָז אַ שפּיצל —
האָסטו ווו צו טאָן אַ קיצל.
איצט אַ פּיסקל ווילט איר? נאָט אײַך:
אונטן שטעל איך צו אַ פּתח
אונטער שפּיצל פּונעם נעזל.

איצטער קומט נאָך צו אַ גלעזל,
האָט איר שוין אַ העלדזל אויך.
נאָך אַ טעפּל — איז אַ בויך.
קאָך אַ חיריק צי אַ קנעפּל,
ווערט אַ פּופּיקל אין טעפּל.
איצט אַ שמיר אַהער, אַהין,
מעג זײַן רויט און מעג זײַן גרין —
האָסטו יענץ און האָסטו דאָס,
הענט און פּיס און וויס איך וואָס.

אײדע מאַזע

## איך האָב מעשיות צו דערציילן

איך בין אַ גרויסער יינגל,
פֿון פּוס ביז קאָפּ די גרויס,
איך האָב מעשׂיות צו דערציילן,
און קיינער הערט מיך אויס.

מאַמע איז פֿאַרנומען,
טאַטע ניט אין הויז,
און איך האָב מעשׂיות צו דערציילן —
און קיינער הערט מיך אויס.

רייד איך צו די פֿענצטער,
רייד איך צו די ווענט,
כ׳רייד צו אונדזער קעצעלע
און נעם עס אויף די הענט.

איך דערצייל אים מײַנע מעשׂיות,
און עס הערט מיך אויס,
ווײַל ס׳איז דאָך אַזוי ווי איך —
פֿון פּוס ביז קאָפּ די גרויס.

## דער שרייבער

אַלע שרײַען זיי אויף מיר:
— טשעפּע ניט דאָס טינט און פּען!
מוז איך שרײַבן מײַנע בריוו,

אַז קיינער זאָל ניט זען.
אין אַ ווינקל, אונטערן טיש,
וווּ סע זעט מיך קיינער,
נעם איך טינט און פּענעס מיט
און שרײַב מיט יעדער איינער.
גיס איך טינט אָן אויפֿן דיל
און שרײַב שוין מיטן פֿינגער.
אין העפֿט צו שרײַבן נעמט צו לאַנג,
אויף דער וואַנט איז גרינגער.
איך שרײַב זיי גוטע, שיינע בריוו,
פֿון זאַכן אַלערליי.
און איך זיץ דאָך אַזוי שטיל —
טאָ פֿאַר וואָס זשע שרײַען זיי?

אליעזר שטיינבאַרג

## וואָלט איך געווען...

וואָלט איך געווען אַ פֿידלער —
האָב איך ניט קיין פֿידל,
וואָלט איך געווען אַ זינגער —
קען איך ניט קיין לידל.

וואָס זשע טוט מען? זאָגט מיר — וואָס?
כ׳האָב ניט יענץ און קען ניט דאָס.
און אַ פֿליג בײַסט אין דער נאָז...
זיץ איך אויף אַ שטיין,
זיץ איך מיר און וויין!

וואָלט איך געווען אַ שמײַסער —
האָב איך ניט קיין פֿערדל.

וואָלט איך געווען אַ צאַפּ גאָר —
האָב איך ניט קיין בערדל;

וואָס זשע טוט מען...

וואָלט איך געווען אַ דאָקטער —
האָב איך ניט קיין ברילן,
וואָלט איך געווען אַ הינטל —
לאָזט מען מיר ניט בילן;

וואָס זשע טוט מען...

וואָלט איך געווען אַ וואַכמאַן —
האָב איך ניט קיין פֿײַפֿל,
בין איך קוימען־קערער —
שרײַט מען „שוואַרצער טײַפֿל!"

וואָס זשע טוט מען...

זלמן וואַסערצוג

## ווען וועלוול העלפֿט דער מאַמען...

זעט וועלוול, אַז די מאַמע זײַנע איז פֿאַרוואָרפֿן מיט אַרבעט פֿון אַלע זײַטן און ווייסט נישט צו וואָס פֿריִער זיך צו נעמען, וויל ער איר מיט עפּעס העלפֿן. איז אָבער די זאַך, אַז צו וואָס ער רירט זיך צו, לאָזט אים נישט די מאַמע און טענהט:

— מײַן העלפֿער, מישטיינס געזאָגט! זע נאָר, אַז דו זאָלסט מיר נישט אָנטאָן קיין שאָדן אין שטוב, וועט שוין אויך גוט זײַן...

פֿאַרדריסט עס וועלוולען ביז גאָר. וואָס? „האָב איך דען ליי־מענע הענט? פֿאַר וואָס קען איך דען נישט העלפֿן?"

רעכנט ער זיך אויס אין געדאַנק אַלע זאַכן, וועלכע ער וואָלט

גֿעקענט אַליין טאָן אַזוי גוט ווי די מאַמע: אויסקערן די שטוב, אָנגיסן דעם קרוג מיט וואַסער, איבער וועלכן די מאַמע ציטערט אַזוי, צוזאַמענלייגן דאָס בעטל זײַנס, וואָס אויף נאַכט שטעלט מען עס אויף, נייען אויף דער מאַשין. און אָפּשיילן עטלעכע קאַרטאָפֿל צום מיטיק וואָלט ער נישט געקענט?

אמת איז, אַז וועלוועלעס מאַמע ווייסט גאַנץ גוט, פֿאַר וואָס זי שרעקט זיך פֿאַר זײַן העלפֿן. ערשט נישט לאַנג האָט ער מיט אַ שלעפּ בײַם טישטעך אַראָפּגעוואָרפֿן און צעבראָכן עטלעכע גלעזער מיט טעלערלעך און זיך דערצו גוט אָפּגעבריט. און ווי לאַנג איז ערשט, אַז ער האָט צעבראָכן דאָס עלעקטרישע לעמפּל, אויסגעהאַקט אַ שויב אין פֿענצטער בײַם כאַפּן אַ זומער־פֿייגעלע און צעבראָכן אַ פֿלאַש בוימל אויפֿן וועג פֿון קלייט אַהיים?

וועלוול מיינט אָבער, אַז דאָס רעכנט זיך נישט, ווײַל דאָס איז געווען אומגערן, בײַם שפּילן זיך. וויפֿל מאָל גליטשן זיך אַרויס טעלערלעך פֿון דער מאַמעס האַנט און ווערן צעבראָכן אויף שטיקלעך?

פֿאַרדריסט עס וועלוועלען און עס טוט אים ווײ, פֿאַר וואָס די מאַמע האַלט אים פֿאַר אַ שלימזל, און ער קען איר מיט גאָרנישט העלפֿן.

פֿון דעסט וועגן מאַכן זיך אָבער שוין אַזעלכע טעג, ווען די מאַמע מוז זיך אַרויסהעלפֿן מיט וועלוועלען, ווײַל זי האָט נישט קיין אַנדערע ברירה. בלײַבט דעמאָלט וועלוועלע אַ צופֿרידענער און מיטן גאַנצן כּוח פֿלײַסט ער זיך, אַז עס זאָל גוט אַרויסקומען.

ערשט נעכטן האָט די מאַמע אַוועקגעגעבן די שיך צום שוסטער צו רעכט צו מאַכן, האָט זי נישט אין וואָס אַרויסצוגיין אין קלייט אײַנקויפֿן. האָט שוין וועלוועלע געבראַכט מילך, פֿלייש, ברויט, פּרוכט און אַלץ וואָס מען דאַרף.

שמייכלט די מאַמע אין אַ זײַט, באַהאַלטן, און טראַכט:

— מ׳קען זיך דאָך אַרויסהעלפֿן מיט וועלוועלען און האָבן פֿון אים אַ גאַנג. אָט האָט ער גאָר נישט פֿאַרלוירן, גאָר נישט צע־

בראָכן און ריכטיק געבראַכט אַ רעשט. באַקומט זי ביסלעכווײַז צוטרוי צו וועלוועלען און ער ווייסט דערפֿון. איז ער שטאָלץ בײַ זיך און צופֿרידן.

זאָגט די מאַמע:

— וועלוועלע, נאָך איין גאַנג וועל איך דיך שיקן. וועסט מיר נאָר ברענגען מעל, אַ קילאָ מעל צום מיטיק.

קוועלט שוין גאָר אָן וועלוועלע פֿון אַזעלכע דיבורים. כאַפּט ער אַ באַנאַנע פֿון קוישל אין איין האַנט, דאָס געלט אין דער צווייטער און שפּרינגט־אַרויס אויף איין פֿוס.

צוריקוועגס איז געשען עפּעס אַ שלעכטע זאַך: אַ שטיק באַנאַנע־שאָלעכץ האָט זיך צוגעקלעפּט צום שוך און ער האָט זיך אויסגעגליטשט.

אַזוי ווי אַ בליץ איז אים אַדורך אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז דאָס שאָלעכץ פֿון דער באַנאַנע איז גאָר פֿון זײַן באַנאַנע, וואָס ער האָט ערשט גייענדיק אין קלייט אויפֿגעגעסן, און אַז ער איז זיך אַליין שולדיק אין דעם, וואָס ס׳איז געשען... ער האָט זיך טאַקע נישט שטאַרק צעקלאַפּט בײַם פֿאַלן, אָבער דערפֿאַר איז געשען אַזוינס, וואָס האָט וועלוועלען נאָך מער ווי געטאָן. אונטער אים איז געלעגן דער פּאַפּירענער בײַטל אַ צעפּלעטשטער און דאָס מעל צעשאָטן איבערן ברוק.

האָט וועלוועלע געוואָלט אַלץ איבערלאָזן אַזוי ווי עס איז און אַנטלויפֿן פֿון בושה, אַנטלויפֿן ערגעץ ווו, אַז קיינער זאָל גאָר נישט וויסן, ווו ער איז אַהינגעקומען. אָבער גוטע מענטשן, דורכגייערס, האָבן אויף אים רחמנות געהאַט. האָבן זיי געבראַכט אַ צווייטן בײַטל פֿון קלייט און ביסלעכווײַז צונויפֿגעקליבן דאָס צעשאָטענע מעל פֿון זאַמדיקן ברוק.

וועלוועלע האָט זיך געשראָקן, אַז מיט דעם מעל זאָל אים נישט אַזוי גלאַט אָפּגיין. וועט די מאַמע נישט דערקענען, אַז דאָס מעל איז זאַמדיק? טאָ וואָס זשע זאָל ער טאָן?

און ער איז פֿאָרט אַהיימגעגאַנגען מיטן מעל.

אין שטוב איז די מאַמע געשטאַנען מיט פֿאַרקאַשערטע אַרבעל פֿאַרן טייגברעט און געוואַרט אויפֿן מעל. און באַלד איז פֿון דעם געוואָרן טייג און די מאַמע האָט געקנעט, געדריקט און אַרײַנגעבאָקסירט אין דעם טייג אַרײַן.

— נאָך גוט — האָט געטראַכט וועלוועלע — וואָס אין שטוב איז טונקל, נישטאָ קיין פֿענצטער. ווען נישט... אָהאָ... וואָלט די מאַמע באַלד דערזען, וואָס עס טוט זיך אין דעם מעל... וואָס וועט אָבער ווײַטער זײַן? צי וועט מען אין עסן נישט דערפֿילן דאָס זאַמד, וואָס האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין מעל אַרײַן?

נאָר אָט שטייט שוין די מאַמע מיט די אויסגעוואַלגערטע בלעטער לאָקשן. זיי קומען־אַרויס אַזוינע טרוקענע, האַרטע, אַז זיי קלינגען אַזש אויפֿן ברעט, אַז מ׳קען זיי ציילן... מיט וואָס זשע וועט זיך דאָס ענדיקן? וואָס וועט ווײַטער זײַן?

וועלוועלע האָט זיך נאָך קיין מאָל אַזוי גוט זיך נישט צוגעקוקט צו דער מאַמען, צו אַלע אירע באַוועגונגען, ווי הײַנט. וואָס וועט זײַן, אַז מ׳וועט דערפֿילן אין עסן, די לאָקשן זײַנען זאַמדיק? דעמאָלט וועט מען אים שוין צו גאָרנישט צולאָזן. ער וועט ווערן אין שטוב דער אמתער שלימזל!

*

ענדלעך איז דער טאַטע שוין געקומען אויף מיטיק. זיצט ער בײַם טיש און עסט. די מאַמע אויך. וועלוועלע לאָזט פֿון זיי נישט אַראָפּ זײַן בליק — ער פֿאָרשט זיי...

דער טאַטע עסט עפּעס מיט אַ האַלבן אַפּעטיט, קײַט פֿויל און אַלע ווײַלע גיט ער אַזאַ מאַך מיטן קאָפּ, גלײַך ווי ער וואָלט פּלוצעם באַקומען אַ שטאָך מיט אַ שפּילקע... און די מאַמע עסט עפּעס אַזוי שווײַגנדיק, קוקט אַזוי ערנסט, האָרכט זיך אײַן, גלײַך ווי זי וואָלט געוואָלט געוויר ווערן, וואָס פֿאַר אַ טעם עס האָבן די לאָקשן... זײַן ברודערל עסט אין גאַנצן נישט.

ווייסט שוין איצט גוט וועלוועלע, וואָס עס געשעט. צום בעסטן פֿילט ער אַליין. די לאָקשן קנאַקן צווישן די ציין, גלײַך ווי זיי

וואָלטן געוועזן פֿון גלאָז. מאַכט ער זיך נישט וויסן און קײַט מיט אַ געמאַכטן אַפּעטיט, אָנשעפּנדיק אַ פֿולן לעפֿל מיט אַ מאָל...

פלוצעם האָט דער טאַטע אַוועקגערוקט דעם טעלער. ער עסט נישט מער.

— פֿאַר וואָס עסטו נישט?

— ס׳הונגערט מיך נישט.

פֿאַרשטייט וועלוול, אַז דער דער טאַטע זאָגט אַ ליגן. ער איז גיכער יאָ הונגעריק, נאָר ער וויל נישט פֿאַרשעמען די מאַמע און זאָגן, אַז די לאָקשן זײַנען זאַמדיק...

שווײַגט דער טאַטע און עס שווײַגט די מאַמע, און וועלוועלע קײַט אַלץ אַרײַן אין זיך די זאַמדיקע לאָקשן און פֿילט שוין גאָר נישט, אַז זיי זײַנען זאַמדיק. דאָס גאַנצע לעבן, אייביק, וועט ער שוין אַזוי זיצן און קײַען, קײַען אָן אויפֿהער, אָן אויפֿהער...

דער טאַטע האָט זיך שוין אָנגעטאָן דאָס רעקל. ער גייט־צוריק צו דער אַרבעט. אַ הונגעריקער גייט ער צו דער אַרבעט...

ערשט איצט האָט זיך וועלוול דערפֿילט אַ שולדיקער. ער האָט אָבער נישט געוווּסט, ווי אַזוי ער זאָל זיך אויסקויפֿן פֿון זײַן שולד. און אפֿשר גאָר דערציילן? יאָ, דער איינציקער אויסוועג איז: דער־ציילן דער מאַמען דעם גאַנצן אמת, אַלץ.

ער האָט דערפֿילט, אַז דער האַלדז ווערט בײַ אים פֿאַרשטאָפּט. עס שטיקט אים. האָט ער אַוועקגעלייגט דעם לעפֿל. יאָ, ער וועט און מוז זאָגן דער מאַמען. אַלץ וועט ער איר דערציילן.

האָט ער אָנגעהויבן צו שטאַמלען:

— איך... מאַמע... איך... האָב... אויסגעשאָטן... — און פֿאַר־ענדיקט מיט אַ כליפּערײַ.

— טאָ וואָס האָסטו זיך נאָך אַזוי צעוויינט, שלימזל מײַנער?

דאָס מאָל האָט וועלוועלען גאָר נישט געאַרט, וואָס די מאַמע רופֿט אים „שלימזל״.

— דאָס מאָל האָב איך זיך פֿאַרדינט! — האָט ער געטראַכט

— כ׳בין אַליין שולדיק...

מאַני לייב

## צוויי ייִנגלעך

זינגט אַ ייִנגל מיט אַ ייִנגל,
קנאַקט כּסדר מיט זײַן צינגל:

— אַז איך וואָלט געווען אַ גרויסער
אָדער איך וואָלט זײַן אַ קייסער,

וואָלט איך זיך געקויפֿט אַ פֿערד,
איין מאָל שוין אַ גוטן פֿערד!
— פֿלי, מײַן פֿערד, אויף אונדזער ערד,
—אויסצומעסטן גאָר די ערד.

ענטפֿערט אים דאָס צווייטע ייִנגל,
אויך אַ קנאַקער מיטן צינגל:

— איך וואָלט בעסער מיט די באַנען
פֿליִען, פֿליִען ווײַט פֿון דאַנען;

ווו אַ באַן איז נאָר פֿאַראַן,
שפּרינג איך מיר אין יענער באַן,
פֿלי איך דורך דער גאָרער וועלט,
ערגעץ זיך ניט אָפּגעשטעלט.

ענטפֿערט אים דאָס ערשטע ייִנגל
מיט זײַן קנאַקעדיקן צינגל:

איך וואָלט בעסער זיך געלאָזן
מיט די זעגלען אויפֿגעבלאָזן;

זיבן זעגלען אויף דער שיף,
אַן מאַטראָסן אויף דער שיף,

שווים איך מיר אין אָקעאַן,
ווו אַ ים איז נאָר פֿאַראַן.

ענטפֿערט אים דאָס צווייטע ייִנגל,
אַ באַרימער מיטן צינגל:

איך וואָלט בעסער מיט די ווינטן
זיך אַרויפֿגעכאַפּט פֿון הינטן,

וואָלט אַ כאַפּ געטאָן זײַן עק
און אַוועק, אַוועק, אַוועק!
קנאַק נאָר, בײַטשל, אין מײַן האַנט,
וויאָ, און צום לבנה־לאַנד.

ווי עס זיצן דאָ די ייִנגלעך
און זיי קלאַפּן מיט די צינגלעך,

קומען ווי אַ פֿײַל פֿון בויגן
גלײַך פֿון הימל אָנגעפֿלויגן —

זיבן גרויסע, ווײַסע גענדז,
מיט די לאַנגע, ווײַסע פֿרענדז,
אין אַ שליטן אײַנגעשפּאַנט,
אָקערשט פֿון לבֿנה־לאַנד.

און זיי קנאַקן מיט די צינגלעך:
גאָ־גאָ, צווייטער פֿון די ייִנגלעך,

האָבן מיר דײַן ווונטש פֿאַרנומען,
זײַנען מיר נאָך דיר געקומען;

נאָר אַ ריר טאָן זיך פֿון אָרט,
זײַנען מיר שוין תּיכף דאָרט.
נעם אַ בײַטשל נאָר אין האַנט,
טרײַב אונדז צום לבֿנה־לאַנד!

רירט זיך ניט דאָס צווייטע ייִנגל,
הענגט אים אַזש פֿון שרעק זײַן צינגל.

נאָר דאָס ערשטע ייִנגל ברענט,
כאַפּט אַ בײַטשל אין די הענט,

אין דעם שליטן טוט אַ שפּרונג,
מיטן בײַטשל גיט אַ קלונג!
גאַ־גאַ־גאַ, און אַט־אַטאַ,
און ער איז שוין מער ניטאָ!

בלײַבט אַליין דאָס צווייטע ייִנגל,
הענגט פֿאַרשעמט אַראָפּ זײַן צינגל.

שטייט ער זיך אַליין בײַם טויער,
קראַצט בײַם טויער זיך אַן אויער;

מיט אַ פֿינגער פֿון זײַן האַנט
ווײַזט ער צום לבֿנה־לאַנד:
עפּעס ליכטיקער האָט הײַנט
די לבֿנה זיך צעשײַנט!

לאה ק. האָפֿמאַן

## אַ שיכפּוצערס חלום

אַ רײַכער פּוצט ניט זײַנע שיך
בײַ קליינע ייִנגעלעך ווי איך.
ער גייט אין שיך, וואָס זײַנען נײַ,
און גייט דאָ קיין מאָל ניט פֿאַרבײַ.
ער פֿאָרט אין זײַן אויטאָמאָביל
און קויפֿט זיך אַלצדינג וואָס ער וויל.

אַז איך וועל נאָר אַ רײַכער זײַן,
וועל איך ניט מאַכן מער קיין „שײַן״ [1].
מיט פֿולע קעשענעס מיט געלט
וועל איך אַרומפֿאָרן די וועלט.
און ייִנגעלעך, וואָס פּוצן שיך,
וועל איך אַהיימנעמען צו זיך.

זיי געבן אָפּעסן בײַ מיר
און פֿירן זיי אויף אַ שפּאַציר;
זיי געבן שאָקאָלאַד אַ פֿונט
און זאָגן: „קינדער, עסט געזונט!״
דערנאָך וועל איך זיך טאָן אַ יאָג
און נעמען „שײַנס״ אַ גאַנצן טאָג.

## לאה ק. האָפּמאַן

### ס׳האָט דער פּאַפּאַ איינגעפּלאַנצט...

ס׳האָט דער פּאַפּאַ אײַנגעפֿלאַנצט
בלימעלעך אין הויף;
גיס איך וואַסער אַלע טאָג,
און זיי וואַקסן־אויף.

איך און זעלדע וואַקסן מיר
גאָר אָן וואַסער אויס,
און מיר זײַנען ביידע שוין
ביזן טיש די גרויס.

---

[1] פּוץ (שיך פּוצן).

ווי די מאַמע רייד איך שוין,
לויפֿן קען איך גיך;
זעלדע גייט שוין אויך אַרום,
אָבער ניט ווי איך.

אַז איך נעם זי בײַ דער האַנט,
גייט זי מיט מיט מיר!
זי פֿאַרשטייט שוין, וואָס איך זאָג,
שפּיל איך זיך מיט איר.

י. פּאַפּיערניקאָוו

## קינדער אויף אַ פייגנבוים

צו אַן אַלטן פֿײַגנבוים, אַ קריפּל,
האָט אַ טשאַטע קינדער זיך גענומען
קריכן אויף זײַן לאָמען פֿוס, דעם קרומען,
קלעטערן אויף זײַנע דאַרע צווײַגן
און באַזעצן זיי, ווי פֿייגל אַנגעפֿלויגענע.
זיי נישטערן אויף זיי און זוכן פֿײַגן,
וואָס זיי קאָנען נישט געפֿינען —
ברעכן זיי די צווײַגעלעך,
די איינציקע וואָס גרינען;
צופּן פֿײַגן־בלעטלעך,
ווי מען צופּט דעם זיידנס באָרד, די גרויע,
און דער זיידע איז געדולדיק:
האָבן קינדערלעך הנאה —
זאָלן זיי זיך שפּילן!
צווישן קינדער קאָן אַן אַלטער אויכעט יונג זיך פֿילן...

ש. י. אימבער

## דיינע הענט

דאָס שטילע ליד פֿון דײַנע הענט
באַגער איך, קינד, צו הערן;
דאָס שטילע ליד פֿון דיינע הענט
אויף מײַן צעבראָכענעם שטערן.

דאָס שטילע גוטס פֿון דײַנע הענט
באַגער איך, קינד, צו פֿילן,
דאָס שטילע גוטס פֿון דײַנע הענט,
וואָס קאָנען שמאַרצן שטילן.

די שטילע פּראַכט פֿון דײַנע הענט
באַגער איך, קינד, צו בינדן
צו מײַנע הענט, פֿון זינד פֿאַרברענט,
עס זאָל מײַן זינד פֿאַרשווינדן.

דאָס שטיל געבעט פֿון דײַנע הענט
באַגער איך, קינד, צו וועקן —
דאָס שטיל געבעט פֿון דײַנע הענט
פֿאַר מײַן נשמהס פֿלעקן.

אַביגדור שפּריצער

## זונענשיין

דורך מײַן פֿענצטער קוקט־אַרײַן,
פֿרי, באַגינען, זונענשײַן.

פֿון מײַן פֿענצטער, אויף מײַן בעט,
גיט אַ שמייכל, גיט אַ גלעט.

גיט אַ קוש מיר, ווײַטער שפּאַנט,
גייט אַ טענצל אויף דער וואַנט.

זע איך טאַנצן — אַך, ווי שיין! —
נעם איך אויכעט טאַנצן גיין.

הערט די מאַמע דורך די ווענט,
קומט זי, פּאַטשט זי מיט די הענט.

הערט דער טאַטע, לויפֿט־אַרײַן —
פֿול די שטוב מיט זונענשײַן.

י. י. סיגאַל

## אפשר אויף הונדערט שפּראַכן

אפֿשר אויף הונדערט שפּראַכן
קאָן מײַן מיידעלע לאַכן.
אויף ייִדיש, העברעיִש,
אויף ענגליש, פֿראַנצייזיש,
אויף רוסיש, אויף טערקיש,
אַראַביש און פּערסיש,
אויף, אויף, אויף...

— ווי לאַכט מען אויף ייִדיש?
— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ.
— ווי לאַכט מען אויף העברעיִש?
— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ.
— ווי לאַכט מען אויף ענגליש?
— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ.
— ווי לאַכט מען אויף טערקיש?

— כאַ־כאַ־כאַ,
ווי לאַכט מען אויף, אויף, אויף?
— כאַ־כאַ־כאַ,
— כאַ־כאַ־כאַ,

משה לאַקיעטש

## קינדערפֿרייד

אַז דאָס קינד מײַנס טוט אַ זינג,
טוט מײַן האַרץ פֿאַר פֿרייד אַ שפּרינג,
ס׳הערט־אויף שלאָגן זיך דער ווינט,
ס׳לייזט די ערד זיך אויס פֿון זינד.

די געזאַנגען פֿון אַ קינד
מאַכן שפּילעוודיק דעם ווינט,
צינדן פֿלאַם אין אויגנגלאַנץ,
לעשן טרויער אינעם טאַנץ.

אַז דאָס קינד מײַנס טוט אַ לאַך,
פֿלייצט די זון מיט גאָלד אַ סך,
ס׳ווערט דאַן ליכטיקער די וועלט
און די זון — זי העלט און העלט.

זאָלן קינדער לאַכן, זינגען,
זאָלן קייטלען זיך די רינגען,
זאָלן קינדער ברענגען פֿרייד,
זאָל עס הילכן ברייט און ווײַט —
ס׳איז שוין לאַנג די העכסטע צײַט!

1949

# 3

# פון אלץ א שפיל

שמואל צעסלער

## בלימעלעך

אַ סך קאָלירטע קליידעלעך,
עס שפּילן קליינע מיידעלעך;
פֿיל גלעקלדיקע שטימעלעך,
זיי שפּילן זיך אין בלימעלעך.

רופֿט־אויס די קליינע איטקעלע:
— כ׳וויל הייסן מאַרגאַריטקעלע!
דאָס בלאָנדהאָריקע זיסעלע
וויל ווערן אַ נאַרציסעלע.

— מיר פֿאַסט דער נאָמען ליליעלע! —
זינגט מיט אַ ניגון ציליעלע,
— און איך הייס אַנעמאָנעלע! —
שרײַט־אויס די צאַרטע סאָניעלע.

און מינעלע — זשאַסמינעלע,
און חנהלע — טולפּאַנעלע;
ס׳קלײַבט־אויס איעדעס מיידעלע
אַ נאָמען פֿון אַ קוויטעלע.

— איך דאַרף קיין פֿרעמדן נאָמען ניט! —
קלינגט פּלוצלינג אויף אַ שטימעלע:
— מיך רופֿט מען טאָקע רייזעלע,
איך בין אַליין אַ בלימעלע!

בערל סיגאַל

## אַ יידיש קינד

אַליין בין איך
אַט אַזוי קליין,
נאָר מײַן נאָמען —
ניט נאָר איינער,
גאַנצע דרײַ —
איז גרעסער נאָך
ווי איך אַליין.
פֿרומע — נאָך אַ מומע,
שׂרה — נאָך אַ באָבע,
יהודית — גלאַט אַזוי,
פֿאַר וואָס ניט? אַדרבה!
הייס איך יהודית־פֿרומע־שׂרה,
אַזאַ נאָמען, לאַנג און שווער.
מישן זיך בײַ מיר די נעמען,
כ'ווייס ניט ווער איז ווער.
נאָר די באָבע איז צופֿרידן
און זי גלעט מיר ווייך די האָר:
— וואָס זשע אַרט דיך, נאַריש מיידל,
זאָל דיר זײַן צו לאַנגע יאָר!

## מיינע צונעמען

די מאַמע רופֿט מיך
בובעלע,
דער טאַטע רופֿט מיך
מאַמע.

בײַ באָבען בין איך
פֿייגעלע.
בײַם זיידן
די נשמה.
און אַלע אין איינעם
זאָגן זיי:
ביסט זיס ווי האָניק,
און שיין ווי די זון,
ביסט גוט ווי אַ מלאך,
און פֿריש ווי אַ בלום.

נחום באָמזע

## דאָס ייִנגל

איך וויל ווערן איינער פֿון יענע יונגעץ,
וואָס רײַטן דורך די נעכט אויף ווילדע ווערד,
מיט שטורקאַצן, ווי צעשויבערטע בערד,
אין שוואַרצן געיעג פֿון אַ ווינט.
ווי אין אַ שיפֿל וויל איך שטיין אויבן אָן,
גרויס און צעפֿלאָטערט ווי אַ פֿאָן.
טונקל, נאָר אין אַ העלעם פֿון גאָלד,
וואָס גלאַנצט. הינטער מיר, וואָלט איך געוואָלט,
זאָלן שטיין צען מענער אין דעם זעלבן טונקל
אין העלמען, וואָס ווי מײַנער פֿינקלען —
אָט קלאָר ווי גלאָז, אָט טונקל, אַלט און בלינד.
און איינער נעבן מיר בלאָזט־אַרײַן אונדז רוים
מיט אַ טרומפּייט, וואָס בלאַנקט און שרײַט
און בלאָזט־אַרײַן אַ שוואַרצע איינזאַמקייט...

מיר פֿאָרן אין גאַלאָפּ — אַ שנעלער טרוים:
הינטער אונדז די הײַזער פֿאַלן אויף די קני,
די גאַסן בייגן זיך קרום אַנטקעגן,
די פּלעצער מײַדן אונדז: מיר האַלטן זיי
און אונדזער רײַטער רוישט ווי אַ רעגן.

דוד בערגעלסאָן

## פון „פּענעק"

איצט איז פּענעק אַלט אַ יאָר אַכט־נײַן.

איצט איז איינער פֿון די זומערס, ווען זײַן מאַמע איז אַוועקגעפֿאָרן היילן איר קראַנקע לעבער. און די קינדער — פּאָליעקן מיט בליומען — האָט מען אַוועקגעשיקט אויפֿן לימאַן.

פּענעקן האָט מען שוין פֿיל מאָל געכאַפּט בײַ:
ניט אָפּגיסן זיך נעגל־וואַסער.
רײַסן ווײַנשל שבת.
אַנטשלאָפֿן ווערן אָן קריאַת־שמע.
ניט אָנטאָן דעם טלית־קטן.
זײַן אַן עזות־פּנים אַנטקעגן עלטערע ייִדן.
האַלטן די הענט אויף אַ מיאוס אָרט.
שלאָפֿן אין פֿערדנשטאַל נעבן יאַנקל דעם פֿורמאַן.

מיט יעדערער פֿון די עבֿירות האָט זײַן מאַמע, איידער זי איז אַוועקגעפֿאָרן, אים וויפֿל מאָל געמוסרט פֿאַר פֿרעמדע מענטשן, פֿאַר געסט, וואָס קומען צו איר מאַן פֿירן געשעפֿט — זי האָט עס געטאָן אומיסטן, כּדי אַלע זאָלן דאָס וויסן, כּדי אַראָפּצונעמען פֿון זיך גאָטס שטראָף דורכן בזיון, וואָס זי אַליין טוט זיך אָן, כּדי קיינער זאָל נישט מיינען, אַז זי האָט פּענעקן אומזיסט פֿײַנט, האָדעוועט אים אומזיסט אויף צווישן די דינסטן אין קיך.

און אַחוץ זײַן מאַמען — פּאַליעק און בליומע (פּאַליעק איז עלטער פֿון אים מיט אַ יאָר זיבן, בליומע — מיט אַ יאָר פֿינף); מיט פֿײַער געהייליקטע מײַלער האָבן זיי פּענעקן שוין פֿיל מאָל געזאָגט:

— רשע!

— אויסוווּרף!

— וועסט אויסוואַקסן אַ הולטײַ [1].

— ווערסט אַ שם־דבֿר [2].

און דער עיקר:

— בן סורר ומורה [3].

מע האָט אים דערבײַ דערציילט פֿון חומש, ווי אַזוי אייגענע טאַטע־מאַמע דאַרפֿן אים פֿאַרשטיינען.

פֿאַליעק, אַ פֿעטלעכער, זייער אַ געזונטער, האָט איין מאָל פּענעקן שטאַרק געשלאָגן. פּענעק האָט אויפֿגעהויבן אַ געשריי, געמיינט: די מוטער וועט זיך פֿאַר אים אײַנשטעלן (דער פֿאָטער, אַז ער איז אין דער היים, לאָזט ער אים קיין מאָל ניט שלאָגן). די מוטער האָט געהאַלטן בײַם סוף פֿון אירן אַ לאַנגן, פֿרומען דאַווענען, פֿאַרענדיקט אָן שום אײַלעניש איר זאָגעכץ אין סידור. אַנשטאָט זיך אײַנשטעלן פֿאַר פּענעקן, האָט זי אַ זאָג געטאָן צו פֿאַליעקן:

— פֿאַלעק, די הענט זאָלן דיר דערפֿאַר קיין מאָל נישט וויי טאָן.

פּענעק האָט דעמאָלט געכאַפּט אַ היפּשע שווערע טשערעפּאַכע, וואָס איז געלעגן אויפֿן טיש ווי אַ שיידלינג, זי אַ וואָרף געטאָן פֿאַליעקן אין פּנים אַרײַן און איז געווען שטאַרק צופֿרידן, וואָס פֿאַליעק, כאַפּנדיק זיך מיט בײדע הענט פֿאַרן פּנים, האָט גענומען וואָיען אויף איין מאָל מיט אַ סך קולות, ווי אַ בילערײַ פֿון הינט, וואָס פֿאַרגייען זיך אין מיטן נאַכט עטלעכע מיט אַ מאָל. פֿאַליעק

---

[1] אויסברענגער. — [2] באַוווּסט. — [3] (דברים, כ״א) פֿאַרביסענער און ווידערשפּעניקער.

איז נאָך דעם אַרומגעגאַנגען מיט אַ פֿאַרבונדן פּנים, פֿול מיט צע־הרגעטע געשווילעכצן, און פּענעקן האָט די מוטער געזאָגט:

— צו אַלע מעלות נאָך אַ רוצח?!... נו, גוט, וועט מען כאָטש וויסן מיט וועמען מע האָט צו טאָן.

*

אויף דער מוטער פֿאַלט אָפּט אָן אַ רעליגיעז־פֿרומער אומעט, קומט אויף איר מערסטנס פּלוצלינג, אָן אַ שום סיבה. אָפּגעשלאָסן אויף יענער זײַט גרויסן, שטילן זאַל, דאַוונט זי דעמאָלט גאַנצע טעג אַפֿילו אין דער וואָכן, עסט ווייניק, פֿילט זיך נאָענט צו גאָט, וואַשט די הענט פֿיל מאָל אין טאָג, ווי אַ מאַנסביל יום־כּיפּור; דער טער־קישער שאַל אויף אירע אַקסלען, ווי אַ פּרוכת, ווי אַ הייליקע מחיצה, וואָס טיילט־אָפּ זי מיט גאָט פֿון אַרומיקע זינדיקע בליקן.

אַזאַ פֿרומקייט איז אויף איר אָנגעפֿאַלן אויך דעם לעצטן זו־מער, איידער זי איז פֿון דער היים אַוועקגעפֿאָרן. אַ פּאָר שעה פֿאַרן געזעגענען זיך האָט זי דערזען, ווי פּענעק עסט מיט אומגעוואַשענע הענט, אָן אַ ברכה. זי האָט אַ קוק געגעבן אויף זײַנע ברודיקע נעגל, אויף זײַנע גראָבע ליפּן — אַ קוק געגעבן מיט עקל, ווי אויף אַן אייגענער מיאוס־אָפּגעטוענער עבֿירה.

— פּענעק! — האָט זי אַ זאָג געטאָן מאָדנע קלאָר, מיט אַ גע־כּשרט מויל.

זי האָט, קוקנדיק אויף אים, צוזאַמענגעצויגן די אויגן, זיך נישט צוגערירט צו אים, ווי אין אַ טמא זאַך:

— פּענעק! — האָט זי געזאָגט — הער־אויס: אויב דו וועסט זײַן פֿרום און ערלעך, טאָ זאָלסטו מיר לעבן; אַלאַ נישט, טאָ וויל איך דיך בעסער האָבן אויף יענער וועלט.

זי האָט אַ זיפֿץ געטאָן:

— הלוואַי זאָל איך ליגן זאָגן — דיר וועט שוין קיינער נישט העלפֿן... פֿפֿפֿאַר.... פֿאַלן....

פּענעק גלייבט שוין אויך אין דעם. קוקט אויף זיך אַליין ווי

אויף אַ פֿאַרפֿאַלענעם. אַ סימן האָט ער: די מוטער איז אויף זומער אַוועקגעפֿאָרן, די קינדער — אויך. אים אָבער האָט מען געלאָזט אין דער היים. פּענעק געדענקט:

— פֿאַרפֿאַלן... מיר, פּענעקן, וועט שוין גאָרנישט ניט העלפֿן.

ער הערט: פֿון מורא, אַז דער באַלעבאָס וועט אויף אים שרײַען, שרײַט צו אים שײַנדל די לאַנגע:

— פּענעק, איך בעט דיך, גיי אין חדר.

•

איצט איז אַ הייסער זומערדיקער טאָג, אַ וואָכעדיקער. נאָך אָנבײַסן. דער דרויסן — פּריסעק[4].

צווישן אַ קינדער צוועלף זיצט פּענעק אין חדר בײַם רבינס טיש, שרײַט אין איינעם מיטן רבין, אין איינעם מיט די קינדער, שווערע און גרויזאַמע חומש־ווערטער:

— וההר — און דער באַרג סיני, בואר — ער ברענט, באש — אין פֿײַער...

דערבײַ געדענקט זיך אָן אויפֿהער:

— משה גייט־אויף אויפֿן באַרג צו גאָט.

פֿון פֿיל מאָל איבערחזרן די ווערטער, פֿון די פֿיל צוזאַמענגעגאָסענע קינדערשע קולות ווערט געשאַפֿן אַ טשאַדנדיקע כוואַליע אין קאָפּ, אין האַרץ, אין דער לופֿט, גלײַך אַרום־און־אַרום ברענען, צאַנקען, טריפֿן און רויכערן אָן אַ שעיור וואַקסענע ליכט. און ווי אַ טייל פֿון אָט דעם צאַנקען שווינדלט אָן אויפֿהער פֿאַר די אויגן דער טערקישער שאַל, וואָס די מוטער טוט־אָן בעת אויף איר פֿאַלט־אָן די פֿרומקייט און זי ווערט נאָענט צו גאָט. אין טיפֿעניש פֿונעם טשאַד יאָגט דער רבי ווי מיט בײַטשן די קינדערשע קולות:

— וההר — און דער באַרג סיני, בואר — ער ברענט, באש — אין פֿײַער...

---

4 קאָכעדיק (ווי אויף הייסן אַש).

און פּלוצעם דערפֿילט פּענעק די אומניצלעכקייט פֿון אָט דעם שרײַען פֿאַר אים, דעם פֿאַרפֿאַלענעם „רשע“, „הולטײַ“, „סורר ומורה“, פֿאַר אים וואָס האָט שוין איין מאָל געוואָרפֿן די טשערעפּאַכע פּאָליעקן אין פּנים אַרײַן, שוין וויפֿל מאָל עובֿר געווען אויף די מצוות, שוין וויפֿל מאָל געשלאָפֿן מיט יאַנקל דעם פֿורמאַן אין פֿערדנשטאַל — סײַ ווי סײַ: ער, פּענעק... אַ פֿאַרלוירענער. אין קאָפּ הייבן אָן קריכן זײַטיקע זאַכן. מײַלער שרײַען און אויערן הערן נישט; מיט דינעם שפּינוועבס פֿאַרוועבט פּענעקן אַ זײַטיק בילד: אין דער היים פֿירט יאַנקל דער פֿורמאַן די גרויסע, שיינע פֿערד צום וואַסער...

ער זעט מיט אַ מאָדנער קלאָרקייט:

אין דער היים שלאָפֿט דער טאַטע פֿון נאָך מיטאָג בײַ זיך אין שרײַבצימער, ליגט אין דער שוואַרצער קאַפּאָטע אויף אַ זײַט, די האַלב־צוגעמאַכטע אויגן — פֿאַרגלאָצט זײַן מויל — אָפֿן, ווי בײַ אַ פֿיש אויף אַרײַנצוכאַפּן וואָס מער לופֿט, זײַן געקנייטשט רויטלעך־צוגעדעמפּט פּנים — יום־טובֿדיק פֿאַרשוויצט, און די וואָכעדיקע, טוקנל־גרויע באָרד — מיט פֿרעמדקייט פֿאַרבויגן צום האַלדז צו. אַז דער טאַטע וועט זיך אויפֿכאַפּן פֿון דרעמל, וועט יאַנקל מיט די פֿערד שוין זײַן צוריק פֿונעם וואַסער, שוין האָבן אײַנגעשפּאַנט דעם פֿאַעטאָן. דער טאַטע אינעם גרויען פֿאָרכאַלאַט, מיט אַ ספֿר אין די הענט, וועט זיך אויפֿזעצן אויף דער פֿור, אַרײַנקוקנדיק אין ספֿר וועט ער אַוועקפֿאָרן צו זײַנע געשעפֿטן ערגעץ ווּהין אויף לאַנג, אויף אַ גאַנצע וואָך. אין גרויסן, ווײַסן הויז וועלן בלײַבן בלויז די דינסט מיט שיינדל דער לאַנגער, שטילקייט דאָרטיקע — אַרום. קילקייט — אַרום זיי... פּענעק האָט ליב די שטילקייט און די קילקייט אין הויז, בעת זיי האָבן נישט אויף זיך קיין באַלעבאָס. ער האָט ליב די דינסטן, וואָס דרייען זיך דעמאָלט אַרום אָן אַ באַלעבאָס איבער די צימערן אוןריידן מיט געלאַסענער זיכערקייט — ווערן מענטשן, גענעצן אָפֿט און פֿרײַ, ווי נאָך אַן עין־הרע...

די חומש־ווערטער, וואָס מע שרײַט, ווערן פֿון רגע צו רגע

שווערער אָנגעגאָסן מיט בלײַ. זיי זײַנען געראָטן מיט זייער פֿרומקייט אין טאַטן, אין דער מאַמען. זיי ווילן ווערן אויף אים, פּענעקן, באַלעבאָס — זיי, וואָס זײַנען אומניצלעך פֿאַר אים, דעם „פֿאַרפֿאַלענעם“... פּענעק באַמערקט נישט, ווי ער הערט־אויף צו שרײַען די ווערטער, באַמערקט נישט ווי ער גנבֿעט זיך שטיל אַרויס פֿון חדר, און אויך אַרום אים באַמערקט עס נישט קיינער — אַרום אים טראָגן זיך טשאַדנדיקע כוואַליעס:

— וההר — און דער באַרג, בואר — ער ברענט, באש — אין פֿײַער...

שפּעטער אַ ביסל וועלן זיך די געשרייען פּלוצלינג אָפּשטעלן, מע וועט דערזען, אַז פּענעק איז צווישן די קינדער אין חדר נישטאָ, מע וועט שיקן אין הויז אים זוכן. פּענעק פֿאַרקערעוועט דעריבער אין אַן אַנדער זײַט, צו אָרעמע שטיבלעך און הינטערגעסלעך, וואָס הייבן זיך אָן הינטער אַ קלויז מיט אַן אַלטן באַרנבוים, וואַלגערן זיך באַרג־אַראָפּ צום טײַך און זײַנען פֿאַרגאָסן מיט טשמעליענדיק הייסער זון. דאָרט, וואָס ווײַטער פֿונעם הויז און פֿונעם חדר, וועט זיך פּענעק אַרומשאָקלען איינער אַליין — ער, דער פּוסט־און־פּאַס פֿונעם שטעטל, דער פּוסט־און־פּאַס פֿונעם האָנעקריי, וואָס דערגרייכט אַהער פֿון פֿאַרוואַקסענע פּויערשע שטיבלעך אויף יענער זײַט טײַך...

*

אויף גריבלדיקע שוועלן, אויף אָרעמע האַלב צעוואַלגערטע פּידאַשקעס [5], זיצן מעוברתע ווײַבער, היטן דעם דלות, וואַרעמען זייערע צעפּראַלטע בײַכער — זיי זײַנען פֿאַרגאָסן מיט הייסער טשמעליענדיקער זון, פּונקט ווי זייערע הײַזער שמעקן מיט זומערדיקן ריח פֿון זייערע הינטערגעסלעך.

זייערע פֿאַרגעניגנס:

זיפּן,

---

[5] אונטערן דעכל (פֿאַרן אַרײַנגאַנג).

אַרײַנקוקן צו זיך אַליין אין די העמדער,
ניט אָפּווישן בײַ זייערע פּיצלעך קינדער די סטרעמפּלעך[6] און לויזן זייערע קעפּלעך.

צוויי פֿון די ווײַבער צעקריגן זיך, ווערט אַ געווימל. פּענעק — אין מיטן. ער קאָן כאַפּן אַ שטויס, אָבער ס׳איז ווערט. מע פֿילט דעמאָלט כמעט נישט קיין ווייטיק — אויף אַזוי פֿיל זײַנען טשיקאַווע די קללות, וואָס שפּריצן אין מיטן געווימל פֿון ווײַבערשע מײַלער:

— גאָט זאָל דיך באַשענקען מיט צען קינדער און מיט איין העמד.

— מיט די געדערעם פֿון דײַן קינד זאָל מען מעסטן דאָס בית־עולם.

— עס זאָלן דיר אַרויספֿאַלן אַלע ציין און עס זאָל דיר בלײַבן איין צאָן אויף צאָנווייטיק.

דאָס געווימל שיט זיך פֿונאַנדער. הערט זיך ווידער האָנענקריי פֿון פֿאַרוואָקעסענע פּויערישע שטיבלעך אויף יענער זײַט טײַך. דער פֿאַרטועגער פּענעק פֿילט מער נישט זײַן פּוסט־און־פּאַס, ווי עס פֿילן נישט זייער פּוסט־און־פּאַס די שטיבער אונטער דער טשמעליענדיקער זון, ווי עס פֿילן נישט זייער פּוסט־און־פּאַס די הפֿקר־הינט, וואָס ליגן מיט אַרויסגעהאָנגענע הונגעריקע צינגער אין שאָטן און אָטעמען אויף גיך, אויף גיך.

ה. לייוויק

## מיר זיינען צוויי נאַרישע קינדער

מיר זײַנען צוויי נאַרישע קינדער
און מאַכן פֿון אַלץ זיך אַ שפּיל,

---

[6] קליינע געשווילעכצן, קרעציקע.

ביז וואַנען עס קומט־אָן דער טאַטע
און גיט זיך אַ בייזער: — זײַט שטיל!

מיר טוליען זיך צו אין אַ ווינקל,
אַרונטערגעלאָזן די קעפּ,
ביז וואַנען די טריט פֿון דעם טאַטן
פֿאַרשווינדן אויף יענער זײַט טרעפּ.

מיר טוען אַ שפּרונג פֿונעם ווינקל
און נעמען זיך שפּילן צוריק,
און פּלוצלינג — דער טאַטע קומט ווידער:
געגאַנגען איז ער נאָך אַ שטריק.

ער נעמט אונדז צו שלאָגן און שמײַסן,
צעברעכט אונדז די שפּילצײַג אויף שטיק;
עס שרעקט אונדז נאָך מער פֿון זײַן שווײַגן
זײַן שטומער צעכעסטער בליק.

אָט ליגט אָן אַ פֿאָן אונדזער שיפֿל,
אָן רעדער, אָן רעלסן די באַן,
איין פֿוס נאָר געבליבן בײַם פֿערדל,
צעוואָרפֿן אין גאַנצן דער שפּאַן.

אַרונטערגעשלײַדערט דעם רײַטער,
אויף צווייען צעבראָכן זײַן שווערד,
צעריסן די סטרונעס פֿון פֿידל,
צעטראָטן זי ליגט אויף דער ערד.

מיר זײַנען צוויי נאַרישע קינדער
און וויינען אין אַ ווינקל אַרײַן,
ביז וואַנען עס שפּרינגט־צו דער טאַטע
און גיט זיך אַ בייזער: — ניט וויין!

מ. אָליצקי

# מיין מיידעלע

— 1 —

ווען מײַן מיידעלע איז גוט —
און אַ גוטינקע זי איז —
גלאַנצן אירע אייגעלעך מילד
און דאָס פּנימל איז זיס.
ווען מײַן מיידעלע איז גוט —
שײַנט אין גאַנצן הויז אַ פֿרייד.
דער ברודער טוט זײַן אַרבעט שטיל,
די מאַמע רעדט מיט גוטע רייד.
ווען מײַן מיידעלע איז גוט:
שרײַבט אין ביכל, זינגט אַ ליד —
איז מיר אויפֿן האַרצן גוט
און איך זינג צופֿרידן מיט.

— 2 —

ווען מײַן מיידעלע איז שלעכט,
שרײַט און שרײַט מיט אַ געוויין —
ווערן אירע אייגעלעך ווילד
און דאָס פּנימל ניט שיין.
ווען מײַן מיידעלע איז שלעכט
גייט־אַוועק די פֿרייד פֿון הויז.
די מאַמע בייזערט זיך אין קיך
און דער ברודער לויפֿט־אַרויס.
ווען מײַן מיידעלע איז שלעכט —
איז וואָס איך זאָג איר, איז ניט גוט.
ווען מײַן מיידעלע איז שלעכט —
ווייסט איר אפֿשר וואָס מע טוט?

גבריאל ווייסמאַן

## אַן איינריידעניש איז ערגער פון אַ קרענק

ווו געהערט האָב איך די מעשׂה
טראָגט נישט מײַן זכּרון,
איינס געדענק איך נאָר אויף זיכער:
ס׳איז אַ שאָק מיט יאָרן.

איז׳ן איז די גאַנצע מעשׂה
פֿון אַ נאַריש ייִנגל,
וואָס געזאָגט: אַ לונג־און־לעבער
הענגט אים נאָך בײַם צינגל.

ייִנגלעך האָבן ליב צו שפּאַסן —
ווייסן אַלע קינדער,
איז דער שפּאַס מיט לונג־און־לעבער
נישט קיין גרויסער ווונדער.

לאַכן קינדער, מיינט די מאַמע,
אַז ער טרײַבט ליצנות,
אָבער ייִנגל וויינט און ביטער,
אוי, סאַראַ רחמנות.

גייען טעג אַוועק ביז זיבן,
געמיינט: ר׳וועט פֿאַרגעסן,
אָבער ייִנגל האָט פֿאַר קרענקונג
אויפֿגעהערט צו עסן.

פּרווּוט דער טאַטע און די מאַמע
ריידן און באַווײַזן,
אָבער: נישט עס העלפֿט מיט גוטן,
נישט עס העלפֿט מיט בייזן.

זעט מען, אַז עס מוז דעם עקשן
נאָר אַ דאָקטער היילן,
שפּאַנט מען אײַן פֿערד און וואָגן
און מען טוט זיך אײַלן.

קומט מען צו אַ גרויסן דאָקטער
און מען ווײַזט אים ס׳ייִנגל,
וואָס מען זאָגט: אַ לונג־און־לעבער
הענגט אים נאָך בײַם צינגל.

הערט דער דאָקטער, הייבט די אַקסלען
און זאָגט אַזוי פֿאַרקלערט:
אַזאַ קראַנקייט? — זינט כ׳בין דאָקטער
כ׳האָב נאָך נישט געהערט.

וויינט דאָס ייִנגל און ער כּעסט זיך:
וואָס ער רעדט, בראָקט ער!
גייט מען מיטן קראַנקן ייִנגל
צו אַ צווייטן דאָקטער.

אויך דער צווייטער, ווי דער ערשטער
ווייסט נישט וואָס צו זאָגן —
מוז מען צו אַ פֿרישן דאָקטער
שפּאַנען פֿערד און וואָגן.

אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן
ווען ס׳איז קיין באַשערט,
אַלע, אַלע ווי דער ערשטער:
אַזאַ קרענק? — נישט געהערט.

זײַנען טעג אַוועק און וואָכן —
העלפֿן קען דאָ קיינער,
און פֿון ייִנגל איז גיך געוואָרן
בלויז נאָר הויט און ביינער.

קענען לענגער טאַטע־מאַמע
דאָס נישט איבערהאַלטן,
פֿאָרן זיי אין ווײַטע לענדער
זיך אַן עצה האַלטן.

איין מאָל איז מען אָנגעקומען
אין אַ לאַנד פֿון וווּנדער,
ווו חכמים, זאָגט מען, זײַנען
קליינע, פּיצלעך קינדער.

צו דעם ערשטן, בעסטן חכם
גלײַך געגומען אײַלן,
און אין אײַלעניש גענומען
אַלץ און אַלץ דערציילן.

אויסגעהערט די גאַנצע מעשׂה
מיט אַ קלוגן שמייכל,
און געטראַכט בײַ זיך אין האַרצן:
מ׳דאַרף דאָ האָבן שׂכל.

און צום ייִנגל זאָגט דער חכם:
— ס׳וועט דיך גאָר נישט מײַדן,
ווײַל מען מוז דעם לונג־און־לעבער
פֿון דער צונג אָפּשנײַדן...

באַלד פֿאַרבינדט ער אים די אויגן
כּלומרשט: אָפּערירן,
און גענומען מיטן שערל
אויפֿן צינגל פֿירן...

און צום פֿאָטער ווינקט דער חכם:
ר׳זאָל צום קצבֿ לויפֿן,
און אַ פֿרישע לונג־און־לעבער
זאָל ער דאָרטן קויפֿן.

דאַן — אַ קליינעם פּיק אין צינגל,
סתּם... אַזוי... אַ ביסל...
און די פרישע לונג־און־לעבער
אַרײַנגעלייגט אין שיסל...

אויפגעבונדן גלײַך די אויגן
פון דעם קראַנקן ייִנגל,
לונג־און־לעבער אים געוויזן
און ס'בלוט אויפן צינגל.

שטייט דאָס ייִנגל בײַ דעם שפּיגל,
לאַכט און וויינט צוזאַמען,
ס'איז אַ סוף צו זײַנע לײדן —
קוועלן טאַטע־מאַמע.

— — — — — — — — — — —

וועגן דעם פאַראַן אַ ווערטל,
הער זשע גוט און — געדענק:
אײַנגערעדטע זאַכן זײַנען —
ערגער נאָך ווי אַ קרענק!

י. י. סיגאַל

## זומערליד

די קינדער האָבן ליב דעם רעגן,
דער רעגן האָט דיביימער ליב,
די קינדער און די גראָזן וואַקסן
אין פעלד, אין גאָרטן און אַרום דער שטוב.

אַ רײַפער עפּל און אַ רויטער
הענגט פונעם גרינעם בוים אַראָפּ,

דאָס ייִנגל קוקט מיט הייסע אויגן
און ס׳שאָקלט זיך אים אַזש דער קאָפּ.

— אוי, ייִנגל, ייִנגל! — לאַכט דער עפּל —
איך ווייס, דו האָסט מיך זייער ליב,
איך זע דאָס פֿלעמל אין דײַנע אויגן
און דאָס זיסע וואַסער אויף דײַן ליפּ.

טאָ האָב געדולד אַ ביסל, ייִנגל,
און האַלט זיך בחוריש און שטאַרק,
דו וועסט מיך טרעפֿן איבער מאָרגן
אַ לעבעדיקן אויפֿן מאַרק.

אויף דער אַלמנהס שטעלעכל דאָרטן,
מיט אַנדערע עפּל גרין און רויט,
וועסטו מיך אויסקלײַבן און קויפֿן
און עסן מיט אַ שטיקל ברויט.

כ׳וועל זיס דיר מאַכן יעדן ביסן
און דו וועסט זיך מחיה זײַן,
נאָר איצט, מײַן טײַער, ליכטיק ייִנגל,
גיי זיך דערווײַל אין שטוב אַרײַן.

מ. טאַלאַלאַיעווסקי

## אַ ייִנגעלע

אין פּאַרק לויפֿט־אום אַ ייִנגעלע —
אַ פֿידעלע די גרויס.
ער איז, זעט־אויס, פֿון קוועקזילבער —
וווּ איז ער אַלץ ניט אויס?

אַט קריכט ער אויף אַ הויכן בוים,
אַט זיצט ער אויף אַ פּלויט.
אַט טראָגט ער פּאָר די טײַבעלעך
אין בוזעם אַ שטיק ברויט.

אַט נעמט ער אַ שטיק אײַזן
און זאָגט: ס׳איז אַ ראַקעט.
אַזאַ ווי ס׳פּליט אין הימל
גלײַך איבער אונדז — איר זעט?

איר זײַט געוויס אַ בלינדער,
און איך — איך זע זי קלאָר!
דעם יינגעלע איז אין גאַנצן
אַוועק דאָס זעקסטע יאָר.

דאָס קעפּעלע — געקרײַזלט,
דאָס קולעכל — אַ פּלייט.
עס דאַכט — עס שפּילט אַ פּידעלע
דאָרט, ווו ער גייט און שטייט.

מאָסקווע

## אַברהם רייזען

### ווינטער־אָוונט

ווינטער־אָוונט, פּון חדרים,
זײַנען יינגעלעך געגאַנגען
איבער גאַסן, שמאָל און אָרעם,
האָבן אָפּגעהילכט געזאַנגען.
ווייניק לידער, קליין די צאָל,
זינגט מען איין ליד נאָך אַ מאָל.

זינגען קינדער העכער, העכער,
מיט דעם ניגון דעם באַקאַנטן.
אויף דער ערד און אויף די דעכער,
פֿינקלען שנייעלעך־ברילִיאַנטן...
און פֿון פֿענצטער, ווו־ביט־ווו,
ווינקען פֿײַערלעך זיי צו...

ווו־ביט־ווו אַ קראָם נאָך אָפֿן,
זיצט אַ קרעמערל אַ מידער;
מורמלט שטיל פֿאַר זיך, פֿאַרשלאָפֿן,
וועקן אים די קינדערס לידער.
ווערט אים גוט אַזוי און באַנג,
פֿון דעם קינדערשן געזאַנג.

שלום עליכם

## אליהו הנביא

— א —

נישט גוט צו זײַן אַ בן־יחיד, אַ ציטעריקער בײַ טאַטע־מאַמע. „פֿון זיבן איינער געבליבן״. דאָ — ניט שטיי, דאָרט — נישט גיי. דאָס — נישט עס, יענץ — נישט טרינק. דעם קאָפּ — דעק־צו. דעם האַלדז — פֿאַרבינד. די הענט — באַהאַלט. די נאָז — שנײַץ־אויס. אַך, נישט גוט, נישט גוט צו זײַן אַ בן־יחיד. און נאָך אַ נגידס אַ ייִנגעלע דערצו. מײַן טאַטע איז אַ נגיד. אַ חלפֿן איז ער. גייט־אַרום מיט אַ טאָרבע מינץ איבער די קלייטן. בײַט זילבער אויף מינץ און מינץ אויף זילבער. זײַנען דערפֿאַר בײַ אים די פֿינגער תּמיד שוואַרץ און די נעגל צעטריסקעט. האָרעוועט האָרעוועט ער אַפֿילו זייער שטאַרק. אַלע טאָג אַז ער קומט אַהיים, איז ער אויס־

געמידט און צעבראָכן. „נישטאָ קיין פּיס — קלאָגט ער זיך פֿאַר דער מאַמען, — נישטאָ קיין פּיס, קיין סימן פֿון קיין פּיס"...

נישטאָ קיין פּיס — עס קאָן זײַן. דערפֿאַר האָט ער אָבער „פּרנסה בשפע". אַזוי זאָגן אַלע, און אַלע זײַנען אונדז מקנא, וואָס מיר האָבן פּרנסה, און נאָך בשפע. די מאַמע איז צופֿרידן. איך אויך. „אַ פּסח בײַ מיר הײַנטיקס יאָר — אויף אַלע ייִדישע קינדער, רבונו של עולם"...

אַזוי זאָגט די מאַמע און דאַנקט גאָט, וואָס מיר האָבן אַזאַ פּסח. איך אויך. נאָר ווי דערלעבט מען אים שוין, אָט דעם פּסח?...

— ב —

קוים דערלעבט פּסח. דעם ליבן טײַערן פּסח. אויסגעקליידט האָט מען מיך — בגדי־מלכות, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ נגידס אַ ייִנגל. וואָס קומט מיר אָבער אַרויס? אַז איך טאָר נישט אַרומשפּרינגען אין דרויסן — איך וועל זיך פֿאַרקילן. אַז איך טאָר נישט אַרומלויפֿן מיט אַלע קבצנישע קינדער — איך בין אַ נגידס אַ ייִנגל. אַזעלכע שיינע מלבושים — נישטאָ פֿאַר וועמען צו באַרימען זיך. אַ פֿולע קעשענע מיט ניס — נישטאָ מיט וועמען צו שפּילן.

נישט גוט צו זײַן אַ בן־יחיד, אַ ציטעריקער, וואָס פֿון זיבן איינער געבליבן, און נאָך אַ נגידס אַ ייִנגל דערצו.

— ג —

דער טאַטע האָט אָנגעטאָן די בעסטע קאַפּאָטע און איז אַוועק אין שול דאַוונען. זאָגט צו מיר די מאַמע: „ווייסט דו וואָס? לייג זיך צו. שלאָף דיך אויס. וועסט דו קאָנען זיצן בײַם סדר. וועסט דו פֿרעגן דעם טאַטן די פֿיר קשיות". משוגע בין איך? פֿאַרן סדר וועל איך גיין שלאָפֿן? „געדענק זשע, פּסח צום סדר טאָר מען נישט שלאָפֿן. וואָרעם טאָמער, חלילה, ווערסט דו אַנטשלאָפֿן בײַם סדר, אַזוי קומט אליהו־נבֿיא מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס... פּסח בײַ נאַכט גייט־אַרום אליהו־נבֿיא און קוקט, ווער עס שלאָפֿט בײַם סדר, דעם

נעמט ער צו אין זאַק אַרײַן״... כאַ־כאַ! איך וועל אַנטשלאָפֿן ווערן בײַם סדר? איך? און אַז מע זאָל זיצן אַ גאַנצע נאַכט? און אַפֿילו ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן? ווי אַזוי איז געווען, מאַמע, פֿאַר אַ יאָרן? „פֿאַר אַ יאָרן ביסטו אַנטשלאָפֿן געוואָרן באַלד נאָך קידוש״... פֿאַר וואָס זשע איז נישט געקומען צו מיר דעמאָלט אלי־נביא מיטן זאַק? „דעמאָלט ביסטו נאָך געווען אַ קליינטשיקער, הײַנט ביסטו אַ גרוי־סער. הײַנט דאַרפֿסטו פֿרעגן דעם טאַטן די פֿיר קשיות. הײַנט דאַרפֿסטו זאָגן מיטן טאַטן „עבֿדים היינו״. הײַנט דאַרפֿסטו עסן מיט אונדז פֿיש און יויך און קניידלעך... שאַ — אָט גייט דער טאַטע פֿון שול״.

— גוט יום־טובֿ!

— גוט יום־טובֿ!

— ז —

דאַנקען גאָט. דער טאַטע האָט אָפּגעמאַכט קידוש. איך אויך. דער טאַטע האָט אויסגעטרונקען דעם ערשטן כּוס. איך אויך. און דווקא אַ פֿולן כּוס, און דווקא ביזן דנאָ. „זע נאָר, ביזן דנאָ!״ — זאָגט די מאַמע צום טאַטן, און מיר זאָגט זי: „אַ פֿולן בעכער מיט ווײַן? וועסט אַנטשלאָפֿן ווערן״... כאַ־כאַ! איך וועל אַנטשלאָפֿן ווערן? איך? און אַז מע זאָל זיצן אַ גאַנצע נאַכט? אַפֿילו ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן? אַנו, פֿרעגט דעם טאַטן, ווי אַזוי האָב איך אָפּגעקלאַפּט די פֿיר קשיות? ווי אַזוי זאָג איך די הגדה? ווי אַזוי שאָקל איך זיך איבערן סידור און זינג מיטן טאַטן דעם „עבֿדים היינו״?... און די מאַמע לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פֿון מיר און שמייכלט און זאָגט צו מיר: „וועסט אַנטשלאָפֿן ווערן. אַנטשלאָפֿן ווערן״... עך, מאַמע! מאַמע! מיר דאַכט זיך, מע זאָל זײַן מיט אַכצן קעפּ, קאָן מען פֿון דעם אַליין אַנטשלאָפֿן ווערן! אַנו, לאָז מען זיך אַוועקזעצן אײַך אַנט־קעגן און זינגען אײַך אין אויער: „אַנטשלאָפֿן ווערן, אַנטשלאָפֿן ווערן״.

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך בין אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

— ה —

אַנטשלאָפן געוואָרן — חלומט זיך מיר, אַז דער טאַטע האַלט שוין בײַ „שפּוך חמתך“. די מאַמע אַליין שטייט־אויף פון טיש, גייט עפענען די טיר, מקבל פנים זײַן אליהו־נביאן. שיין ווערט זײַן, טאָמער קומט טאַקע אליהו־נביא, ווי די מאַמע זאָגט, מיטן זאַק אויף די פּלייצעס, און זאָגט צו מיר: „קום, בחור“... און ווער וועט זײַן שולדיק אין דעם, אַז נישט די מאַמע אַליין מיט איר: „שלאָף נישט־שלאָף נישט!?... און אַזוי ווי איך טראַכט מיר די דאָזיקע מחשבות — אַהאַ! — הער איך אַ סקריפּ פון דער טיר, און דער טאַטע שטייט־אויף און רופט־אויס אויף אַ קול: „ברוך הבא!“ איך קוק מיך אײַן צו דער טיר — יאָ, ס'איז ער. ער גייט. ער גייט. פּאַוואָלינקע, קוים וואָס מע הערט. אַ שיינער ייִד אליהו־נביא. אַן אַלטער מאַן. אַ זקן מיט אַ גרײַז־גרויער באָרד ביז די קני. דאָס פּנים אַלט, געל, גע־קנייטשט, נאָר שיין און גוט איז דאָס אָן אַן עק. און אויגן — אַך, אויגן! גוטע, ווייכע, פרײַנדלעכע, ליבע, געטרײַע אויגן. אײַנגע־בויגן, אָנגעלענט אויף אַ גרויסן־גרויסן שטעקן, מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס — און שאַ, שטיל, אָן ווערטער, און גלײַך צו מיר.

— ו —

— נו, ייִנגעלע, אַרײַן צו מיר אין זאַק אַרײַן און קום! — אַזוי זאָגט צו מיר אָט דער אַלטיטשקער, און דווקא מיט גוטן, דווקא אַזוי ווייך, אַזוי זיס.

פרעג איך אים: „וווּהין?“ מאַכט ער צו מיר: „וועסט שוין נאָך דעם זען“... וויל איך נישט, זאָגט ער מיר נאָך אַ מאָל. בעט איך מיך בײַ אים: „ווי קאָן איך מיט דיר גיין, אַז איך בין אַ נגידס אַ ייִנגל?“ זאָגט ער: „און אַז אַ נגידס אַ ייִנגל, וואָס ביסטו פאַר אַ מיוחס?“ זאָג איך: „איך בין בײַ טאַטע־מאַמע אַ בן־יחיד“... זאָגט ער: „בײַ מיר ביסטו נישט קיין בן־יחיד“. זאָג איך: „אַ ציטעריקער — פון זיבן איינער געבליבן. זיי וועלן, זאָג איך, דערזען, אַז איך בין נישטאָ,

וועלן זיי דאָס נישט אויסהאַלטן. זיי וועלן שטאַרבן, און דער הויפּט — די מאַמע״... קוקט ער אויף מיר, דער אַלטיטשקער, מיט גוטן און מאַכט צו מיר ווייך און זיס, ווי פֿרי́ער: גייסטו נישט מיט מיר, טאָ שלאָף געזונט, נאָר ווער אַנטשלאָפֿן אויף שטענדיק, אויף אײ־ביק״... הייב איך אָן צו וויינען: „הייסט דאָך עס, איך זאָל שטאַרבן? זיי וועלן דאָס נישט אויסהאַלטן... דערהויפּט — די מאַמע״... „וויל־סטו ניט שטאַרבן, טאָ קום מיט מיר. געזעגן זיך אָפּ מיט טאַטע־מאַמע און קום״... „סטײַטש, ווי קאָן איך גיין, אַז איך בין אַ בן־יחיד, פֿון זיבן איינער געבליבן?״... מאַכט ער צו מיר שוין שטאַר־קער: „צום לעצטן מאָל, ייִנגעלע, קלײַב דיר אויס איינס פֿון די צוויי: אָדער געזעגן זיך אָפּ מיט טאַטע־מאַמע אויף שטענדיק און קום מיט מיר, אָדער בלײַב דאָ, נאָר ווער אַנטשלאָפֿן אויף אייביק. אויף אייביק״...

— ז —

אָפּגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, טרעט ער אָפּ פֿון מיר אויף איין שפּאַן און וויל שוין אויסקערעווען זיך צו דער טיר. וואָס טוט מען דאָ? אַוועקגיין מיטן אַלטן, גאָט ווייסט וווהין, פֿאַרפֿאַלן ווערן — וועלן טאַטע־מאַמע שטאַרבן. אַ בן־יחיד, פֿון זיבן איינער גע־בליבן... בלײַבן דאָ און אַנטשלאָפֿן ווערן אויף אייביק — הייסט דאָס דאָך, איך אַליין זאָל שטאַרבן... צי איך אויס צו אים ביידע הענט מיט טרערן אויף די אויגן: „אליהו הנבֿיא! גוטער, ליבער, האַרציקער אליהו! גיב מיר איין מינוט אויף צו באַטראַכטן זיך!״ דרייט ער אויס צו מיר דאָס שיינע אַלטע, געלע, געקנייטשטע פּנים מיט דער גרײַז־גרויער באָרד ביז די קני, קוקט אויף מיר מיט זײַנע שיינע, גוטע, ליבע, געטרײַע אויגן און מאַכט צו מיר מיט אַ שמייכל: „איין מינוט אויף צו באַטראַכטן זיך גיב איך דיר, מײַן קינד, אָבער נישט מער ווי איין מינוט״....

און דער אַלטיטשקער לענט זיך אָן אויף זײַן גרויסן־גרויסן שטעקן און וואַרט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

**פֿרעגט זיך:** וואָס האָב איך באַדאַרפֿט אין דער מינוט צוטראַכטן אַזעלכעס, אַז איך זאָל נישט דאַרפֿן נישט גיין מיטן אַלטן און נישט אַנטשלאָפֿן ווערן אויף אייביק? — אַנו, ווער וועט טרעפֿן?...

מאַני לייב

## ייִנגל צינגל כוואַט

כ׳האָב אַ מעשׂהלע אַ שיינע
פֿאַר די קינדער מײַנע קליינע.
זײַט זשע, קינדער, שטיל און שאַ,
ס׳איז אַ מעשׂהלע אַזאַ:

ערגעץ ווײַט, ווײַט, ווײַט פֿון דאַנען,
צוצוקומען ניט מיט באַנען,
ניט מיט שיפֿן, ניט מיט פֿערד,
ערגעץ אויף אַ ווײַטער ערד,

האָט אַ טאָל זיך דאָרט געפֿונען.
און אין טאָל איז דורכגערונען,
ווי אַ שנירל ווײַט און גלײַך,
ווײַט און גלײַך אַ קליינער טײַך.

און בײַם טײַך, פֿון ביידע ברעגן,
זײַנען שטיבער פֿיל געלעגן.
שטיבער, גאַסן און אַ מאַרק,
און בײַם זײַט פֿון מאַרק אַ באַרג.

און די גויִם און די ייִדן
האָבן דאָרט געלעבט צופֿרידן;

ווער אין פֿרייד און ווער אין נויט,
יעדער האָט געהאַט זײַן ברויט.

האָט זיך איין מאָל דאָרט געטראָפֿן,
אַז דער זומער איז אַנטלאָפֿן.
נו, איז וואָס איז דאָ דֿי שרעק,
אַז דער זומער איז אַוועק?

נאָכן זומער קומט דער ווינטער,
קומט דער ווינטער און באַשפּינט ער
שטיבער, באַרג און מאַרק און פּלויט
אין אַ שנייִיק ווײַסן קלייד.

ווײַס און ליכטיק, אַ פֿאַרשנייטער,
און אַ ווײַסער און אַ ברייטער,
שטייט אַזוי דער ווײַטער ברעג
ביז די לינדע פּסח־טעג.

גוייִם קומען זיך צו פֿאָרן,
פֿירן פֿולע שליטנס קאָרן,
גענדז און האָלץ און שטרוי, און היי,
אָנגעלאָדן אָט אַזוי.

ייִדן שמײַען־אום און לויפֿן,
דינגען, קויפֿן און פֿאַרקויפֿן;
יעדן ייִדנס פּנים שײַנט:
סאַראַ מאַרק אַ ביסל הײַנט!

חבֿרה לויפֿן אויף די גליטשן,
מאַכן קונצן, הילכן, קוויטשען,
און דער אײַז איז בלוי און ווייך,
ווי דער הימל אין דער הייך.

שקצים אין די גרויסע היטלעך  
פֿליִען באַרג־אַראָפּ אויף שליטלעך  
מיט אַ פֿײַף און אַ געשריי,  
קוליע, קוליע, און אין שניי!

ייִנגלעך ראַיען זיך און שלעפּן,  
קײַקלען קלעצער שניי און קלעפּן  
פֿעטער שנייערס גוט און ווויל,  
מיט אַ נאָז און מיט אַ מויל.

שטייט אַ ייִנגל בײַ דעם טויער,  
רײַבט דעם אויער: — פֿעטער שנייער,  
זאָלסט אַזוי ביז פּסח שטיין,  
ביז מען דאַרף אין חדר גיין.

אָבער דאָ איז פֿאָרגעקומען,  
אַז דער ווינטער איז געקומען  
נאַס און פֿינצטער ווי אין גרוב,  
כאָטש ניט גיי אַרויס פֿון שטוב.

און אַ רעגן האָט געגאָסן,  
ניט ווי ווינטער, נאָר ווי אָסיען[1],  
און קיין שניי איז ניט צו זען,  
ווײַל קיין שניי איז ניט געווען.

בלאָטיק איז אין מאַרק געוואָרן,  
ניט צו גיין און ניט צו פֿאָרן;  
גיין און פֿאָרן — וווּ און ווי?  
אַז ס'איז בלאָטע ביז די קני.

ווערט אַ גוי אין מאַרק פֿאַרטראָגן,  
בלײַבט אין בלאָטע שטיין זײַן וואָגן;

---

[1] האַרבסט.

שעלט דער גוי, זײַן בײַטשל קנאַלט,
שלעפּט דאָס פערדל ביז עס פאַלט.

פאָרט־אַרויס אַ בעל־עגלה,
וויאָקעט, נאָקעט — מיט אַ קללה,
צי מיט גוטן — פערדלעך, פאָרט,
און די פערדלעך — ניט פון אָרט!

און די ייִנגלעך, ווי דער סדר,
לערנען ווינטער שפּעט אין חדר,
האָבן זיך דערשראָקן שטאַרק
גיין אין בלאָטע דורכן מאַרק.

האָבן מענטשן פיל געטרויערט,
וואָס די בלאָטע לאַנג געדויערט,
וואָס קיין שניי איז ניט צו זען;
און קיין שניי איז ניט געווען.

האָבן מענטשן זיך דערשראָקן,
גויִים קלינגען אין די גלאָקן,
ייִדן טיאַפּקענען [2] אין שול,
אַז די גרויסע שול ווערט פול.

און די ייִנגלעך פון דעם חדר,
יעדער ייִנגל טוט אַ נדר:
— שניי געטרײַער, קום שוין, קום,
איך וועל ווערן גוט און פרום.

קויפט אַ ייִנגל ניט קיין בייגל,
קויפן פליט ער ווי אַ פויגל
אַ לאַמטערן פון פּאַפּיר,
רויט און לויטערן קאָליר.

---

[2] קריכן ווי אין אַ בלאָטע.

נו, איז דאָרט געווען אַ ייִנגל,
האָט מען אים גערופֿן ציגנל,
ציגנל כוואַט. — און ציגנל כוואַט
האָט קיין מורא ניט געהאַט.

ער פֿלעגט לאַכן: אַ לאַמטערן!
כ׳האָב קיין מורא ניט פֿאַר בערן,
וועל איך מורא האָבן גיין
דורכן מאַרק בײַ נאַכט אַליין?

ייִנגלעך זיצן, הערן, שווײַגן,
אַלע ווייסן גוט, אַז לײַגן[3]
ציגנל כוואַט וועט קיין מאָל ניט,
ער איז דאָך ניט יוקל שמיד!

און אין אָוונט, ווי דער שטייגער,
קוקט דער רבי אויפֿן זייגער,
און ער זאָגט אַרויסעט קוים:
— קינדער, נו, שוין צײַט אַהיים!

ווערט אַ טומל, טויב צו ווערן:
— בערל רעדל, מײַן לאַמטערן,
גיב מיר פֿײַער, קאַפּל האָן,
צינד מיר מײַן לאַמטערן אָן!

לאָזן ייִנגלעך זיך צוזאַמען,
די לאַמטערנעס רויטע פֿלאַמען.
פֿינצטער — לײַכטן זיי דעם וועג
און זיי ציטערן פֿון שרעק.

פּלוצלינג טוט אַ פֿרעג אַ ייִנגל:
— קינדער, ווו איז איצטער ציגנל?

---

[3] ליגן זאָגן.

צינגל דאָרט און צינגל דאָ,
צינגל איז מיט זיי ניטאָ.

קוקן זיי אין אַלע זײַטן;
פּלוצלינג זעען זיי פֿון ווײַטן —
צינגל טוט אַ פֿאַל, אַ כליאָפּ,
און אין בלאָטע ביזן קאָפּ!

ווערט אַ ליאַרעם, שרײַט אַ ייִנגל:
— וואַרט אויף מיר אַ רגע, צינגל!
און צו צינגלען צוצוגיין
שרעקט דאָס ייִנגל זיך אַליין.

צינגל שטעקט אין בלאָטע פֿריילעך
און צעזינגט זיך פֿריילעך: הולך!
וואַרפֿט זיך, דרייט זיך, ציט זיך אויס,
קען פֿון בלאָטע ניט אַרויס.

ווערט אַ יאָמער: — צינגל, צינגל!
אָבער יעדער חדר־ייִנגל,
האָט ער אָפּגעלערנט קוים,
דאַרף ער קומען באַלד אַהיים.

בלײַבט אין בלאָטע צינגל שטעקן.
אָבער צינגל וועט זיך שרעקן?
צינגל קלערט צו זיך אַליין:
כ׳וועל אַזוי ביז מאָרגן שטיין.

כ׳וועל אַזוי אין בלאָטע שלאָפֿן...
אָבער דאָ האָט זיך געטראָפֿן:
דורכן מאַרק אַ פּריץ רײַט,
זעט ער צינגלען פֿון דער ווײַט.

לאָזט דער פּריץ זיך פֿון ווײַטן
אויף זײַן גוטן פֿערד צו רײַטן,
און פֿאַר ציגגלען — איינס, צוויי, דרײַ,
שלעפּ! — און ציגגל איז שוין פֿרײַ.

און דער פּריץ איז אַ גוטער,
טוליעט ציגגלען אין זײַן פֿוטער,
אָבער ציגגל זידט און ברענט,
רײַסט זיך פֿון דעם פּריצס הענט.

און דער פּריץ קנייטשט זײַן שטערן:
— ווי, דו האָסט ניט קיין לאַמטערן?
גייסט אַזוי אַליין בײַ נאַכט?
האָט זיך ציגגל הויך צעלאַכט.

אַ לאַמטערן, אַ לאַמטערן!
כ׳האָב קיין מורא ניט פֿאַר בערן,
וועל איך מורא האָבן גיין
דורכן מאַרק בײַ נאַכט אַליין?!

לאַכט דער פּריץ: — סאַראַ ייִנגל!
זאָג מיר, ווי מען רופֿט דיך! — ציגגל
האָט קיין מורא ניט געהאַט,
און ער ענטפֿערט: — ציגגל כוואַט!

איז דעם פּריץ שטאַרק געפֿעלן,
וואָס אַ ייִנגל זאָל זיך שטעלן
פֿאַר אַ פּריץ איינס און צוויי;
און דער פּריץ זאָגט אַזוי:

— כ׳בין שוין גרוי און אַלט געוואָרן,
בין אַ וועלט שוין אויסגעפֿאָרן,
און אַ ייִנגל, אַזאַ ברען,
האָב איך ערגעץ ניט געזען.

און אַז דו זאָלסט מיך געדענקען,
וויל איך אַזאַ זאַך דיר שענקען,
וואָס די וועלט האָט ניט געהאַט;
שווײַג און ווער זשע, ציגל כוואַט!

כ׳האָב דאָס פֿערד, ער קאָסט מיר טײַער,
ער איז לויטער פֿלאַם און פֿײַער,
פֿליִען פֿליט ער ווי אַ פֿײַל,
אין אַ רגע דרײַצן מײַל.

און איך האָב אַ כּישוף־רינגל,
אַזאַ רינגל פֿאַר אַ ייִנגל;
טוסט אים זיבן מאָל אַ דריי,
און עס הייבט־אָן גיין אַ שניי.

און דו קענסט אַליין זיך שטעלן,
וועלכע זאַך איז דיר געפֿעלן:
צי דאָס רינגל, צי דאָס פֿערד —
אָבער ניט קיין סך געקלערט!

צינדט זיך אָן אין גאַנצן ציגל:
— פֿערד צי רינגל? פֿערד צי רינגל?
און ער ענטפֿערט, ניט געקלערט:
כ׳וויל דאָס רינגל מיט דעם פֿערד!

לאַכט דער פּריץ: — סאַראַ ייִנגל
ביסטו, ציגל!... און דאָס רינגל
גיט דער פּריץ ציגלען אָפּ,
און ער שפּרינגט פֿון פֿערד אַראָפּ,

און גיט ציגלען אָפּ די לייצע
און פּאַטשט ציגלען אָן אין פּלייצע.
ציגל קוקט: — אָט, אָט, אָטאָ,
שוין דער פּריץ איז ניטאָ.

זשמורעט ציגעל צו די אויגן:
— וויאָ! און לאָזט זיך פֿײַל פֿון בויגן
מיטן רינגל דורכן מאַרק,
דורכן מאַרק, און אויפֿן באַרג.

— טפּרו! דאָס פֿערד בלײַבט שטיין, און ציגעל
טוט אַ נעם דאָס כּישוף־רינגל,
טוט אים זיבן מאָל אַ דריי,
און עס הייבט־אָן גיין אַ שניי.

נו, צי דאַרפֿן מענטשן זאָרגן? —
מענטשן שטייען־אויף פֿרימאָרגן,
קוקן זיי און קוקן זיי:
— אײַ, אײַ, אײַ, זאָל זײַן אַ שניי?

און זיי ווילן זיך ניט גלויבן,
טוען זיי אַ וויש די שויבן —
ווערט אַ שׂמחה, ווערט אַ פֿרייד!
סאַראַ שניי האָט אָנגעשנייט!

זאָלן זיך די מענטשן פֿרייען,
ווי זיי ווילן און פֿאַרשטייען,
זאָרגן האָבן זיי געהאַט;
ווו איז אָבער ציגעל כוואַט?

זוכט די מאַמע: — ציגעל! ציגעל!
רעדט זיך אויס אַ פּלוידער־יִינגל,
אַז אין בלאָטע ציגעל שטעקט
און דער שניי האָט אים פֿאַרדעקט.

נעמט די מאַמע וויינען, קלאָגן
נאָר די קלוגע מענטשן זאָגן:
— לאָזט אַ יִינגל זיך ניט גיין
דורכן מאַרק בײַ נאַכט אַליין!

אָבער אַזאַ כוואַט ווי צינגל
און מיט אַזאַ כּישוף־רינגל,
און מיט אַזאַ גוטן פֿערד —
און ס׳איז קײַלעכדיק די ערד —

פֿליט מען גיכער, פֿרײַ און זיכער,
ווי דער ווילדער ווינט און וויכער,
טאָל און באַרג און וואַלד און פֿעלד
אין דער ברייטער, ווײַטער וועלט.

איז זיך צינגל פֿײַל פֿון בויגן
אויפֿן פֿערד אַוועקגעפֿלויגן,
ווײַטער, ווײַטער פֿון דער היים,
ערגעץ אין דער נאַכט, אין רוים.

אָבער ווען פֿון ווײַטע וועגן
קומט דער ווינטער אָן מיט רעגן,
און קיין שניי איז ניט צו זען,
ווי קיין שניי וואָלט ניט געוועזן —

ווײַזט זיך צינגל פֿײַל פֿון בויגן,
פֿון דער נאַכט אַרויסגעפֿלויגן,
ניט געזען און ניט געהערט,
אויפֿן פריצס גוטן פֿערד.

און ער טראָגט זיך גיכער, זיכער,
ווי דער ווילדער ווינט און וויכער,
מיטן רינגל דורכן מאַרק,
דורכן מאַרק און אויפֿן באַרג.

— טפּרו! דאָס פֿערד בלײַבט שטיין, און צינגל
טוט אַ נעם דעם כּישוף־רינגל,
טוט אים זיבן מאָל אַ דריי,
און עס פֿאַלט־אַרויס אַ שניי!

שמואל צעסלער

## אַ פידלער

ס׳האָט דער טאַטע פון יאַרידל
מיר געבראַכט אַ נײַע פידל.
— דאָ, רע, מי, פאַ, סאָל, לאַ, סי,
שפּיל איך: טידל, דידל, די!

כ׳האַלט דאָס קעפּל אָנגעבויגן
און פאַרגלאָץ די בײדע אויגן.
— דאָ, רע, מי, פאַ, סאָל, לאַ, סי,
שפּיל איך: טידל, דידל, די!

רעכטן טראָט — פאָרויס אַ ביסל,
קלאַפּ דעם טאַקט צו מיטן פיסל.
— דאָ, רע, מי, פאַ, סאָל, לאַ, סי,
שפּיל איך: טידל, דידל, די!

קוועלט און וווּנדערט זיך די מאַמע:
— קענסט דאָך אַזוי גוט די גאַמע!
— דאָ, רע, מי, פאַ, סאָל, לאַ, סי,
שפּיל איך: טידל, דידל, די!

י. פיכמאַן

## טאַנצליד

די גרעזעלעך בליִען
אין וואַלד אַלע גלײַך.
אַ קינד מוז זײַן פרײלעך,
צי אָרעם, צי רײַך.

די זון שיקט אונדז אַלע
איר ברכה, איר שײַן,
צי דאַרף מען דען גיטער
אויף גליקלעך צו זײַן?

די טײַבעלעך ברומען
אַראָפּ פֿון דעם דאַך,
ווײל דעם וואָס באַגערט ניט
קיין רײַכקייט אַ סך.

ווײל איז דעם, וואָס פֿאַרמאָגט נאָר
אַ האַרץ גוט און פֿרום,
און אויגן וואָס קוקן
אויף קיינעם ניט קרום.

ווײל דעם, וואָס די תּורה
בײַ טאָג און בײַ נאַכט
מאַכט לוסטיק זײַן לעבן,
זײַן האַרץ פֿריילעך מאַכט.

מיר אָבער זײַנען
נאָך קינדערלעך קליין,
אונדז פּאַסט נאָר זײַן פֿריילעך
און טאַנצן צו גיין.

אונדז פּאַסט נאָר זיך דרייען
ראָד־אויס און ראָד־אײַן,
אַז ווויל איז אונדז ייִדישע
קינדער צו זײַן.

# 4

# ערשטע שאטנס

ז. סעגאַלאָוויטש

## פון קינדווייז...

דער ערשטער שטערנפאַל —
מײַן ערשטער יוגנטטרוים.
ווי נעמט מען אים, דעם שטערן,
אַרויס פֿון שוואַרצן תהום?

אין ברונעם האָב איך איין מאָל
אַ קוק געטאָן מיט שרעק,
אַ לץ האָט מיר געוויזן
אַ צונג פֿון שוואַרצן דעק.

אַ חורבה איז געשטאַנען
נישט ווײַט פֿון אונדזער הויז,
פֿון דאָרטן פֿלעגט עס קומען
פֿאַר נאַכט די פֿלעדערמויז...

בית־עולם האָט געסודעט
אין אייביקייט פֿאַרטראַכט,
מיט בלעטער ווי נשמות
אַרײַנגעגערעדט אין נאַכט.

געצאַפּלט אין דער פֿינצטער,
געטוליעט זיך אין שרעק...
פֿון יענע ערשטע שאָטנס
וועל איך שוין נישט אַוועק.

ש. פרוג

## דאָס יידישע קינד

טיף באַגראָבן אין דער פֿינצטער,
ווײַט פֿון לופֿט און ליכט —
זעסטו דאָרט דעם בלינדן וואָרעם,
ווי ער קריכט?

אין דער ערד איז ער געבוירן,
און באַשערט
איז אים אייביק, אייביק קריכן
אין דער ערד...

ווי אַ וואָרעם אין דער פֿינצטער,
שוואַך און שטום און בלינד —
לעבסטו אָפּ די קינדהייט־יאָרן,
ייִדיש קינד!

אויף דײַן וויגל זינגט די מאַמע
ניט קיין ליד
פֿון אַ רויִק, שטילן לעבן,
פֿרײַהייט, פֿריד.

פֿון די גערטנער, פֿון די פֿעלדער,
ווו דאָס פֿרישע קינד
שפּילט און פֿרייט זיך פֿרײַ און לוסטיק,
ווי דער ווינט.

ניין, אַ קוואַל פֿון טיפֿן יאָמער
ווישט און קלינגט!
אוי, ווי ביטער איז דאָס לידל,
וואָס זי זינגט!

טיפֿע זיפֿצן, הייסע טרערן,
מיט אַ שטאַרקער מאַכט,
קלינגען, רוישן אין דעם לידל
טאָג און נאַכט.

מיט זיפֿצן, הייסע טרערן,
הונגער, קעלט —
שלעפּן זיך מיט דער צוזאַמען
אויף דער וועלט.

און פֿון וויגל ביז צום קבֿר,
אויף דעם לאַנגן וועג,
וואַקסן גאַנצע וועלדער צרות,
אָן אַ ברעג.

מאָריס ראָזענפעלד

## דעם בעקערס קינד

דעם בעקערס קינד האָלט אַ בייגל אין האַנט
און פֿרעגט בײַ דעם פֿאָטער מיט קינדיש פֿאַרשטאַנד:
„דערקלער, ליבער פֿאָטער, דערקלער מיר דעם זין,
ווען דער בייגל איז פֿאַרצערט —
פֿון זײַן „אינעווייניק״ וואָס ווערט?
אַוווּ קומט די לאָך פֿון בייגל אַהין?״
פֿון שווינדזיכטיקן פֿאָטערס צונג
דער ענטפֿער קומט: „בײַ מיר אין לונג...״

שלמה שמולעוויטש

# קינדער

די טיר און די פֿענצטער פֿאַרשלאָסן,
אין שטוב אַזש דער אָטעם פֿאַרפּרעסט.
די קינדערלעך קוקן פֿאַרדראָסן
אַרום זייער דומפּיקער נעסט:

— אָ, מוטער, אין גאַס איז דאָך לופֿטיק,
מיר וועלן זיך שפּילן דאָרט שיין,
אין פּאַרק איז איצט פֿריילעך און דופֿטיק!
אָ, מוטערל, לאָז אונדז דאָך גיין.

— ניין, ניין, נאָר אין שטוב זאָלט איר זיצן!
די גאַס איז פֿאַר אײַך אַ געפֿאַר;
איך קען אײַך ניט היטן, ניט שיצן
פֿון אומגליק, וואָס טרעפֿט דורך דער קאָר[1].

איך מוז אײַער פֿאָטער, דעם קראַנקן,
דעם ברויטגעבער, אויפֿפּאַסן, זעט!
אײַך שפּילן זיך ליגט אין געדאַנקען,
דער טאַטע ליגט קראַנק אויפֿן בעט.

די קינדער פֿאַרשטייען דאָס גאָר ניט.
עס פֿעלט זיי דער מאַמעס באַגריף
פֿון אַלץ, וואָס מען מעג און מען טאָר ניט;
דאָס יונגע בלוט וויל טאָן אַ שטיף.

און האָבן צעטאַנצט זיך, צעזונגען,
און האַלטן דאָס ניט פֿאַר קיין חטא.

---

[1] אויטאָמאָביל.

די עלטערן ווערן צעשפּרונגען,
דעם טאַטן — אים הייבט אַזש פֿון בעט.

ער וואָלט זיי די הויט אָפּגעשונדן,
ער האָט שוין אַזאַ מין געווער,
אַ רימען וואָס מאַכט גאַנצע וווּנדן,
נאָר רירן זיך איז אים צו שווער.

די מוטער שפּאָרט צײַט אָפּ אַ ווײַלע,
פֿון צרות דער צאָרן איז גרויס,
זי שלאָגט און זי קלאַפּט, נאָר פֿון אײַלן
קומט קיין מאָל קיין גוטס נישט אַרויס.

עס איז שוין ניטאָ יענער ליאַרעם,
ווי שעפּעלעך שטיל זײַנען זיי,
נאָר שפּעטער — אַהאַ! — ס׳זײַנען וואַרעם
די קינדערשע קעפּעלעך צווי...

אַ ווייטיק דער מאַמען — אָט לויפֿט זי,
שוין האָט זי דעם דאָקטער באַשטעלט,
לויפֿט ווײַטער, רפֿואות אָט קויפֿט זי,
און זעט ניט די ליכטיקע וועלט.

דער פֿינצטערער שיקזאַל — דאָרט האָט ער
דאָס ראָד האַסטיק איבערגעדרייט:
געזונט איז געוואָרן דער פֿאָטער,
נאָר לײדער — צווי קינדערלעך טויט.

ניו־יאָרק 1913

מיכל גאָרדאָן

## די שטיפמוטער

אויפֿן בית־הקבֿרות, אונטער אַ מצבֿה,
הערט זיך ביטער אַ קול פֿון אַ נקבֿה,
דאָס שרײַט די מוטער: — אוי, ווי, אוי, ווינד,
וואָס טוט אַ שטיפֿמוטער מײַן טײַערן קינד?!

מײַן גאַנץ לעבן, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט,
איז דאָס נאָר געווען אַ פֿינצטערע נאַכט;
מײַן קינד איז מיר געווען מײַן ליכט, מײַן שײַן.
איצט לײַדט עס, נעבעך, גרויסע צרות און פּײַן.

מיט בלוט פֿון האַרצן האָב איך אים דערצויגן,
כ׳האָב אים געוואַשן מיט טרערן פֿון מײַנע אויגן;
איצט צאַפּט מען זײַן בלוט, מען ברעכט זײַנע ביינער.
ער שרײַט, ער וויינט — עס העלפֿט אים ניט קיינער...

עס שטייען מענטשן פֿון אַרום־און־אַרום:
— וואָס שווײַגט איר אַלע? צי זײַט איר שטום?
ווען אײַער האַרץ איז פֿון אײַזן און שטיין,
פֿון קינדס הייסע טרערן דאַרף עס צעגיין!

אַט זעט: די שטיפֿמוטער שלאָגט אים אין קאָפּ,
זי דראַפּעט זײַן פּנים, בלוט רינט־אַראָפּ;
זי שלאָגט אים, וואַרפֿט אים אויף דער ערד אַנידער,
זי בײַסט אים, רײַסט אים, ברעכט זײַנע גלידער.

ער שרײַט: — אָ, מוטער, אָ, מוטער, העלף מיר!
ווען קענסט ניט העלפֿן, טאָ נעם מיך צו דיר...
שטייט־אויף אַלע טויטע, שטייט־אויף געשווינד,
שטייט־אויף אַלע טויטע, ראַטעוועט מײַן קינד!

אַלע טויטע ליגן רויִק אין זייער רו;
צו גאָטס כסא־הכּבֿוד פֿלי איך באַלד צו,
פֿון גאָטס כסא־הכּבֿוד וועל איך נית אָפּטרעטן,
ביז ער וועט דערהערן מײַן שרײַען, מײַן בעטן...

רבונו של עולם, וווּ איז דײַן רחמנות?
דער פֿאָטער ביסטו פֿון יתומים און אַלמנות:
ווי קענסטו זען, ווי די מרשעת
גיסט־אויס אויף מײַן יתום איר גיפֿטיקן כּעס?

מײַנע יונגע יאָרן האָסטו מיר אָפּגעשניטן,
ביסטו מחויבֿ מײַן יתום צו היטן;
פֿון דײַן וועלט האָב איך ניט געהאַט פֿאַרגעניגן,
טאָ לאָז מיך כאָטש רויִק אין קבֿר אײַנליגן...

ווי קען איך אין קבֿר אײַנליגן באַרוט,
ווען ס׳רינט מיר אַרײַן מײַן יתומס בלוט
ווי קען איך צום גרוב צוריק זיך אומקערן,
ווען מײַן גרוב איז פֿול מיט מײַן יתומס טרערן?...

*

נו, שווײַג שוין, מײַן קינד, זײַ רויִק, מײַן נשמה,
איך האָב שוין געהערט פֿון גאָט אַ נחמה.
גאָט זאָגט: ס׳וועט זײַן צו דײַנע צרות אַן ענד,
ער וועט אויסלייזן דיך פֿון דער שטיפֿמוטערס הענט.

די מרשעת, די שטיפֿמוטער, וועט גאָט באַשטראָפֿן
און דו, מײַן קינד, שווײַג, צו גאָט זאָלסטו נאָר האָפֿן.
פֿאַר אַלע דײַנע צרות, פֿאַר אַלע דײַנע לייד
וועט גאָט דיר באַצאָלן מיט נחמות און פֿרייד.

נו, שווײַג שוין, מײַן קינד, ווישׁ־אָפּ דײַנע טרערן,
דו זאָלסט מיך ניט מער פֿון מײַן רו שטערן.
גאָט וועט דערפֿילן זײַן הייליק וואָרט —
נו, קען איך שוין ליגן רויִק אין מײַן אָרט...

שלום אַש

# ווי אַזוי חנה־לאה האָט זיך געזעגנט מיט אירע טויטע קינדער

חנה־לאה איז זיך געגאַנגען געזעגענען מיט די אָבֿות — אַ טאָג איידער זי האָט לענשנע פֿאַרלאָזט קיין אַמעריקע צו פֿאָרן.

צו דער מוטער אין קבֿר האָט חנה־לאה אַזוי אַרײַנגערעדט:

— בײַ וועמען לאָזסטו מיך? צו וועמען וועל איך גיין? איך מוז דאָך אַרויסגיין אין די מדבריות, איבער דעם וויסטן ים. צו וועמען וועל איך דאָרט אַהין גיין? בײַ וועמען אויפֿן קבֿר וועל איך זיך קלאָגן? מאַמע, מאַמע, ווי לאָז איך דיך? איך וועל דאָך דיך קיין מאָל שוין ניט זען, קיין מאָל צו דײַן קבֿר נישט קומען! מאַמע, מאַמע, ווּ לאָזסטו מיך?

אויפֿן „גוטן־אָרט" זײַנען אָבער געווען נאָך צוויי אייגענע, מיט וועלכע אייגנטלעך חנה־לאה האָט פּשוט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן.

דאָס זײַנען געווען אירע צוויי קינדער, אַבֿרהמל און הינדעלע, אַ ייִנגעלע פֿאַר יאָסעלען און דאָס מיידעלע נאָך יאָסעלען. דאָס ייִנגעלע וואָלט שוין הײַנט אַלט געווען נײַן יאָר און דאָס מיידעלע זעקס. ביידע זײַנען זיי געשטאָרבן פֿון מאָזלען.

מיט די קינדער האָט די ייִדענע, אייגנטלעך, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. זי האָט זיך גאָר נישט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז זי וועט זיי אַזוי איבערלאָזן אַליין אויפֿן „גוט־אָרט" און אַוועקפֿאָרן און קיין מאָל שוין ניט זען זייערע קבֿרימלעך. איר האָט זיך געדאַכט, אַז די קינדער מוזן דאָך בײַ וועמען איבערבלײַבן, אַז זי פֿאָרט־אָפּ פֿון לאַנד. קיין קלאָר געפֿיל האָט זי וועגן זיי עפּעס נישט געהאַט — זיי זײַנען דאָך טויט און ליגן ווי אַלע טויטע דאָרט; נאָר דאָך זײַנען עס דאָך אירע קינדערלעך. גוואַלד, ווי אַזוי לאָזט מען

זיי איבער! און קיינער וועט אויפֿן קבֿר נישט אַרויפֿקומען — נישט אין „די דרײַ וואָכן״, נישט אין תשעה באָבֿ.

וואָרעם צו די קינדער אויפֿן „גוטן־אָרט״ האָט חנה־לאה נאָך געפֿילט אַ געוויסע באַציִונג ווי צו לעבעדיקע. זי פֿלעגט אַרויסגיין אויפֿן „גוטן־אָרט״, און מען האָט זי געטראָפֿן און געפֿרעגט: „צו וועמען?״ — „צו מײַנע צוויי יונגע ביימעלעך״ — פֿלעגט זי אָפּ־ענטפֿערן. און איז איר שלעכט געווען, איז די מאַמעס קבֿר געווען, דערנאָך די קינדער: „לויפֿט, קינדערלעך, און בעט פֿאַרן כּסא־הרחמים פֿאַר אײַער מאַמען חנה־לאה בת יענטע, וואָס איז אין אַ גרויסער צרה!״

די קאָמאַנדע און יאָסעלע האָבן אויך געהאַט זייער ברודערל און שוועסטערל אויפֿן „גוטן־אָרט״. אַז עס איז געקומען תשעה־באָבֿ, פֿלעגן זיי די חבֿרים אַהין פֿירן צו זייערע קבֿרים און פֿלעגן דאָרטן שווערדן אַרײַנשטעקן, און זיך רימען מיט זייער ברודערל, וואָס ליגט דאָרטן, און האָבן זיך דערבײַ געפֿילט גרויסע באַלעבאַטים אויפֿן „גוטן־אָרט״, ווײַל זיי האָבן אַ ברודער מיט אַ שוועסטערל דאָרט — כאָטש זייער חבֿר שמעיה האָט אַ גרעסערע פּרעטענזיע צום „גוטן־אָרט״ — ווײַל זײַן טאַטע און מאַמע ליגן דאָרטן.

דורך דעם איז עפּעס חנה־לאה איצט, אַז זי האָט געדאַרפֿט אַהיימגיין דאָס לעצטע מאָל פֿונעם „גוטן־אָרט״, נאָכן געזעגענען זיך מיט דער מאַמען און די קינדער שטיין געבליבן בײַם טויער:

— מאַמע קרוין! — האָט זי געזאָגט — וווהין גיי איך? און אַבֿרהמלען און הינדלען לאָז איך דאָ — מײַנע קינדער...

זי האָט זיך ווידער אַ מאָל געוואָרפֿן אויף זייערע קבֿרימלעך, וועלכע זײַנען שוין מער נישט געווען קענטיק אין דעם מיט גראָז באַוואַקסענעם פֿעלד. די ברעטלעך צעבראָכן, און דער קבֿר גלײַך מיט דער ערד.

זי האָט נישט געוויינט, האָט נישט געזאָגט: „גייט, קינדערלעך, לויפֿט בעט פֿאַר אײַער מאַמען״ — זי האָט געטראַכט איבער דעם,

אַז זי לאָזט עפּעס איבער — און וואָס לאָזט זי איבער, מישטיינס געזאָגט, „ס'איז דאָך נישט קיין לעבעדיקע", האָט זיך די ייִדענע אַליין געזאָגט. נאָר אַוועקגיין האָט זי נישט געקענט...

זי טראַכט בײַ זיך: „מען דאַרף דאָך מיך אין דער היים האָבן... דאָס בעטגעוואַנט איז נאָך נישט געפּאַקט — און וואָס שטיי איך דאָ, נאַרישע ייִדענע?" און זי האָט זיך ווי עפּעס אַרויסגעגנבֿעט פֿונעם „גוטן־אָרט". אין האַרצן בײַ זיך האָט זי געהאַט אַ שלעכט געפֿיל — אַזוי ווי זי וואָלט עפּעס אַן עוולה געטאָן...

גייענדיק אַהיים, האָט זי שוין געטראָפֿן די מאַנספּאַרשוינען גיין אין בית־המדרש מנחה דאַוונען. ס'איז געווען נאָך סוכּות. נאָך שיינע טעג. די זון איז אונטערגעגאַנגען און די ביימער האָבן גע־רוישט.

בײַ זיך אין שטוב — האָט זי צו ערשט געזען דאָס פּעקל, וואָס איז געלעגן אין מיטן שטוב און משה־אַהרן דער קרעמער האָט גע־וואַרט דערויף, פֿון פּעקל האָט אַרויסגערוקט דאָס הענגלײַכטערל, מיט די קלאָרע פּאַפּירלעך, וועלכע זי האָט באַהאָנגען אויף פּסח, זי האָט עפּעס אומווילי‌ק געדענקט, וויפֿל ס'איז נאָך צו פֿרײַטיק — און ווי זי וועט דעם פֿרײַטיק די ליכט בענטשן — זי האָט יאָסעלען געהייסן דאָס געלטבאַקסל פֿון דער וואַנט אָפּרײַסן און אַרונטער־טראָגן אין בית־המדרש אַרײַן.

דערנאָך איז אַרײַנגעקומען דער פֿעטער וואָלף אַליין מיט זײַן ווײַב. דאָס ווײַב האָט עפּעס געבראַכט אונטער דעם זשאַקעט פֿאַר די קינדערס וועגן — דער שוואָגער לייביש איז מיטן אַגענט געקו־מען — דעם ליטוואַק — האָבן עפּעס גערעדט. אין שטוב איז גע־ווען אַ גרויסער גערודער. די בעטן האָט מען צענומען. די בענק־לעך האָט מען אַוועקגענומען. דאָס ספֿרים־שראַנקל אַרויסגעטראָגן. דאָס הענגלײַכטערל איז נישט געווען. רחלע האָט געפּאַקט דאָס בעטגעוואַנט אין מיטן שטוב. אַ סך שטרוי איז געלעגן אָנגעלייגט און די מומע שיינדעלע האָט געהוסט און געלאַכט. זי איז עפּעס

געשטאַנען אין מיטן שטוב און האָט עפּעס געשריִען, נאָר וואָס גע־דענקט זי שוין אַליין נישט. פֿון דעמאָלט אָן האָט די ייִדענע גע־לעבט ווי אין אַ חלום.

ה. לייוויק

## ייִנגלוויַיז

נאָך ייִנגלוויַיז, ווען אַלע קינדער האַלטן זיך אין שפּילן,
האָב איך מיך פֿאַר אַ גרויסן שוין געהאַלטן,
געלעבט מיט זיך אַליין, מיט מענטשן פֿון דער וויַיטן,
אַזוי ווי עפּעס־וואָס פֿון אַלעמען באַהאַלטן.

איך האָב שוין דאַן געזען, ווי מענטשן ליַידן, שוויַיגן —
האָב איך דאָס שוויַיגן זייערס אין זיך פֿאַרנומען
און עפּעס פֿאַרגעשטעלט זיך וויַיט אין וויַיטער עלטער,
עפּעס גרויס׳ און וווּנדערלעכס וועט פֿון ליַידן קומען.

און איך, דער ערשטער, וועל דערזען דאָס וווּנדערלעכע, גרויסע,
און מער פֿון מענטשן שוין נישט קענען עס פֿאַרבאָרגן;
פֿון טיר צו טיר, פֿון שויב צו שויב וועל איך זיך לאָזן קלאַפּן —
און אָנזאָגן דעם ליכטיקן פֿרימאָרגן...

מאַני לייב

## אַ ליד פֿון דעם ייִנגל בעבון

זאָט נאָכן טשאָלנט, ווי די טויבן
די טאַטעס־מאַמעס דרעמלען שטיל,

זיי דרעמלען, וואָרקען... איבער שויבן
אַ וויַיסער לײַלעך שאָטנט קיל.

און ייִנגלעך ציִען פֿון די שטאַלן
צו באָדן שבת טאַטעס פֿערד,
און — וויאָ, צום טײַך! און — קלאָען [1] קנאַלן
אין וואָלקנס אויפֿגעשטויבטער ערד.

און — טוז אין טײַך! — די קעפּ פֿאַרריסן,
מיט הוילע ייִנגלעך, מיט אַ פּרײַך [2],
די ציימלעך אין די ציין פֿאַרביסן,
די פֿערד צעשפּרייטן זיך אין טײַך.

בעבון האָט טאַטנס פֿערד געבאָדן,
און איצטער ליגט ער אויפֿן גראָז.
די זון איז הויך מיט היץ געלאָדן,
דער טײַך איז ווי אַ וויַיסער גלאָז.

דאָס פֿערד האָט אים צו זײַנע קלאָען
אַראָפּגעטרייסלט מיטן עק.
די גוייִם האָבן אים אַ בלויען
צו שפּעט געפֿונען אויפֿן דעק.

די גוייִם זײַנען מיט די קאַמען
פֿון בריק געשפּרונגען שוין צו שפּעט...
און בײַ דעם טײַך אין געלע פֿלאַמען
שלאָפֿט שטיל דער שאַרשיקער טשערעט [3].

בעבון — אַ בלויער און אַ נאַסער.
דאָס וואַסער רינט פֿון אים אַראָפּ.

---

[1] קאָפּיטעס. — [2] טויבן הוסט. — [3] שטעקעלעך בײַם ברעג טײַך.

זײַן פֿערד שווימט ווײַטער אינעם וואַסער,
פֿאַרריסן זײַן בולאַנעם קאָפּ.

און ווילדע ייִנגלעך אים צוקאָפּנס
אין אויער שרײַען אים: — בע־בון!
דאָס וואַסער טריפֿט פֿון אים אין טראָפּנס
און אין די טראָפּנס טריפֿט די זון.

די זון איז הויך מיט היץ געלאָדן,
דער טײַך איז ווי אַ ריינער גלאָז.
בעבון האָט טאַטנס פֿערד געבאָדן
און ליגט אַ טויטער אויפֿן גראָז.

מלכה לי

# דורך קינדערשע אויגן

## מײַן שוועסטערל העניעלע

מײַן מאַמע האָט אונדז געבוירן אַ נײַ שוועסטערל. אַ שוואַרצ־אויגיקע, מיט אַ שניי־ווײַס פּנימל, מיט שוואַרצע געקרויזטע לאָקן. זי איז געווען די פֿרייד פֿון אַלע קינדערלעך. איר פּישטשען ווי אַ זיס פֿייגעלע, אירע פּוכיקע פֿיסעלעך — אָ, העניעלע מײַנע, מײַן ליכטיק שוועסטערל! פֿון אַלע קינדערלעך איז זי געווען די שענסטע.

אָט זיצט מײַן מאַמע מיט העניעלען און העניעלע זייגט אַ פֿולע ברוסט און קוויקט זיך מיט דער מאַמעס מילך. אָט זעצט זיך העניעלע אויף אין איר וויגעלע און רופֿט: „מאַמע!“ — קיין שענערן קלאַנג האָב איך נישט געהערט ווי דאָס רופֿן פֿון אירע ליפּעלעך — „מאַמע“!

און מיך האָט זי ליב געהאַט, מײַן העניעלע. זי פֿלעגט אויס־

טרעקן אירע פּוכיקע הענטעלעך און רופֿן צו מיר און איך פּלעג זי נעמען אויף די הענט און זי פֿלעגט לאַכן, לאַכן... אוי, הענעלע מײַנע!

ווען הענעלע איז אַלט געוואָרן אַ יאָר, האָט זי שוין געקאָנט גיין אַליין און ריידן גאַנצע זאַצן. זי איז געווען די געראָטנסטע. צו אַכצן חדשים האָט הענעלע געזונגען לידער און געהאַט פֿאַרשטאַנד פֿון אַ דרײַ יאָריק קינד. מײַן מאַמע פֿלעגט זיך שפּיגלען אין איר, ווײַל זי איז געווען דאָס אָפּבילד פֿון איר.

עס איז געווען אַ שווערע זאַווערוכע. אַ קאַלטער ווינטער האָט געבושעוועט איבערן שטעטל. גאַנצע בערג מיט שנייען האָבן זיך אויסגעלייגט נעבן די הײַזער און קראָמען. מענטשן האָבן אין די פֿרימאָרגנס נישט געקענט אַרויסגיין אין גאַס. גוייִם מיט שווערע קאָזשוכעס [1] און פֿאַרשנייטע קוטשמעס זײַנען געפֿאָרן מיט אײַזפֿאַרקאָוועטע שליטנס.

אינעווייניק אין הויז האָט געברענט דער אויוון און דער פּיעקעליק איז געווען מיט וואַרעמע טעפּ באַלאָדן. און קינדערלעך מיט דערפֿרוירענע פֿיסלעך...

עס איז געווען פֿרײַטיק־צו־נאַכטס. די מאַמע האָט געבענטשט ליכט. דער טיש איז געווען געגרייט. די געפֿלאָכטענע חלות האָבן געלויכטן מיטן ליכט פֿון שבת... דער טאַטע איז געזעסן אויבן אָן און די קינדערלעך אַרום. די מאַמע האָט דערפֿילט די גרויסע שבת־דיקע פֿרייד און גענומען מײַן שוועסטערל הענעלען און געגאַנגען אַ טאַנץ מיט איר. הענעלע האָט געזונגען מיט דער מאַמען און מיר, קינדערלעך, האָבן צוגעפּאַטשט מיט די הענט. אונדזער שבת־טיש איז געווען אַ שטיק יום־טובֿ. אַ שבתדיקע רו איז געווען אויסגעגאָסן אין יעדן ווינקעלע. און די מאַמע האָט געזונגען:

— אוי, גאָטעניו, היט מיר מײַנע קינדער! זאָל אַלע מאָל זײַן שבת און יום־טובֿ אין אונדזער שטוב!

---

[1] גראָבע לעדערנע קורטקעס.

נאָך דער שבתדיקער סעודה זײַנען די קינדער געגאַנגען שלאָפֿן. בײַ נאַכט האָט הענעלע אַ הוסט געטאָן. אַ שאַרפֿע כריפּעדיקע זעג האָט אַ זעג געטאָן איר ברוסט. די מאַמע איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון בעט אַ דערשראָקענע, ווי פֿון קינדס הוסט וואָלט זיך דערנענטערט אַ שטורעם אין איר הויז. זי האָט דאָס קינד אײַנגעדעקט און הענעלע האָט שווער געאָטעמט. מײַן מאַמע איז געזעסן בײַ איר וויגעלע. מיט הענעלעס כריפּעדיקן הוסט האָט אויך מײַן האַרץ אַ זעג געטאָן און געשניטן. אַ גאַנצע נאַכט בין איך נישט געשלאָפֿן.

הענעלע האָט אַלץ שווערער און שווערער געאָטעמט. פֿאַר טאָג איז די מאַמע אַרויס אין דער ווײַסער זאַווערוכע צו רופֿן אַ דאָקטער. יענע נאַכט האָט געטראָפֿן אַן אומגליק אויף דער פּראָווינץ: עס איז געווען אַ קאַטאַסטראָפֿע און אַלע דאָקטוירים זײַנען בײַ נאַכט אַוועקגעפֿאָרן אַהין, און דאָ קאָן די גאַנצע שטאָט אומקומען, מען קען קיינעם נישט קריגן.

הענעלע ליגט אין וויגעלע און זי הוסט זייער הייזעריק. זי כריפּעט און זעגט מיטן הערצל, וואָס הייבט זיך אַרויף און אַראָפּ... זי ראַנגלט זיך נאָך אָטעם.

איך האַלט אירע הענטעלעך און קוש איר פֿיבערדיק קעפּעלע. די מאַמע גיט איר מעדיצינען, אָבער אַלץ פֿאַרברעכט זי. זי קאָן נישט כאַפּן דעם אָטעם. עס שטיקט זי. זי ראַנגלט זיך מיט יעדן אָטעמצוג, אָבער אירע שוואַרצע אייגעלעך ריידן. אירע שוואַרצאַפּלען בעטן זיך: „שוועסטערל, העלף מיר! ראַטעווע מיך! איך בין געבוירן צו זינגען און צו טאַנצן. פֿאַר וואָס שטיקט מיך אין האַלדז? שוועסטערל, איך ווער דערשטיקט!”

מײַן מאַמע וויינט און ברעכט די הענט. זי ווייסט: הענעלע איז אין גרויסער סכּנה... אין שטאָט הערשט דיפֿטעריע. און זי זעט אין די סימפּטאָמען, ווי הענעלע גייט־אויס ווי אַ ליכט און עס איז נישטאָ קיין דאָקטער. אין קאַלטן פֿראָסטיקן ווינטערטאָג וויקלט מען אײַן הענעלען און מען פֿאָרט מיט איר אַוועק קיין סטאַניסלאַוו, אין

אַ שפּיטאָל. עס דאַרף נעמען פֿינף שעה און מײַן זיידע יאָסל לאָזט נישט פֿאָרן די מאַמען אַליין און פֿאָרט מיט איר מיט.

אין שפּיטאָל גיט מען דער מאַמען ווייניק האָפֿענונג צו ראַטעווען איר קינד. די קראַנקייט איז שוין צו ווײַט אין איר האַלדז. מען זאָגט איר קאַלט און מלאך־המוותדיק, אַז איר קינד האָט ווייניק שאַנסן צו בלײַבן לעבן. מען וועט זי אָפּערירן, נאָר מיט דער מאַמעס צושטימונג. אויב דאָס קינד וועט שטאַרבן אונטערן מעסער, בלײַבט דאָס קינד אין שפּיטאָל צום פּאַלמעסן...

אַז אַ פֿאַרצווייפֿלטע מאַמע דערהערט אַזעלכע רייד, קאָן זי זיך שיידן מיט איר קינד און עס אַוועקגעבן צום מלאך־המוות? מײַן מאַמע כאַפּט דאָס שטאַרבנדיקע קינד, ווי אַ טיגערין, און לויפֿט צוריק צו דער באַן. הענעלע דערקענט זי מער נישט. זי וועט זי נישט איבערלאָזן אויף מעסערדיקע הענט צום פּאַלמעסן און זי פֿאָרט מיטן שטאַרבנדיקן קינד צוריק אַהיים און אויף דער באַן הויכט הענעלע אויס די נשמה...

די מאַמע ווייסט דאָס געזעץ. אויב זי וועט לאָזן וויסן דעם קאָנדוקטאָר, וועט מען בײַ איר צונעמען דאָס טויטע קינד. זי וועט זיך מיט איר נישט שיידן...

זי נעמט דאָס טויטע קינד און זעצט זי אַוועק אויף דער קני, טוט איר אָן אַ פֿריש וואָלן קאַפּוזקעלע [2] מיט ראָזע בלימעלעך, וואָס זי האָט אַליין פֿאַר איר געשטריקט, טוט איר אָן אַ פֿריש קליידעלע און נעמט ריידן צו איר, ווי זי וואָלט זי געהערט... איר הענעלע, זי האָצקעט זי אויף די הענט, נאָר הענעלע הערט זי נישט... זי איז שוין אויסגעלייזט פֿון ערדישן פּײַן און מײַן מאַמע חלשט. דער זיידע מונטערט זי און הענעלע ליגט אויסגעפּוצט אויסגעצויגן אויף דער באַנק מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, אויסגעלייזט פֿון די שווערע ליידן. איר הערצעלע קלאַפּט נישט מער. די באַן לויפֿט און פֿײַפֿט, נאָר

---

[2] קאָפּצודעק, קאַפּטור.

העגעלע הערט נישט מער. זי איז אויסגעלייזט פֿון איר אַכצן־חודשדיק נאָך נישט געלעבט לעבן...

אָ, וויין נישט, מאַמע, וויין נישט! איך בין אַ מלאך, איך מוז שטאַרבן — איך מוז שטאַרבן...

יענע נאַכט האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט. דאָס וויגעלע איז נישט געווען אין צימער. די פֿאַרבראָכענע ווינדעלעך און קליידעלעך זײַנען געלעגן אין אַ בערגל, מײַן מאַמעס געהעקלטע זילבערנע שאַל איז געהאָנגען פֿאַראָבֿלט...

— מאַמע, ווו איז העגעלע?

— העגעלע שלאָפֿט בײַם זיידן אין שטוב.

און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ נידעריק בענקעלע, אײַנגעגראָבן דעם קאָפּ אין די הענט.

בײַ טאָג איז געקומען דער קברן מיט אַ קליין קעסטעלע און דאָרטן האָט מען אַרײַנגעלייגט און פֿאַרקלאַפּט העגעלען...

איך האָב אַזוי געוויינט.

— לאָזט מיך אַ קוק טאָן נאָך איין מאָל אויף מײַן העגעלען!

די מאַמע האָט מיך אַוועקגעריסן פֿון קעסטעלע. דער זיידע און דער קברן האָבן דאָס קעסטעלע גענומען אונטערן אָרעם און אַוועקגעטראָגן אויף אייביק מײַן העגעלען...

נעכט און טעג האָב איך געבענקט נאָך העגעלען. איך פֿלעג לויפֿן, די מאַמע זאָל נישט וויסן, אויפֿן בוידעם, ווו אירע פֿאַרבראָכענע ווינדעלעך זײַנען געלעגן, און קושן די פֿאַרבראָכענע זאַכן, ווײַל דאָס איז געווען איר לעבעדיק איבערבלײַב, וואָס האָט געשמעקט מיט העגעלען...

חנה לעווין

## גאַסן־קינדער

אין פּנים שפּרינגען חוצפּהדיקע בליקן
ווי:עס — כאָליעוועס צערעפּעט —
לאָזט קיינער ניט אַראָפּ.
געגנבֿעט איינער האָט
אַ צאַצקעלע מיט גלעקלעך — אַ רויטע,
איינער מיט גריבלעך אין די באַקן
און אַ פֿאַטלאַטן קאָפּ.

זײַנען געוואָרן אויגן
בלויע־בלויע קײַלעכדיקע מיאַטשן.
ער האָט די אַרבל די לאַנגע פֿאַרקאַטשעט
און גאַנצע שעהען
געשפּילט זיך מיט קלאַפּ
און דערנאָך באַהאַלטן אויף דער ברוסט
אָדער צוקאָפּנס...

ווער ווייסט,
אפֿשר אַזאַ צאַצקעלע
איז נאָר גליק און כּישוף —
איז דער פֿאַטלאַטער אויסגעווײַלט
פֿאַר אָנפֿירער פֿון גאַנצן... ישובֿ,
און צאַצקעלע — פֿאַר אַ קמיע און פֿאַר אַ פֿאָן.

און איין מאָל, ווען די נאַכט
צעשאָטן האָט איר בליצנדיקן שניי,
האָט עמעצער אים אויסגעוואַרט אין ווינקל,
אַראָפּגעריסן צאַצקעלע פֿון ברוסט

און האָט אין ברוסט פֿאַרשטעקט
אַ מעסערל, אַ „פֿינקע״...

כאַרקאָוו 1925

יעקב דינעזאָן

## פֿון ראָמאַן „צוויי מאַמעס״

ער הייסט מאירל און מען רופֿט אים מייטשיק. זי הייסט רבֿקה און אַלע רופֿן זי בעקע. איר טאַטע, וועלכער איז געווען אַ האַלבער „דײַטש״ [1], האָט איבערגעלייגט איר ייִדישן נאָמען רבֿקה כלומרשט אויפֿן דײַטשישן נאָמען רעבעקע. מייטשיק אָבער, וואָס האָט נישט געקענט שאַרף אַרויסריידן אַ ריש, פֿלעגט זי רופֿן בעקע. און צוליב מייטשיקן האָבן אויך אַלע אַנדערע אין שטוב זי אַזוי אָנגעהויבן צו רופֿן, ביז מען האָט זיך צוגעוווינט צום נאָמען בעקע און מען ווייסט שוין גאָר נישט אַנדערש. בלויז די באָבע, איר טאַטנס מוטער, וועלכע וווינט אין דער לעצטער צײַט בײַ איר זון, רופֿט זי רבֿקה אָדער רבֿקהלע.

—נעמען אַ נאָמען פֿון די הייליקע אמהות — זאָגט זי — און איבערמאַכן אויף בעקע איז אַ זינד אַ גרויסע!

שׂרהלע ר׳ זיסלס, מייטשיקס מאַמע, מיט בעקעס טאַטן זײַנען לײַבלעכע שוועסטערקינדער. אַמאָל, באַלד נאָך זײַן חתונה, איז ער געווען אַ סוחר און מען האָט אויף אים נבֿיאות געזאָגט, אַז ער וואַקסט אַ נגיד. איצט איז ער נאָך אַ בוכהאַלטער בײַ ר׳ זיסלען, מייטשיקס טאַטן.

ווען שׂרהלע איז אויפֿגעשטאַנען פֿון קימפּעט מיט מייטשיקן,

---

[1] משכּיל.

האָט זיך מינעלע — אַזוי האָט מען בעקעס מאַמען גערופֿן — אין קימפּעט געלייגט מיט בעקען. און נישט באַשערט געווען דער יונ־גער מוטער איר ערשט געבוירן עופּעלע כאָטש איין מאָל מיט איר אייגענער ברוסט אָנצוזייגן: אויף מאָרגן נאָכן „האָבן“ איז זי שוין געלעגן נישט אין בעט, נאָר אויף דר׳ערד, אויף דרײַ שטרוי אונ־טערגעבעט, מיט אַ שוואַרצן געוואַנט איבערגעדעקט, און אין אירע בענטשלײַכטער האָבן איר דרײַ ליכט געברענט צוקאָפּנס.

ווײַבער, וואָס זײַנען בײַ דער טהרה געווען, האָבן געשווירן, אַז דאָס האָט איר אַן עין־הרע פֿאַרשאַט: „מען האָט זי מיט די אויגן אויפֿגעגעסן“.

— און באמת, — האָבן אַלע צוגעגעבן — ווער האָט זיך גע־קענט אין איר ליכטיק פּנים אָנקוקן און זיך נישט וווּנדערן אויף אַזאַ שיינער רויז, וואָס האָט ביז איר לעצטער רגע נישט אויפֿגע־הערט צו בליִען?

אַראָפּגייענדיק פֿון „גוטן־אָרט“ [2] צוריק פֿון דער לוויה, האָט די אַלטע רביצין אַ זאָג געטאָן:

— אַדרבה, זאָלן אַלע הײַנטוועלטיקע ווײַבלעך וויסן, וואָס פֿאַר אַ סוף די אישה האָט, אַז זי היט נישט אָפּ גאָטס געבאָט און מאַכט זיך אַ היתּר אומצוגיין מיט די אייגענע האָר, ווי אַ שיקסע, נישט צוגעקומען זאָל עס ווערן!

דאָס פּיצל קינד אָבער, וואָס איז נאָך אַוודאי נישט געווען, האָט די אַלטע רביצין אַליין אַרײַנגעטראָגן צו דער פֿרומער שׂרהלען עס אָנזייגן און האָט איר אַ זאָג געטאָן:

— איך וואָלט דיר ראַטן, שׂרהלע, דו זאָלסט דאָס קינד אין גאַנצן צונעמען צו זיך. דער גאָט, וואָס גיט דאָס מילך אין דײַן ברוסט פֿאַר דיין אייגן קינד, וועט דער ברוסט נאָך אַ ביסל מילך צושיקן פֿאַר דער עלנטער יתומהלע. אויפֿן ערגסטן אופֿן, וועסטו נישט בדלות ווערן, אַז דו וועסט צונעמען אַן אָם, זיי ביידע צוצו־

---

[2] בית־עולם.

זייגן... בזכות זה, געדענק מײַנע רייד, וועסטו זוכה זײַן צו זײַן אַ מוטער דײַן אייגן קינד ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר!

מיט די רייד איז די אַלטע רביצין אַוועקגעגאַנגען אַהיים צו זיך און דאָס פּיצל קינד איז געבליבן בײַ שׂרהלעס ברוסט.

ר׳ זיסלען איז עס אַפילו אַ ביסל פריקרע געווען און ער האָט עס גאָר נישט געוואָלט לײַדן, נאָר שׂרהלע האָט אים אַ מאָל אַ זאָג געטאָן:

— הער נאָר, מײַן מאַן, וואָס איך וועל דיר זאָגן: זײַ נישט קיין שלעכטער... דו מוזסט באַרעכענען, צוליב וואָס איך טו עס. ערשטנס, קענסטו אַליין פאַרשטיין, אַז נאָך אַזאַ בראָך, ווי מײַן קרובֿ מיכל האָט געטראָפן, ווייסט ער, נעבעך, נישט אויף וועלכער וועלט ער איז. וואָס זאָל ער מיטן קינד טאָן? אַרײַננעמען אַן אַם פאַרן קינד צו זיך אין שטוב אַרײַן? שיקט זיך דאָס: אַ יונגער מאַן אַליין אין אַ שטיבל מיט אַן אַם? וועט עס נישט זײַן אַ זינד פאַר גאָט און אַ חרפה פאַר לײַטן? אַרויסגעבן דאָס קינד פון שטוב צו עפּעס אַ צוזייגערין, ווי אַנדערע טוען אין אַזאַ פאַל — זאָל אַזוינס שוין נישט טרעפן, ווי עס טרעפט אין דער וועלט — וועט מען בײַ אים נישט פועלן בשום אופן. איך האָב שוין גערעדט מיט אים און איך ווייס, וואָס ער טראַכט. אײַ, וועסטו זאָגן, וואָס איז דאָס מײַן דאגה? זאָג איך דיר: דײַן דאגה אפשר נישט, אָבער מײַן דאגה איז דאָס אַוודאי! בלוט, מײַן מאַן, איז קיין וואַסער נישט. און אין ווע־מען האָט דאָס עלנטע עופעלע אַ נעענטערן קרובֿ און אַ גואל ווי אין מיר.

— דאָס איז, ערשטנס — האָט זיך אָפּגערופן ר׳ זיסל שוין אַ ביסל ווייכער — און וואָס איז צווייטנס?

— צווייטנס — האָט שׂרהלע געענטפערט — צווייטנס, וועל איך אײַך זאָגן, ווי די רביצין, זאָל געזונט זײַן, זאָגט: „דער גאָט, וואָס גיט דאָס מילך מײַן ברוסט פאַר מײַן קינד, וועט נאָך אַ ביסל צוגעבן פאַר דער עלנטער יתומה אויך!"... מײַן מאַן, מען טוט נישט בלויז גוטס דעם אַנדערן, מען טוט זיך אפשר נאָך מער... בזכות

זה וועט אונדז גאָט, ברוך הוא, מזכּה זײַן, אונדזער אייגן קינד מגדל צו זײַן צו תּורה און חופּה און מעשׂים טובֿים!

ר׳ זיסל איז בטבֿע נישט געווען קיין שלעכטער, נאָר אַ בייזער, אַ שטרענגער, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ גבֿיר בן גבֿיר, וואָס האָט די ברייטע דעה אומעטום און אין אַלץ, און וואָס פֿילט דעם כּוח פֿון זײַן גבֿירהשאַפֿט.

אויסהערנדיק זײַן ווײַבס קלוגע און פֿרומע רייד, האָט ער מסכּים געווען, און דאָס יתומהלע איז געבליבן בײַ אים אין שטוב: געשלאָפֿן אין איין וויגעלע מיט זײַן מייטשיקן און געזויגן פֿון דער זעלביקער ברוסט גלײַך מיט אים, אַ מאָל בײַ שׂרהלען און אַ מאָל בײַ דער אַם, וואָס שׂרהלע האָט צוליב דעם צוגענומען.

משה קנאַפּהייס

## ליד וועגן אַ הונט און אַ קינד

— 1 —

ליג רויִק אינעם קויבערל, ליג.
ליג, הינטעלע, שטיל ווי אין פּלעט.
ס׳זאָל דיר נישט אײַנפֿאַלן צו כאַפּן אַ בליק...
איך שמוגל דיך אָן אַ בילעט.

איך פֿאַרקויף דיך צו אַ רײַכן אין שטאָט,
ס׳וועט דיר ווויל זײַן דײַן הינטישע וועלט;
ס׳טוט מיר באַנג און עס איז מיר אַ שאָד,
וואָס כ׳מוז דיך פֿאַרטוישן אויף געלט.

עס וועלן מער דיך נישט בײַסן די פֿליי,
מ׳עט דיך באָדן און צוואָגן דײַן פֿעל;

ס׳וועט דער ווילטאָג פֿאַרהיילן דעם ווײ —
וועסט פֿאַרגעסן דאָס דאָרף און דאָס פֿעלד.

אין אַ מענטעלע געפּאַסט אויף דײַן מאָס —
פֿאַרלייקענען וועסטו דײַן שטאָם —
וועסט זיך האַלטן גלײַך מיטן באַלעבאָס
און נישט לאָזן אויפֿן שוועל קיין אָרעמאַן.

מ׳עט דיך אײַנמעלדן: לאָלוש צי פֿריץ,
מ׳עט דיך רופֿן מיט אַ מענטשלעכן נאָמען;
וועסט קריגן טעלערלעך קאַשע און גריץ,
און אַ שאָקאָלאַד, ס׳זאָל זײַן זיס אויפֿן גומען.

וועסט מיר אויסשטרעקן אַ לאַפּקע בײַם טיר,
כ׳וועל דיך געזעגענען אײַליק און גיך...
פֿאַר דעם געלט, וואָס כ׳וועל קריגן פֿאַר דיר —
וועל איך קויפֿן מײַן קינד אַ פּאָר שיך.

— 2 —

בײַ וועמען אַ קינד איז — אַן אינדזעלע גליק —
חלום און פלאַפּל און שטראַלן־געפֿלעכט;
זאָג, טאַטע, דו האָסט דאָך דײַן קינד אויסגעוויגט —
פֿאַר וואָס איז ער דײַן אויסרייד פֿון אומגליק און שלעכטס?

וואָס גיסטו דעם קינד דײַנס חוץ קלעפּ פֿאַר געוויין?
אַ קינד דאַרף אַ שטוב און דײַן שטוב איז אַ שטײַג —
נישטאָ וווּ צו פֿאַלן, צו לערנען זיך גיין,
אַ שיף פֿון פּאַפּיר און אַ פּילקע פֿון — טייג.

נו, וואָס זאָל איך טאָן מיט דיר, ייִנגעלע, זאָג!
שטייסט מיט אַ פֿינגער אין מויל און דו נאָגסט...
פֿאַרטראָגסט נישט דאָס פּאַפּקע־געקעכץ יעדן טאָג,
די מאַמע וואָס שרײַט און דער טאַטע וואָס שלאָגט.

די עסשטוב, די שלאָפשטוב, די קיך — אַלץ בײַנאַנד,
עס גיסט פון די ווענט, ס׳איז געשוואָלן די שאַנק;
דאָס טישבעט, דאָס וויגל, דאָס קעכל — איז קראַנק,
דאָס פענצטער איז בלינד פון דער דרויסיקער וואַנט.

עס טאָגט נישט, עס דעמערט נישט — ס׳לעשט זיך דער גרוי.
די קעלט איז פאַרדומפן — אַ טוכלער געדוך;
דאָס העמד אויפן לײַב וואָס צעפאַלט — איז די וואָר,
אין אַ מעשהלע, קינד מײַנס, קאָן העלפן אַ שפּרוך...

ווען דו וואָלטסט אַ הינטל געווען, מײַן קינד,
עס וואָלט דיך געקויפט שוין אַ רײַכער אין שטאָט.
וואָלטסט געגעסן צו זעט, וואָלטסט געלעבט ווי אַ פּרינץ...
נאָר צו קויפן אַ קינד — איז קיין בעלן נישטאָ...

הערש ווײַנרויך

## טויבן

מײַן שוואַכקייט איז געווען: אַ גרויסע ליבע צו טויבן. אַלע קינ־דער בײַ אונדז אין הויף, דאָרט אויף דער מאַלדאַוואַנקע, ווו מיר האָבן געוווינט, האָבן געהאַט אייגענע טויבן, — נאָר איך נישט...

טויבן האָט מען געקענט באַקומען אויף דרײַ אופנים: קויפן אויפן פייגלמאַרק פאַר אַ פּיטאַקל אַ טויב; מיט אייגענע טויבן פאַר־נאַרן צו זיך אין טויבנשלאַק פרעמדע טויבן; זיך אַרײַנגנבֿענען אין עמעצנס אַ טויבנשלאַק אין מיטן דער נאַכט און צולקחענען אַ פּאָר טויבן...

פאַר מיר, אַ נײַן־יאָריק יינגל, איז קיין איינער פון די דרײַ אופנים נישט געווען פּאַסיק, ווײַל: קויפן זיך טויבן האָט איך נישט

געקענט; פֿאַרנאַרן צו זיך פֿרעמדע טויבן, האָב איך נישט געהאַט מיט וואָס; און גנבֿענען איז נישט אין מײַן טבֿע...

אָבער אַ פֿאַרגעניגן פֿון די טויבן האָב איך דאָך געהאַט. מײַנע חבֿרים פֿלעגן מיר זייער אָפֿט געבן האַלטן אַ טויב אין די הענט, און נישט נאָר האַלטן די טויב, נאָר אַפֿילו זי אונטערוואַרפֿן אין דער לופֿט און קוקן, ווי זי פֿליט אין די גרויע הימלען...

דאָס גרעסטע פֿאַרגעניגן איז געווען צו זען, ווי אַ גאַנצע סטײַע טויבן פֿון אונדזער הויף הייבן זיך אויף אין דער לופֿט אין אַ שטרענגער אָרדענונג אין רייען נאָך רייען, מיט אינטערוואַלן, און בילדן־אויס אין זייער פֿלימאַרש אַ קאָלומנע אין אַ פֿאָרעם פֿון אַ דרײַעק...

און באַלד באַווײַזט זיך אין הימל אַ צווייטע סטײַע טויבן. דאָס האָט אַ שכנותדיקער הויף אַרויסגעלאָזט זײַנע טויבן.ביידע סטײַעס דרייען זיך לאַנג אין זייערע אויסגעבילדעטע קאָלומנע־פֿאָרמעס. דרייט זיך איין טויבן־סטײַע אַרום דער אַנדערער און מיר ייִנגלעך קוקן מיט פֿאַרריסענע קעפּ, מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם און מיט אַנטציקטע בליקן... נאָר אָט האָט זיך איין טויב אַרויסגעריסן פֿון איין סטײַע און איז אַרײַן אין דער צווייטער. די אויסגעבילדעטע קאָלומנע־פֿאָרעם פֿון דער צווייטער טויבן־סטײַע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן... די טויבן פֿלִיען האַסטיקער, שנעלער און גיבן זיך פֿלוצעם אַ צעשאָט און אַ מיש־אויס. ס׳איז אַן אומאָרדענונג. מ׳ווייסט שוין נישט וועלכע טויבן זײַנען פֿון אונדזער הויף און וועלכע פֿון שכנותדיקן... מיר, ייִנגלעך, הייבן־אָן פֿײַפֿן און שרײַען, מיר וואַרפֿן שטיינער אין הימל אַרײַן און מאַכן־אָן אַזוינע גוואַלדן, אַז אַלע אײַנוווינערס פֿון הויף לויפֿן אַרויס פֿון זייערע שטיבער, יידן מיט בערד פֿאַררײַסן די קעפּ צום הימל און העלפֿן אונדז, ייִנגלעך, פֿײַפֿן, טרײַבן און רופֿן די טויבן... און באַלד צעטיילן זיך ווידער די טויבן אין צוויי סטײַעס. די אויסגעבילדעטע קאָלומנעס באַקומען אָבער איצט אַן אַנדער אויסזען. פֿאָרויס די דרײַעקן פֿלִיען צוויי טויבן, — דאָס זײַנען די טויבן־פֿירערס. יעדע סטײַע האָט זיך זײַן פֿירער... מ׳דרייט זיך נאָך לאַנג אַזוי שיין אין דער לופֿט אַרום און אַרום, איין סטײַע נאָך דער אַנ־

דערער, און סוף־כּל־סוף פֿאַרענדיקט זיך דער פּלימאַרש... עס לאָזן זיך אַראָפּ די טויבן צו זייערע טויבנשלאַקן...

יעדער ייִנגל וואָס איז אַ באַזיצער פֿון אַ טויבנשלאַק, לויפֿט באַלד ציילן זײַנע טויבן: צי זײַנען אַלע בשלום צוריקגעקומען?... אפֿשר האָט מען פֿאַרנאַרט זײַנס אַ טויב?... אפֿשר האָבן גאָר זײַנע טויבן „געפֿאַנגען" צו זיך אַנדערע?...

איך לעב־איבער מיט אַלע ייִנגלעך צוזאַמען זייער פֿרייד און זייערע ליידן...

און וויפֿל מאָל האָבן זיך ייִנגלעך געשלאָגן צוליב זייערע טויבן?... אָבער די גרעסטע געשלעגן איבער פֿאַרכאַפּטע און געגנבֿעטע טויבן פֿלעגן פֿאָרקומען צווישן די ייִדישע ייִנגלעך פֿון דער מאָלדאַוואַנקע און די „שקצים" פֿון דער דאָלניצקי. די געשלעגן זײַנען אָפֿט בלוטיקע געווען און נישט איין ייִדיש קינד פֿלעגט אַהיימקומען מיט אַ געשפּאָלטענעם קאָפּ... איך פֿלעג אויך אַן אָנטייל נעמען אין די געשלעגן, כאָטש איך האָב קיין אייגענע טויבן נישט געהאַט. און נישט איין מאָל פֿלעג איך אַהיימקומען פֿון אַזאַ געשלעג מיט אַ צעריסן העמד אויפֿן לײַב און מיט אַ צעבלוטיקט פּנים. די מאַמע האָט אויף מיר געשריִען און דער שטיפֿטאַטע האָט געלאַכט און זיך געווערטלט:

— וואַקסט ישׂראליקל, אַ פֿאָנקע, טאַקע נאָר אַ ניקאָלײַסקער סאָלדאַט פּאַסט דיר צו זײַן!...

י. פּאַפּיערניקאָוו

## ס׳געוויין פֿון הונגעריקע קינדער

— טאַטע, ברויט!
— מאַמע, עסן!
מיר האָבן אַלץ געטאָן שוין, אַלץ —
דעם הונגער צו פֿאַרגעסן;

מיר האָבן זיך שוין אויסגעשפּילט אין אַלע שפּילערײַען,
און ער לאָזט זיך נישט פֿאַרשפּילן;
מיר האָבן אַלע דאַרע שטיקלעך
לאַנג און גוט געפּרוּווט צעקײַען
און מיר קאָנען אים ניט שטילן
און פֿאַרשלאָגן;
מיר האָבן שוין די פֿינגער ביז די ביינדלעך אויסגענאָגט
און — ס׳הערט נישט אויף צו נאָגן;
מיר האָבן מיטן הונגער שוין געפּרוּווט
זיך לייגן שלאָפֿן —
לאָזן זיך די אויגן־לעפּלעך נישט פֿאַרמאַכן.
ליגן מיר אַזוי, די אויגן אָפֿן,
שלאָפֿן אומרויִקע,
ווי מיר וואָלטן וואַכן
חלומט אונדז: אַ שטוב — אַ קבֿר,
ס׳לויפֿן מײַז פֿון לײדיק קאַלטע טעפּ,
אין מיטן שטוב — פֿיר ברענענדיקע ליכט,
אויף דער ערד — צוויי טויטע,
נעבן זיי — מיט גרויסע קעפּ
און פֿיסלעך אויסגעדרייטע —
וויינען קינדער,
רײַסן פֿון זיי טויטערהייט
און בעטן מיט די לעצטע כּוחות:
— מאַמע, עסן!
— טאַטע, ברויט!

ל. לאַסאַווין

## פֿון „זינד“

דרײַ האָבן זיי זיך געשאַרט אויף די הוילע, שוואַרצע בײַכלעך אין טיפֿן גראָז, צווישן דערנער און קוסטעס, צום יענקיס פֿעלד: די אַכט־יאָריקע אַנאַבעל מיט די צוויי דראָטענע צעפּלעך, אויפֿגעבויטע ווי פֿליגל, און פֿון ביידע זײַטן — דער צווילינג, אירע ברידערלעך, אַ יאָר עלטער פֿון איר — בילי און בוטש.

די זון האָט אין יענעם נאָך מיטאָג אין גאַנצן זיך פֿאַרגעסן אויף רחמנות און געגאָסן פֿלאַמפֿײַער אויף דער דזשאָרדזשיער געלבלעך ליימיקער ערד, אָבער ס׳קליינוואַרג האָט עס קוים געפֿילט. זיי האָבן געוואָלט איבערקליגלען דעם הונט הענרי, וואָס האָט געדרימלט אין שאָטן פֿונעם ברייט צעצווײַגטן עפּלבוים בײַם הויז, און דערגרייכן צו דער ערשטער די מעלאָנען אײדער ער כאַפּט זיך אויף. און, ווי אויף צו־להכעיס, האָבן זיך די פּאָר הונדערט יאַרד צווישן זײַן האַלב אײַנגעפֿאַלן שטיבל און דעם יענקיס פֿעלד שטאַרק אויסגעצויגן... אַוודאי וואָלט די גאַנצע זאַך אָנגעקומען אַ סך גרינגער אין אָוונט, אין דער פֿינצטער, אָבער דעמאָלט איז שוין די מוטער דאָ צוריק פֿון דער אַרבעט און זי האַלט אַ וואַך אויג אויף אַלץ און אַלעמען...

גלײַך נאָכן בײַטאָגיקן עסן — ברויט מיט רעטעך — וואָס די באָבע האָט מיט ציטעריקע הענט אויסגעטיילט, האָבן זיך די דרײַ באַשלאָסן אויף דער אַוואַנטורע. ס׳איז געווען אַ פּשוטער חשבון: ווי באַלד מען איז געבליבן הונגעריק נאָכן אָנבײַסן אין דער פֿרי און איצט זײַנען זיי אויך נישט זאַט, דאַרף מען אָנגרייטן עפּעס זיס און געשמאַקס פֿאַרן נאַכטמאָל...

ווען די קינדער האָבן דערגרייכט די שטעכיקע גראַטעס פֿון פֿאַרזייטן פֿעלד, זײַנען נישט בלויז די דרויסנדיקע זײַטן פֿון די בײַכלעך בײַ זיי געווען צעקראַצט און צעבײַלט, נאָר עס האָט זיך

זיי גערדאַכט, אַז דער הונגער האָט דאָס זעלביקע געטאָן אינעווייניק... זיי האָבן, ווי קראָטן, זיך גענומען גראָבן אונטערן פּלויט און נאָך גרויס מי און מאַטערניש דערקראָכן צו די בייטן, אַראָפּגעריסן דרײַ מעלאָנען און זיך געלאָזט מיטן זעלביקן מאַרשרוט אויף צוריק. אָבער איצט איז עס צוגעגאַנגען אַ סך שווערער. אַלע דרײַ האָבן שטאַרק געסאָפּעט און געשאַרט פֿאַר זיך דעם זיסן אוצר מיט גרויס פֿאָרזיכט, מיט אויערן און אויגן אָנגעשפּיצטע, ווי בײַ פֿאַרפּאָלגטע חיהלעך. יעדער אומשולדיקער ביל פֿון הענרין ערגעץ בײַם הויז האָט זיי אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ פּאַניק.

ווען זיי זײַנען געווען אויסער געפֿאַר, האָט בוטש געוואָלט אַרײַנלאָזן די ציין אין זײַן מעלאָן, אָבער אַנאַבעל האָט אים אָפּגעשטעלט:

— ס׳איז אַ זינד צו עסן אָן דער מאַמעס וויסן — האָט זי ערנסט געקוקט אויף בוטשן, און אויך זײַן ברודער ביל, וואָס האָט אַליין אויך חשק געהאַט צו פֿאַרזוכן די פּרי, האָט איצט געשאָקלט דעם געקרײַזלטן קאָפּ אין אַנאַבעלס זײַט, און ס׳איז געבליבן, מען זאָל איבערגעבן די מעלאָנען דער מאַמען...

ווען די קינדער האָבן זיך ענדלעך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד, האָבן זיי אויסגעקוקט ווי שדימלעך גלײַך פֿון גיהנום. אַנטקעגן האָט זיך געטראָגן זייער מאַמע סעראַ מיט אַ ברייטן פֿאַרטעך און צעשויבערטע האָר:

— ווו זײַט איר, טײַוואָלים, פֿאַרלוירן געוואָרן? — האָט זי גערעדט גיך און אָן אָטעם — טאָמער בין איך איין מאָל געקומען פֿרי אַהיים, דאַרף איך אײַך גיין זוכן? — און, דערזעענדיק פּלוצלינג די מעלאָנען, האָט זי אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט — ווי וועל איך זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר גאָט? ערשט זונטיק האָב איך זיך מודה געווען אויף מײַנע זינד... איר וועט די מעלאָנען גלײַך צוריקנעמען צום באַלעבאָס! — האָט זיך איר צאָרן געשטאַרקט — איר הערט? אָבער טאַקע גלײַך!...

דער צווילינג האָט זיך שטיל איבערגעקוקט און אָנגעשטעלט

די בליקן מיט אָפּענעם פֿאַרוווּרף אויף דעם שוועסטערל. אָבער די מאַמע האָט זיי נישט לאַנג געזאָלט קוקן. זי האָט זיי אַרײַנגעטריבן אין שטיבל, און זיי גענומען וואַשן און רייניקן, און נישט אויפֿגע־הערט צו טענהן:

— אַזאַ זינד... אַזאַ זינד... עובֿר זײַן אויפֿן אַכטן געבאָט... איך זע די פֿלאַמען פֿון גיהנום פֿאַר מײַנע אויגן...

מיט אַ מאָל האָט זיך אַנאַבעל צעוויינט:

— מאַ, כ׳בין הונגעריק! כ׳בין הונגעריק!

די ברידערלעך האָבן מער נישט געדאַרפֿט. זיי האָבן זיך צע־כליפּעט הויך אויפֿן קול, ווי מען וואָלט זיי געהאַלטן בײַם שעכטן...

— מײַנע אָרעמע הינדעלעך... — איז די מוטער געוואָרן ווייכער און ווי אַ קפּאָקע געטוליעט די קינדער צו זיך. זי האָט זיי גע־ווישט די טרערן און דערלאַנגט שטיקער ברויט מיט פּעטס, אָבער די חבֿרה האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פֿון די מעלאָנען.

— אָלרײַט! — האָט סעראַ נאָכגעגעבן — איינעם וועל איך צעטיילן צווישן אײַך. אָבער די איבעריקע וועלן מיר אָפּטראָגן און בעטן פֿאַרגעבונג. זי האָט מיט די בלויזע הענט אויפֿגעריסן אַ מע־לאָן, אויסגעטרייסלט פֿאַרזיכטיק די קערנער אין אַ שיסל צום טרי־קענען, און די דרײַ האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו דער סעודה.

ווען זיי זײַנען פֿאַרטיק געוואָרן, זײַנען זיי פֿרייליכע אַרויס פֿון שטיבל מיט דער פֿרומער כּוונה אומצוקערן די אַנדערע, אָבער ביז זיי זײַנען צוגעקומען צום יענקיס הויז, איז אויך פֿון די צוויי קיין זכר נישט געבליבן.

די מוטער האָט געקײַט און געוואָרפֿן הייסע ווערטער:

— אין מײַן לעבן האָב איך נישט געגעסן אַזעלכע זיסע מע־לאָנען. נישט אַנדערש, ווי דער נישט־גוטער האָט זיי אײַך אונטער־געוואָרפֿן... אַליין געזינדיקט און מיך אַרײַנגעשלעפּט אין אַ זינד...

שמואל צעסלער

## קינדער

אויף אַן אַלט צעבראָכן פֿידל
קראַצט אין הויף אַ בלינדער ייִד;
און אַ ייִנגל שטרעקט זײַן הענטל
נעבן אים און זינגט אַ ליד:

שענקט עפּעס מײַן בלינדן טאַטן,
העלפֿט אים אין זײַן שווערער נויט!
ווער עס זעט ניט אויף די אויגן,
דעם איז ביטער ווי דער טויט!

קומען קינדערלעך צו לויפֿן,
רינגלען־אום זיי אין דער מיט,
הערן די מוזיק פֿון בלינדן,
הערן־צו דעם ייִנגלס ליד.

און בײַ יעדן אין די אייגלעך
העל אַ פֿײַערל זיך צינדט:
אָ, ווי זיי זײַנען מקנא
אָט דעם זינגענדיקן קינד!

לאה ק. האָפמאַן

## גאָטס שפּילצייג

אוי, ווי שיין! אַ באָל פֿון פֿײַער
הענגט דאָרט, ווו ס׳איז בלוי;
ווער האָט אים אַהינגעוואָרפֿן —
שפּילט דען גאָט אַזוי?...

גאָט האָט זייער שיינע שפּילצײַג
און ער וואַרפט זיי הויך;
די לבנה איז אויך זײַנע
און די שטערן אויך.

ער שפּילט אויך מיט טיפע ימען,
מיט דער גאַנצער וועלט;
איין זאַך קען ער נאָר ניט האָבן,
דאָס איז אונדזער געלט.

גאָט איז גרעסער פון דער מאַמען,
פון דעם טאַטן אויך;
וואָס זשע דאַרף ער זיך דען שפּילן
אויבן, אין דער הויך?

זאָל ער מיר די שפּילצײַג געבן,
וועל איך שפּילן פײַן;
איכ׳ל מאַכן, אַז דער הימל
זאָל דאָ אונטן זײַן...

י. ל. פרץ

## פון „רייזע־בילדער"

דעם גאַסטהײַזערס [1] שיין, חנעוודיק יינגעלע מיט די מיאוסע תנועהלעך, מיט די לעקעלעך פול מיט פעדערן, קאָן מיר אויסן קאָפּ נישט אַרויס. אָדער ער שטייט מיר פאַר די אויגן מיט אַ שטשיפּיאַ־רעק [2] אין האַנט און וויינט, און וויל דעם צווייטן, אָדער איך הער

---

[1] פון בעל־אכסניה. — [2] שטענגל פון קנאַבל.

אים בײַ מנחה־מעריבֿ זאָגן אַזוי קינדיש ווײנענדיק ערנסט דעם קדיש, אַז עס כאַפּט מיר אָן בײַם האַרץ.

ווען דער חסיד האָט דעם משכּים געפּאַטשט, איז דאָס קינד אַזוי בלאַס און גרין געוואָרן פֿאַר שרעק, אַז איך האָב אים אָנגענומען בײַ דער האַנט און אַרויסגעפֿירט פֿון שטוב.

— קום אַ ביסל שפּאַצירן!

— שפּאַצירן? — שטאַמלט ער און דאָס בלאַסע פּנים רויטלט זיך.

— דו שפּאַצירסט קיין מאָל נישט?

— הײַנט נישט. אַז די מאַמע, עליה השלום, האָט געלעבט, פֿלעגט זי מיך מיטנעמען שבת־ויום־טובֿ שפּאַצירן... דער טאַטע, אים צו לענגערע יאָר, הייסט בעסער אַרײַנקוקן אין אַ ספֿר.

דאָס איז שוין געווען אין לאַנגן אײַנפֿאָרהויז. פֿון דער ווײַטנס שימערט אַ רויטער מגן־דוד פֿון אַ לאַמטערן אַרויס. איך האָב זײַן פּנים נישט געזען, נאָר זײַן דאַר הענטל האָט אין מײַנער געציטערט.

מיר זײַנען אַרויס אין גאַס אַרײַן.

דער הימל הענגט איבער טישאָוויץ ווי אַ טונקל־בלויער מונדיר מיט מאַט־זילבערנע קנעפּ. מײַן מיטשפּאַצירער האָט עס אַוודאי אויסגעזען ווי אַ פּרוכת מיט זילבערנע פֿליטערלעך באַנייט. אים חלומט זיך אפֿשר אַזאַ בלוי זײַדן תּפֿילין־בײַטעלע מיט פֿליטערלעך; אין אַ יאָר פֿינף־זעקס וועט ער אפֿשר קריגן אַזאַ מתּנה פֿון דער כּלה.

בײַ נאַכט זעט דאָס שטעטל גאַנץ אַנדערש אויס. די קרום־און־לאָם געבויגענע הײַזלעך פֿאַרשווינדן אין דער „פּאָעטישער שטילער שויס פֿון דער נאַכט“. און די פֿענצטערס און שויבן־טירן זעען־אויס ווי גרויסע, פֿײַערדיקע, פּורפּור־שטראַליקע אויגן...

דאָך שטייען טייל הײַזלעך שטאָק בלינד. דאָרט גייט אַ שטיקל טרוקן ברויט מיט אָדער אָן אַ הערינג, און אפֿשר — קריאת־שמע אָן וועטשערע... אין איינעם פֿון די הײַזלעך מוז שטיין די אַלמנה, וואָס דאַרף אַזוי ווייניק, און קלאַפּט זיך אין דאַרן האַרצבערטל

אַרײַן בײַ דער לאַנגער ווידוי... אפֿשר מעסט זי זיך אָן אירע תּכריכים... דערמאָנט זיך אין אַמאָליקן, מיט אַ גאָלדענעם פּאַס באַזוימטן חופּה־קלייד, און פֿון די אַלטע אויגן קאַפּעט־אַראָפּ אַ טרער, און זי שמייכלט דערבײַ אַרײַן אין דער פֿינצטערער נאַכט: וואָס דאַרף אַ ייִדענע?

מײַן יתום האָט עפּעס אַנדערש אין זין.

אונטערטאַנצנדיק אויף איין פֿיסל, רײַסט ער אַרויף דאָס קעפּל צו דער לבֿנה, וואָס שווימט נאַריש אַריסטאָקראַטיש פֿון איין דרילע אַרויס אין דער צווייטער אַרײַן.

ער זיפֿצט. צי האָט ער געזען אַ שטערן פֿאַלן? ניין.

— אוי, — זאָגט ער — וואָלט איך געוואָלט, משיח זאָל קומען!

— וואָס איז?

— איך וויל, די לבֿנה זאָל שוין גרעסער ווערן! עס איז אויף איר אַזאַ רחמנות! זי האָט טאַקע געזינדיקט, אָבער אַזוי לאַנג צו לײַדן... עס גייט שוין דער אלף השישי...

אין גאַנצן צוויי בקשות: פֿון טאַטן אויף דער ערד — נאָך אַ שטשיפּיאָרעק און פֿון פֿאָטער אין הימל — די לבֿנה זאָל גרעסער ווערן!

עס כאַפּט מיך אָן אַ ווילדער חשק אים צו זאָגן: לאָז געמאַך! דײַן היגער טאַטע וועט באַלד חתונה האָבן, דו וועסט באַלד אַ שטיפֿמאַמע קריגן, אַ שטיפֿקינד ווערן, און וועסט וויינען נאָך אַ שטיקל ברויט! זײַ מוחל דעם שטשיפּיאָרעק, פֿאַרגעס אויך די לבֿנה...

איך האָב מיך קוים אײַנגעהאַלטן.

מיר זײַנען אַרויס פֿון טישאָוויץ. דער פֿרילינג־אָטעם בלאָזט אויף אונדז פֿון גרינעם פֿעלד. ער שלעפּט מיך צו צו אַ בוים. מיר זעצן זיך.

דאָ — פֿאַלט מיר אײַן — האָט ער געמוזט זיצן מיט זײַן מוטער. זי האָט אים געמוזט ווײַזן, וואָס עס וואַקסט אויף די שמאָלע

פּאַסן פֿון די פּריצישע פֿעלדער. ער דערקענט: ווייץ, קאָרן, קאַר־טאָפֿל.

— און דאָ וואַקסן דערנער! צי קיינער עסט קיין דערנער נישט?

— אייזלען, זאָגט מען, עסן דערנער!

— פֿאַר וואָס — פֿרעגט ער — האָט גאָט באַשאַפֿן, יעדע בריאה זאָל עסן עפּעס אַנדערש?!

ער ווייסט נישט, אַז ווען אַלע זאָלן גלײַך עסן, וואָלטן אַלע גלײַך געווען.

נחום באָמזע

## דעקאָראַציע

איציק מאַנגערן

פֿון פֿינצטערע קעלערס און הויפֿן
מיט שטילע טריט אין טרוים
זײַנען קינדער געקומען צו לויפֿן
צום שאָטן פֿון איינציקן בוים.

זײַנען קינדער געקומען צו פֿליִען
מיט פֿולע הערצער געשריי:
זיי פֿילן, זיי ווילן זען
אַ בוים אין חודש מײַ.

און אַלע פֿאַרוווּנדערט געגאַפֿט
אַרויף צו די בלעטער און צווײַגן,
ביז ס׳האָט די בלויע נאַכט
פֿאַרוויגט דעם הויף אין שווײַגן.

זײַנען מאַמעס געקומען פֿון מאַרקן:
— שיינדל קרוין, איך קען שווערן,

אַז אויפֿן בוים פֿאַרן פּאַרקן
פֿינקלט אַ שטערן.

נאָר אויפֿן באַלקאָן דער גבֿיר
חוזקט מיט שפּאָט:
— דער בוים איז פֿון פּאַפּיר,
איך שווער אײַך בײַ גאָט.

זײַנען קינדער געשטאַנען בײַם פּלויט
אין הייליקן פֿלאַטער —
און שטיל האָט געלאַכט דער טויט
אויפֿן בוים בײַם טעאַטער.

1939

י. פּאַפּיערניקאָוו

## אַ טאַטע מיט אַ קינד

וואָס ווייסט אַ קינד, אַז ס'איז פֿון זין אַראָפּ די מאַמע?!
שטייט עס און עס רײַסט און צופּט זי פֿאַרן קלייד:
— אַ טרונק!
— כ'וויל ברויט!
און זי, די מאַמע, ווי זי וואָלט דערבײַ נישט זײַן,
ווי צוגעמויערט צו דער מויער — שטייט
און גלאָצט מיט אויגן גלעזערנע
אין אָוונטיקער גאַס אַרײַן,
ווי בלינד,
און שמייכלט תמעוואַט צו די פֿאַרבײַגייערס
און צו איר אייגן פֿרעמד געוואָרן קינד,
וואָס בעט זיך: — כ'וויל אַ טרונק!

— כ׳וויל ברויט!
און צופּט זי פֿאַרן קלייד,
און שלעפּט זי פֿון דער וואַנט,
און ציט, ווי בײַ אַ פֿליגל אַ צעבראָכענעם,
איר שווערע, שלאַבריק נאָכגעלאָזטע האַנט.

אליעזר שינדלער

## ווינטערפרייד

פֿון די שטיבלעך קומען קינדער,
פֿרייען זיך און לאַכן.
זעט נאָר, זעט: אַ שניי אַ ווונדער:
— לאָמיר מענטשן מאַכן!

איז אַרבעט טאַקע שוין מיט פֿרייד
דער ליבער, קליינער עולם —
און אַט כהרף־עין שטייט
אַ גרויסער, ווײַסער גולם.

אברהם רייזען

## ווען עסט די מאַמע?

אַז מלאכים קאָנען נישט עסן, ווען זיי זײַנען אַפֿילו פֿאַרשטעלט פֿאַר מענטשן און געפֿינען זיך אויף דער ערד — דאָס האָט דער קליינער זיבן יאָריקער לייבעלע געוווּסט פֿון חומש. ויאכלו — האָט דער רבי געגעבן צו פֿאַרשטיין, קוקנדיק אין רש״י — ויאכלו, און זיי האָבן זיך געטאָן מאַכן, אַזוי ווי זיי וואָלטן געגעסן... אָבער אַז אַ מענטש זאָל קאָנען לעבן און נישט עסן — דאָס האָט לייבעלע

נישט געקאָנט באַגרײַפֿן. און אפֿשר איז דאָס גאָר נישט קיין מענטש, אפֿשר איז עס גאָר אַ מלאך? זאָל זײַן מאַמע זײַן אַ מלאך?...

ניין, דאָס קען נישט זײַן... אַ מלאך גייט דאָך אָנגעטאָן אין ווײַסן און האָט הינטן פֿליגלען... אַ מלאך, אַז ער געפֿינט זיך צווישן מענטשן, מאַכט זיך דאָך, ווי ער וואָלט געטאָן עסן... פֿאַר וואָס זשע זעט ער קיין מאָל נישט, ווי אַזוי זײַן מאַמע עסט?...

אַ מאָדנע זאַך... אמת, געכאַפּט האָט ער זיך ערשט דאָ גאָר נישט לאַנג... ער ווייסט נישט, ווי אַזוי דער געדאַנק איז צו אים געקומען. נאָר איין מאָל גיט ער זיך אַ כאַפּ:

— וואָס איז דאָס? ער זעט קיין מאָל נישט, אַז די מאַמע זאָל עסן...

ניין! מסתּמא איז ער אַ נאַר, מע וועט פֿון אים לאַכן... וואָס הייסט, זי עסט נישט! פֿאַר וואָס זאָל זי עפּעס נישט עסן? אין שטוב איז דאָך שטענדיק דאָ ברויט און אוגערקעס און רעטעך און אין דער פֿרי קאָכט מען קאַרטאָפֿל און אַ מאָל אַ קרופּניק. בײַ נאַכט, איידער מע גייט שלאָפֿן, עסט מען וועטשערע. אין דער וועטשערע לייגט אַ מאָל אַרײַן די מאַמע אַ שטיקל פֿלייש און זי גיט עס אַוועק דעם טאַטן, כאָטש בעסער וואָלט געווען, אַז די מאַמע זאָל דאָס שטיקעלע פֿלייש אַליין אויפֿעסן, אָדער, נאָך בעסער, זיי זאָלן זיך טיילן: דעם טאַטן אַ שטיקעלע און דער מאַמען אַ שטיקעלע. די קינדער דאַרפֿן טאַקע אין דער וואָכן נישט עסן קיין פֿלייש. שבת

— יאָ. שבת גיט מען שוין אַלעמען צו שטיקלעך פֿלייש...

— שאַ... — גיט ער זיך אַ כאַפּ — און שבת עסט דען די מאַמע? אַך, הײַנט איז ערשט מאָנטיק. ביז שבת איז אַזוי לאַנג צו וואַרטן... ער מוז זען, ווי זי עסט...

און לייבעלע באַשליסט אַז ער וועט פֿון הײַנט אָן אָנהייבן היטן די מאַמען. ער מוז זי כאַפּן אַ מאָל עסנדיק...

און לייבעלע האָט די מאַמען אַזוי ליב! זי איז דאָך אַזאַ גוטע. אין חדר גיט זי אים מיט אַלע טאָג ברויט מיט אַ קאָפּיקע, ער זאָל עפּעס קויפֿן צום ברויט. אָבער לייבעלע איז טאַקע נישט קיין נאַר.

ברויט אַליין, אַז מע טונקט עס אײַן אין זאַלץ און מע פּאַרטרינקט מיט וואַסער, איז דאָס אויך גוט, און די קאָפּיקעס קלײַבט ער טאַ־קע... און אַז עס וועט קומען פּאַר פסח, וועט ער קויפֿן אַ היטעלע....

אָבער ווען עסט פּאָרט די מאַמע?...

אין דער פֿרי, אַז ער שטייט־אויף, זעט ער, ווי די מאַמע שטייט בײַם אויוון און רוקט איין טעפּל אַרײַן, דאָס אַנדערע אַרויס. די מאַמע איז אַזאַ בריה! און ווילקעס [1] האָט זי אַלערליי! פֿאַרן גרויסן טאָפּ האָט זי אַ גרויסע ווילקע, פֿאַרן קליינעם — אַ קליינע, און פֿאַרן מיטלסטן טאָפּ — אַ מיטעלע ווילקע... אַז זי נעמט־אַרויס אַ טאָפּ, באַטראַכט זי אים און בלאָזט־אָפּ דעם שוים און שטעלט־אַרײַן צוריק... וואָס קאָכט זי אין די טעפּ?... איין טאָפּ, ווייסט ער שוין, איז הייס וואַסער אַליין. „אַ שטוב, זאָגט די מאַמע, ברויכט צו האָבן הייס וואַסער...” דער צווייטער טאָפּ איז אַוודאי מיט קאַר־טאָפּל, וואָס אויב זיי זײַנען צעשניטענע און מיט וואַסער, הייסט עס: „פּיש־קאַרטאָפּל”... קיין פּיש איז דאָרטן נישטאָ... פּיש עסט מען דאָך נישט אין דער וואָכן... „פּיש” — זאָגט די מאַמע — „איז פֿײַער־און־פֿלאַם!”... אָבער פּיש־קאַרטאָפּל אָן פּיש איז אויך גוט. די מאַמע איז אַ גרויסע בריה, דאָס ווייסט ער יאָ...

אָבער פֿאַר וואָס עסט זי נישט?...

זי דערלאַנגט בלויז דאָס עסן. זי אָבער ווען עסט? ער וועט זי איצט היטן...

ער שטעלט זיך דאַוונען. לייבעלע איז שוין אַ בחור פֿון זיבן יאָר און מוז שוין דאַוונען... ער הייבט־אָן פֿון ברוך שאָמר און זופּט אַזוי ביסלעכווײַז ביז די הללויהס... דעם אמת געזאָגט, היפּערט ער שטיקער איבער... אָבער די קריאַת־שמע זאָגט ער שוין פּאַמעלעך, מיט כוונה, און שטעלט זיך שמונה־עשׂרה. אָבער ער קוקט אַלץ צום אויוון, ווו די מאַמע שטייט... ער מוז זי היטן: אפֿשר וועט ער זי

[1] גאָפּלען.

כאַפּן, ווען זי עסט. אויסער וואָס דאָס וואָלט פֿאַר אים אַ שׂמחה גע־
ווען, וואָלט דאָס פֿאַר אים אויך געווען אַ חידוש:

— די מאַמע עסט!

ער האָט זי קיין מאָל נישט געזען עסן...

— אָבער עס איז דאָך אוממעגלעך! — ווערט ער בייז אויף זיך
אַליין — זי מוז דאָך עסן, אַז מען עסט נישט, קאָן מען דאָך נישט
לעבן...

נאָר אָט האָט ער אָפּגעדאַוונט... די מאַמע רופֿט זיך אָן:

— שוין, לייבעלע, אָפּגעדאַוונט?

— יאָ! — זאָגט לייבעלע טרויעריק, קוקנדיק דער מאַמען אין
די גרויסע, שוואַרצע, גוטע אויגן אַרײַן.

— נו, וועל איך דיר געבן עסן, וועסטו גיין אין חדר.

— מאַמע... — רופֿט זיך אָן לייבעלע.

— וואָס איז?

— דו האָסט שוין געגעסן?

— וואָס פֿרעגסטו עפּעס? — וווּנדערט זיך די מאַמע און גלעט
אים איבערן קעפּל.

— איך וויל וויסן... — בעט זיך לייבעלע נישט נאָך זײַן שטיי־
גער.

— אַנטקעגן וואָס פֿרעגסטו עס? — וווּנדערט זיך די מאַמע
נאָך מער.

— איך... וויל... ניין, איך האָב קיין מאָל נישט געזען... — נאָר
ער האַקט זיך אָפּ, און אָנקוקנדיק דער מאַמעס בלאַס פּנים מיט די
אײַנגעפֿאַלענע באַקן, צעוויינט ער זיך...

די מאַמע ווערט גערירט, זי גלעט אים איבער בײדע בעקלעך
און ענטפֿערט אים מיט אַ שמייכעלע:

— נאַרעלע, איך האָב שוין געגעסן... איך עס, ווען קיינער זעט
נישט...

לייבעלע ווערט אויפֿגעלעבט: הייסט עס, זי עסט יאָ, נאָר דע־
מאָלט, ווען קיינער זעט נישט...

באַשליסט ער, אַז ערשט איצט וועט ער זי נעמען היטן און כאַפּן זי עסנדיק. ער מוז זען, ווי זײַן ליבע, גוטע מאַמע, וואָס קאָכט און באַקט און זעט אַלעמען צו — ווי אַזוי זי עסט אַליין אַ מאָל...

*

דעם זעלביקן אָוונט האָט זיך לייבעלע געלייגט שלאָפֿן פֿריִער ווי אַלע מאָל. געזאָגט האָט ער, אַז דער קאָפּ טוט אים ווײ, אָבער אויסן איז ער געווען אויפֿצוכאַפּן זיך אין דער פֿרי און פֿון בעט אַרויס זען, וואָס די מאַמע טוט אין דער פֿרי...

די גאַנצע נאַכט איז ער געשלאָפֿן אומרויִק, מורא האָבנדיק נישט צו פֿאַרשלאָפֿן דער מאַמעס אויפֿשטיין. די מאַמע שטייט דאָך אויף אַזוי פֿרי, פֿריִער פֿאַרן טאַטן אַפֿילו. אַלע שעה האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט און געהיט דער מאַמעס בעט. ערשט ווען די העגער האָבן גענומען קרייען, האָט ער דערזען, ווי אַזוי די מאַמע וועקט זיך, שטעלט זיך אויף, קוקט־אַרויס אין פֿענצטער און קריכט־אַרויס פֿון בעט.

אַרויסגייענדיק פֿון בעט, גייט זי צו צו זײַן בעט... ער דער־שרעקט זיך און מאַכט־צו פֿעסט די אויגן, זי זאָל ניט זען, אַז ער שלאָפֿט נישט און היט זי. די מאַמע דעקט אים בעסער צו און מור־מלט שטיל: „שלאָף, מײַן זון, קאַלט!״, און זי הייבט זיך אָן אָנצו־טאָן.

אַז זי איז שוין אָנגעטאָן, וואַשט זי די הענט און דאָס פּנים און זאָגט ברכות מיט אַ זיסן, אומעטיקן ניגון. נאָך שענער ווי ווען דער טאַטע דאַוונט, נאָר די ברכות דויערן נישט לאַנג. ווײַבערשע ברכות! — טראַכט לייבעלע — אַזוינע קורצע... און עס טוט אים באַנג, וואָס זײַן גוטע מאַמע האָט אַזוי ווייניק צו „זאָגן״. דער טאַטע, אַז ער שטייט־אויף, זאָגט ער אַזוי פֿיל... זאָגט און זאָגט נאָך אַנאַנד... אָבער וואָלט זי כאָטש געגעסן, וואָלט אים שוין נישט געאַרט!...

און לייבעלע פֿאָלגט־נאָך מיט די אויגן יעדע באַוועגונג פֿון דער מאַמען.

אָט נעמט זי הייצן דעם אויוון. דאָס האָלץ לייגט זי נאָך אַרײַן פֿאַרן שלאָף. איצט לייגט זי נאָר צו קליינע העלצלעך, צינדט־אָן אַ שוועבעלע, וואָס זי נעמט־אַראָפּ פֿון קוימען, און אַזוי ווי לייבע־לעס בעטל איז פּונקט קעגן אויוון, זעט ער, ווי דאָס פֿײַער ברענט פּאַמעלעך און אָן חשק... די מאַמע הייבט־אָן צו בלאָזן... נאָך יעדן בלאָז גיט זי אַ הוסט און נאָך יעדן הוסט קומט אַ שווערער, לאַנגער זיפֿץ...

לייבעלען שנײַדט דער מאַמעס זיפֿץ, ווי מיט אַ מעסער, דאָס האַרץ... ער שרײַט שיר פֿאַר רחמנות נישט אויס: „מאַמע!“ ער האַלט זיך אָבער אײַן. מע דאַרף צוקוקן ווײַטער.

לייבעלע זעט, ווי דאָס פֿײַער אין אויוון ברענט שוין העלער, פֿרײַער און לוסטיקער. דאָס מאַכט אים אויך פֿריילעכער... ער וואָלט איצט אַזוי געוואָלט אויפֿשטיין און זעצן זיך בײַם אויוון! עס איז אַזוי שיין... נאָר די מאַמע וועט זיך חידושן און וועט אים פֿרעגן: „וואָס עפּעס אַזוי פֿרי? אַלע שלאָפֿן נאָך“...

און אָט זעט ער, ווי די מאַמע נעמט די צוויי עמערס מיט דער קאָראָמיסלע [2], טוט־אָן די קאָראָמיסלע אויף די דאַרע אַקסלען אי־רע, הענגט אויף זיי די עמערס און רוקט זיך שטיל אַרויס פֿון שטוב.

— אַ טײַערע מאַמע! — וויינט לייבעלעס האַרץ — אַלץ זי... פֿאַר וואָס העלפֿט מען איר נישט?

אָ, אַז ער וועט ווערן אַ גרויסער, וועט ער איר נישט לאָזן גיין נאָך וואַסער...

און ער ליגט אין בעט, און טראַכט וועגן זײַן ליבער מאַמען, וואָס האָרעוועט אַזוי פֿיל און עסן עסט זי גאָר נישט...

— אָבער עסן מוז מען דאָך! — קען ער זיך נישט באַרויִקן — אפֿשר זאָל ער זאָגן, אַז ער איז קראַנק, און הײַנט נישט גיין אין חדר?... אַ גאַנצן טאָג וועט ער זיצן אין שטוב און היטן די מאַמען

---

[2] שטעקן, וואָס מ׳לייגט־אַרויף אויפֿן נאַקן, און פֿון יעדער זײַט הענגט מען אָן אַן עמער.

און וועט אפשר דערזען, ווי אַזוי זי עסט, כאַטש איין מאָל... עס וואָלט פֿון אים אַזאַ זאָרג אַראָפּ...

די מאַמע קומט באַלד צוריק מיט די צוויי עמערס וואַסער, זעצט זיך צו טאַקע אויף זײַן בעטל און סאַפּעט שווער. לייבעלע מאַכט זיך, ווי ער שלאָפֿט שטאַרק און כראָפּעט אַפֿילו... ענדלעך שטייט די מאַמע אויף, גיסט־אָן עטלעכע טעפּ מיט וואַסער און שטעלט זיי איינציקווײַז אַרײַן אין אויוון.

דורך די קליינע פֿענצטערלעך רײַסט זיך שוין אַרײַן דער שײַן פֿון נײַעם האַרבסטטאָג, אַן אומעטיקער און אַ שווער פֿאַרטראַכטער... דאָס צוועלף יאָריקע שוועסטערל, וואָס שלאָפֿט אין צווייטן ווינקל בײַם פֿענצטער, וועקט זיך שוין, זעצט זיך אויף און מיט צעפּודלטע האָר שפּרינגט זי פּלוצעם אַראָפּ פֿון בעט אין איין העמד, אַ באָר־וועסע, און שטעלט זיך אין מיטן שטוב.

לייבעלע קוקט אויף דער שוועסטער, מיט וועלכער ער איז נישט בשלום צוליב געוויסע סיבות. ער לאַכט פֿון איר אין האַרצן, וואָס זי שעמט זיך גאָר נישט צו שטיין אין איין העמד און אַ באָר־וועסע... דערצו איז ער אויף איר בייז, וואָס זי איז שוין אויפֿגע־שטאַנען און זי וועט אים שטערן צו היטן די מאַמען.

נאָר אָט כאַפּט זיך שוין אויף דער טאַטע אין די פּאַסקאָווע[3] גאַטקעס... „מיאוסע גאַטקעס" — טראַכט לייבעלע און קריטיקירט זײַן טאַטן... דער טאַטע טוט זיך אָבער באַלד אָן, וואַשט זיך און הייבט־אָן צו זאָגן און זאָגן... אָבער אָן אַ ניגון, נאָר אַזוי — אַ מין מאָלן מיט דער צונג... לייבעלע געפֿעלט עס נישט: דער מאַמעס ברכות זײַנען שענער געווען. די מאַמע זאָגט עפּעס אַלץ אויף ייִדיש... „דערבאַרעמדיקער גאָט, האַרציקער טאַטע"... לייבעלע האָט עס ליבער...

נאָר אָט איז שוין דער טאַטע אויך פֿאַרטיק, ער נעמט שוין אַראָפּ

---

[3] מיט שמאָלע פּאַסן דורכגעשטרײַפֿט.

דעם טלית־און־תּפילין, און אָן אַ וואָרט דער מאַמען צו זאָגן, גייט ער אַוועק דאַוונען... די מאַמע ברומט אים צו:

— קום, זלמן, פֿריִער, דאָס אָנבײַסן וועט קאַליע ווערן...

— גוט! — ברומט־אַרויס דער טאַטע, פֿאַרמאַכנדיק די טיר.

לייבעלען, פֿון ניט שלאָפֿן רוּיִק די נאַכט, באַפֿאַלט ענדלעך אַ מידקייט. ער שטרענגט זיך אָן נאָך צו ליגן. ער באַשליסט בלויז איין מאָל צוצומאַכן די אויגן, אָבער ער ווערט אַנטשלאָפֿן... אַז ער הייבט זיך אויף, איז שוין שטאַרק שפּעט. די מאַמע רופֿט אים צו:

— שטיי־אויף, לייבעלע! צײַט צו דאַוונען און אין חדר גיין...

— אוי! — גיט ער זיך אַ כאַפּ, קוקט־אָן די מאַמען, ווי זי שטייט בײַם אויוון און קאָכט אָנבײַסן.

ער האָט פֿאַרשפּעטיקט — נישט אײַנגעהיט...

ער טוט זיך שנעל אָן, נעמט זיך צום דאַוונען און נעמט נישט אַראָפּ קיין אויג פֿון דער מאַמען.

אָט קומט שוין דער טאַטע פֿון דאַוונען. די מאַמע הייסט זיך וואַשן... זי שלעפּט טעפּ פֿון אויוון... איינעם אַרײַן, דעם אַנדערן אַרויס... אין אויוון קומט־פֿאָר אַ גאַנצע באַוועגונג. אייניקע טעפּ שווימען־אַרויס מיט אַ ווילדן סאָרט שוים, אייניקע לויפֿן־איבער די ברעגעס און דאָס איבערגעלאָפּענע זידט און קאָכט מיט גרויס גרימצאָרן... אייניקע זײַנען שוין האַלב אויסגעזאָטן און אומזיסט הייבן זיי זיך, דעם איבערשן ברעג קענען זיי נישט דערלאַנגען.

— נו, וואָס געדויערט עס אַזוי? — ברומט דער טאַטע.

און די מאַמע הייבט זיך אָן צוצואײַלן... זי דערלאַנגט דעם באַליבטן מאכל, די פֿיש־קאַרטאָפֿל, און זי גיט־צו מיט אַ גוט שמייכעלע:

— פֿיש איז אין טײַך!...

און גייט־אַוועק ווידער צום אויוון.

„מײַן גאָט! — װײנט אין לײבעלען דאָס האַרץ — אַזױנע גוטע פּיש־קאַרטאָפּל! פֿאַר װאָס עסט נישט די מאַמע?...

— און אפֿשר האָט זי שױן געגעסן, אָט דעמאָלט, װען איך האָב אײַנגעדרעמלט? — טראַכט לײבעלע און מאַכט זיך פֿאָרװורפֿן, װאָס ער האָט נישט געקאָנט זיך אײַנהאַלטן און האָט פֿאַרשלאָפֿן.

און דער געדאַנק פּלאָגט אים נאָך שטאַרקער:

— װען עסט די מאַמע?...

ער נעמט זיך װידער פֿאָר צו כאַפּן זי אַ מאָל עסן. אין מיטן װאָך איז טאַקע אוממעגלעך. איז ער זיך מײאש פֿון כאַפּן זי עסן אין מיטן װאָך, אָבער שבת מוז ער זי זען עסן. ער װיל אַזױ זען, װי אַזױ עס עסט די מאַמע...

— און אפֿשר איז זי טאַקע אַ מלאך?... — דערשרעקט ער זיך פּלוצעם.

— נײן, נײן! — טרײַבט ער דעם געדאַנק — זי איז אַ מענטש! אַ מענטש! ער װיל נישט קײן מלאך!...

— טאָ פֿאַר װאָס עסט זי נישט?...

„איך עס, װען קײנער זעט נישט!״ — קלינגט אים דער דעמאָלטיקער ענטפֿער.

אָבער זי האָט דערבײַ עפּעס מאָדנע געשמײכלט... דער דאָזיקער שמײכל שװעבט אים פֿאַר די אױגן און שרעקט אים... עס איז עפּעס נישט גלאַט...

— און אפֿשר טאַקע אַ מלאך?... — דערשרעקט ער זיך װידער.

און זײַן קלײן מוחל ברעכט זיך פֿאַר דער שװערער און ביטערער פֿראַגע, און דאָס הערצל דריקט און קלעמט:

— װען עסט די מאַמע?

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

## אַ מאַנטל פֿון אַ טונקעלן געוואַנטל

בײַ אַ שנײַדער אין קאָמאָדע,
פֿול מיט קינדער, קיין עין־הרע,
קינדער פּיצעלעך ווי מאָן,
שטייט אַ וויגל אויבן אָן.

איצטער הייבט זיך אָן די מעשׂה,
נישט פֿון ציגעלעך קיין ווײַסע,
נאָר אַ מעשׂה פֿון אַ מאַנטל
פֿון אַ טונקעלן געוואַנטל.

האָט מען אויפֿגענייט אַ מאַנטל
פֿון אַ טונקעלן געוואַנטל
פֿאַרן עלטסטן בחור שמואל,
ער זאָל קענען גיין אין שול.

גייט אים שמואליק יאָרן דרײַ,
איז דער מאַנטל שפּאָגל נײַ.
גייט אים שמואליק נאָך אַ יאָר,
איז דער מאַנטל שענער גאָר.

איין מאָל שמואליק טוט אים אָן,
איז דער מאַנטל קורץ אין סטאָן.

ווערט אַ טומל אין קאָמאָדע:
— נאַ דיר גאָר אַ נײַע צרה!
שמואליק טוט דעם מאַנטל אָן,
איז דער מאַנטל קורץ אין סטאָן!

נו, איז מילא —
טוט שוין אָן דעם מאַנטל ביילע.

גייט אים ביילע יאָרן דרײַ,
איז דער מאַנטל שפּאָגל נײַ.
גייט אים ביילע נאָך אַ יאָר,
איז דער מאַנטל שענער גאָר.

איין מאָל ביילע טוט אַ שפּרײַ,
פּלאַצט אין מאַנטל נעטלעך דרײַ.

ווערט אַ טומל אין קאָמאָדע:
— נאָ דיר גאָר אַ נײַע צרה!
טאָמער ביילע טוט אַ שפּרײַ
פּלאַצט אין מאַנטל נעטלעך דרײַ.

וואָס זשע קען דאָ זײַן דער מער?
גייט אין מאַנטל יאָסל־בער.

גייט ער אין אים יאָרן דרײַ,
איז דער מאַנטל שפּאָגל נײַ.
גייט ער אין אים נאָך אַ יאָר,
איז דער מאַנטל שענער גאָר.

איין מאָל פֿאַלט ער אויף די טרעפּלעך,
איז אַ סוף צו אַלע קנעפּלעך.

ווערט אַ טומל אין קאָמאָדע:
— נאָ דיר גאָר אַ נײַע צרה!
גיין און פֿאַלן אויף די טרעפּלעך
און פֿאַרלירן אַלע קנעפּלעך!

און עס פּסקנט דאָס געזינדל:
— זאָל שוין גיין אין מאַנטל הינדל.

גייט אים הינדל יאָרן דרײַ,
איז דער מאַנטל שפּאָגל נײַ.

גייט זי אין אים נאָך אַ יאָר,
פֿעלט דעם מאַנטל נישט קיין האָר.

אײן מאָל ווערט אַ גרויסער טומל,
אַלע שטייען אין אַ רומל,
הינדל כליפּעט אויפֿן בעט —
ט'אָנגעוווירן אַ מענקעט.

שרײַען אַלע, אַלע, אַלע:
— דאָס איז דאָס אַ מויד אַ כלה!
ליגט און כליפּעט אויפֿן בעט!
ווי פֿאַרלירט מען אַ מאַנקעט?

האָט שוין אָנגעטאָן דעם מאַנטל
איצט דער ייִנגסטער בחור פאַנטל.

— פאַנטל, פאַנטל, אײַ איז דאָס אַ בחורעץ!
חבֿרט זין מיט הינט און קעץ,
יאָגט זיך נאָך נאָך יעדן וואָגן,
שלאָגט זיך, ווערט אַליין געשלאָגן,
מיאַוקעט, פֿײַפֿט, און שרײַט, און בילט.
און די מאַמע לאַכט און שילט.

האָט שוין אָנגעטאָן דעם מאַנטל
איצט אָט דער אָ תּכשיט פאַנטל.

האָט ער באַלד דעם ערשטן טאָג
אָפּגעפּליקט אַ גאַנצן ראָג,
און אויף מאָרגן אין דער פֿרי —
אויסגעהאַקט אַ לאָך אין קני.
און דעם זעלבן טאָג פֿאַר נאַכט
אָן אַ קאָלנער אים געבראַכט,
מיט צוויי לעכער גרויס ווי אויגן
אין די בײדע עלנבויגן.

ווערט אַ טומל, אַ געשריי:
— אַך און אָך, און ווינד און וויי!
אַזאַ מאַנטל, אַזאַ מאַנטל
פֿאַלט־אַרײַן צום תּכשיט פֿאַנטל.

אײן מאָל פֿאַנטל איז ניט פֿויל,
קומט צו לויפֿן נאַקעט, הויל.
שרײַען אַלע, פֿאַר אַ מאָל,
אַלע, אַלע אין איין קול:

— תּכשיט, שייגעץ, פֿלעדערמויז,
וווּ דער מאַנטל? זאָג נאָר אויס!

ענטפֿערט זיי דער ווילער יונג
מיט אַזאַ־אַ שאַרפֿער צונג!

— כ׳האָב פֿון אים דעם רעכטן לאַץ
אָפּגעשענקט דער שוואַרצער קאַץ,
און דערנאָך דעם לינקן לאַץ
אָפּגעשענקט דער ווײַסער קאַץ,
און די רעשטן — לאַך אויף לאַך,
ט׳אָנקומען די צווייטע וואָך.

ווערט אַ טומל, אַ געשריי:
— אַך און אָך, און ווינד און וויי!
אַזאַ מאַנטל, אַזאַ מאַנטל
פֿאַלט־אַרײַן צום תּכשיט פֿאַנטל!

מאַני לייב

## אַ יידיש יינגל

אַט קומסטו מיר אַנטקעגן
אַ ייִנגל אַ פֿאַרשייַטער;
קומסט פֿון אַ גוייִש געסל,
אַ באָרוועסער, צעכראַסטעט,

מיט אַ פֿאַרבלוטיקט נעזל;
די שוואַרצע האָר צעפּאַטלט,
דער דאַשיק פֿון דעם היטל
איז אויף אַ זייַט פֿאַרקראָכן;

און שאַרף אַפֿיר דעם דאַשיק,
די אויגן — גרינער פֿייַער,
ווי בליאַסקענדיקע מעסערס —
אַ שייגעצל אַ קליינער,

אַ שייגעצל מיט שקאָצים,
וואָס פּאַשען די חזירים.
נאָר דו ביסט נישט קיין שייגעץ׳
דו ביסט אַ חדר־ייִנגל.

די גרין פֿון דייַנע אויגן
פֿאַרציט אַ גרויער אומעט —
אַ וואָלקנדל פֿון טרויער
פֿון זיידעס — עלטער־זיידעס

אין גוייִשער אוקראַיִנע!
און ס׳האָבן פראָסטע יידן
אין טאָג פֿון דייַן געבוירן
געפֿרייט זיך מיט דייַן קומען;

און באָבעס אין די הויבן,
זיי האָבן דיך געוויקלט
אין לייַוונטן אין קלאָרע,
אין וויקעלעך אין ווייַסע;
און ס׳האָבן שיר־המעלותן
געהיט דייַן מאַמעס קימפּעט
און האָבן דיך באַשירעמט
פֿון שדים פֿון נישט־גוטע;
און ס׳איז געווען דייַן קוואַטער
אַ פֿעטערל אַ בלאַטער [1],
אַ מומעלע אַ לאָמע [2] —
אַ כשרע נשמה;
און סנדק איז — בכבֿודו
געווען דייַן פֿרומער זיידע...
ביסט אַ ייִדיש ייִנגל
און פּאַשעסט נישט מיט שקצים

די טשערעדעס בהמות
אויף וויכע, גרינע לאָנקעס,
העט, הינטער די זאַסטאַוועס [3].
נאָר אַז דיר ווילט זיך גרייַלעך [4]

---

[1] פּוכיר, אָנגעבלאָזן. — [2] קרום. — [3] אָזיערעס. — [4] זייער.

אַ קליינער פּאַסטעך ווערן —
ביסטו אַ קליינער פּאַסטעך.
דו האָסט אין געלן חומש
מיט דודן דעם פּאַסטעך,

דעם רויטן, שיינעם ייִנגל,
אין די טאָלן פֿון בית־לחם,
די קליינע שאָף געפּיטערט.
האָסט ווידער פּאַסטעך דוד

אַ ציגנפֿעל געטראָגן
אויף דײַנע יונגע לענדן;
און האָסט מיט אים אין איינעם
די האַרף געלערנט שפּילן,

צו זינגען אויף די סטרונעס
פֿאַר שאָף און פֿאַר מזלות,
אַז דיר זאָל אויך באַשערן
צו שפּילן פֿאַר אַ קעניג,

זײַן אומעט — מרה־שחורה
צו שפּילן און פֿאַרטרײַבן.
און מיט דעם פּאַסטעך דוד
האָסטו מיט אים אין איינעם

פֿון באַך די גלאַטע שטיינער
צו זיך אין פּאַסטעך־זעקל
געקליבן — און געלערנט
פֿון שלײַדערער צו וואַרפֿן —

אַז דיר זאָל אויך באַשערן
אויך מיט אַ שטיין צו שלאָגן
אַ גלית פֿון די גויִים,
אַ שׂונא פֿון ישׂראל...

# 5

**מיט דעם פֿאָלקסליד האָט מען פֿאַרוויגט
דורות ייִדישע קינדער**

אונטער דעם קינדס וויגעלע
שטייט אַ גילדן ציגעלע.
דאָס ציגעלע איז געפֿאָרן האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען —
דאָס איז די בעסטע סחורה.
דאָס קינד וועט לערנען תּורה;
פּלעצלעך מיט פּוטער וועט׳ן אים שמירן,
אין חדר אַרײַן וועט מען אים פֿירן.
ספֿרים וועט ער שרײַבן,
אַ גוטער ייִד און אַ פֿרומער ייִד
וועט ער, אם־ירצה־השם, בלײַבן.
שלאָף, מײַן קינד,
פֿריש און געזונט!
אַ שלאָף אויף דיר אַ גוטער,
ווי פֿאַר טאָג אויף דעם היטער!

# אין חדר און אין שול

מאַרק וואַרשאַווסקי

## דער אַלף־בית

אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַערל
און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אַלף־בית.

זעט זשע, קינדערלעך, געדענקט זשע, טײַערע,
וואָס איר לערנט דאָ;
זאָגט זשע נאָך אַ מאָל און טאַקע נאָך אַ מאָל:
קמץ אַלף—אָ!

לערנט, קינדער, מיט גרויס חשק,
אַזוי זאָג איך אײַך אָן,
ווער ס׳וועט גיכער פֿון אײַך קענען עבֿרי,
דער באַקומט אַ פֿאָן.

זעט זשע, קינדערלעך — — —

לערנט, קינדער, האָט קיין מורא,
יעדער אָנהייב איז שווער.
גליקלעך דער וואָס האָט געלערנט תּורה —
צי דאַרף אַ ייִד נאָך מער?

זעט זשע, קינדערלעך — — —

אַז איר וועט, קינדער, עלטער ווערן,
וועט איר אַליין פֿאַרשטיין,

וויפֿל אין די אותיות ליגן טרערן
און וויפֿל געוויין...

זעט זשע, קינדערלעך — — —

אַז איר וועט, קינדער, דעם גלות שלעפּן
אויסגעמוטשעט זײַן,
זאָלט איר פֿון די אותיות כּוח שעפּן —
קוקט אין זיי אַרײַן!

זעט זשע, קינדערלעך — — —

אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַערל
און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אַלף־בית.

## מענדעלע מוכר־ספרים

# הערשעלע

אין שטוב איז הערשעלע געווען ווי אַ שטאַרק אָנגעבלאָזן פּו־כירל [1], זיך אײַנגעהאַלטן, קיין פּאַרע זאָל מען פֿון אים נישט הערן; אין דרויסן אָבער האָט דאָס פּוכירל געפּלאַצט און ס'איז אַרויס פּרײַ־אַלצדינג, וואָס אינעווייניק אין אים האָט זיך געשטיקט. דאָרט איז עס געווען אַ פֿײַער, אַ שפּירט, איין קונדס אין דער וועלט. ער האָט זיך איבערגעשלאָגן מיט אַלע ייִנגלעך און אַרויסגעוויזן זײַן גרויס בריהשאַפֿט. אין שטיינער וואַרפֿן, כאַפּן אַ ציג פֿאַר די הערנער און, זעצנדיק זיך אויף איר רײַטנדיק, אָננעמען פּלוצלינג דעם קאַב־צאַנסקער צאָפּ פֿאַר דער באָרד און אַרויסרײַסן אים אַ פֿולן הויפֿן האָר, נאָכלויפֿן אַ משוגענעם אויף דער גאַס, אונטערכאַפּן זיך הינ־

[1] געשווילעכץ.

טער אַ וואָגן — דערצו איז ער געווען אַ בריה טאַקע. ווײַסע חבֿרה האָט דעריבער פֿון אים שטאַרק געהאַלטן. אין די מלחמות צווישן די שטיפֿערס איז ער געווען דער גענעראַל, מיט עפּעס אַ פּאַפּירן מיצל אויפֿן קאָפּ, אַרומגעשטעקט מיט פֿעדערן. דאָס גאַנצע גרויסקייט זײַנס איז באַשטאַנען אין פֿיטשקען; ער האָט געהייסן איטלעכן שמײַסן גלאַט אַזוי זיך פֿון זײַן כּבֿוד וועגן. און אַז דער גענעראַל, הערשעלע לייזער־יאַנקלס, האָט באַפֿוילן, האָט איטלעכער, פֿון דעם קלענסטן ביז דעם עלטסטן, באַלד געמוזט פֿאָלגן. בשעת פֿרידן, נישט קיין מלחמה־צײַט, פֿלעגט אונדזער הערשעלע מיט דעם גאַנצן פּעקל ייִנגלעך זיך אָפּגעבן מיט אַנדערע געשעפֿטן, און געשעפֿטן זײַנען געווען פֿיל אין איטלעכער צײַט.

זומער בײַ טאָג פֿלעגט ער פֿירן ווײַסע חבֿרה באָדן זיך אין קאַבצאַנסקער טײַך — אַ גרויסער רינשטאָק מיט אַ פֿאַרשימלטער בלאָטע בײַם ברעג, ווו שטאָט־חזירים זײַנען געלעגן אײַנגעזונקען איבער די אויערן, אַרויסשטעקנדיק נאָר דאָס פּיסקל. דער גאַנג אַהין איז געווען לעבעדיק, רעשיק, נישט אויסלאָזנדיק אין זאַך בײַם וועג, מען זאָל עס נישט באַרירן. יונגע גענדזעלעך צעלויפֿן זיך, אונטערפֿלי‍ִענדיק אַ ביסל מיט די קליינע, נאָך נישט גוט באַפֿעדערטע פֿליגעלעך; דער גאָנער סאָפּעט, סמאָרעט מיט די נאָזלעכער, אויסקרימענדיק דעם האַלדז; דאָס קעלבל דאָרט שטעלט־אויס אַ פּאָר אויגן, רוקט זיך אָפּ עטלעכע טריט, וואַרפֿנדיק מיטן קאָפּ און אָנבייגנדיק דעם שטערן צו דער ערד, פֿאַררײַסט דערנאָך דעם וויידל, און אַוועק, אַוועק... חבֿרה שפּילעט זיך אָפּ, קנעפּלט זיך אָפּ נאָך גייענדיק, אין אײַלעניש אַזוי אַז צוקומענדיק צום ברעג טײַך, פֿאַלט פֿון איטלעכן דאָס אָנטאָן פּלוצעם אַראָפּ און — פּוץ אין וואַסער אַרײַן, בול־בול־בול!

דער מלמד פֿון דער תּלמוד־תּורה, ווו הערשעלע האָט געלערנט, איז אַליין געווען שטענדיק פֿאַרנומען מיט זייער פֿיל געשעפֿטן; ער איז געווען אַ שטיקל שדכן, פֿול געווען אויף אַלע חתונות און לוויות. נאָר דעם לויב מעג מען אים נאָכזאָגן, אַז די שעה צײַט, וועלכע

ער האָט זיך גענומען צום לערנען, האָט ער געאַרבעט געשמאַק מיט אַלע כּלים. די דאָזיקע קורצע צײַט איז אים גאַנץ גענוג געווען איבערצושמײַסן אַלע קינדער, און ס'איז אים נאָך איבערגעבליבן עטלעכע ליידיקע מינוט צײַט אויך אויף צוצושפּאַרן זיך מיטן קאָפּ צום טיש, אַ ביסל זיך אויסצורוען אָדער קראַצן די באָרד, קרעכצן, גענעצן. אויף הערשעלען פֿלעגט ער זאָגן:

— הערשעלע איז אַ גרויסער קונדס, אָבער אַ ווויל יינגל מיט אַ גוט קעפּל.

## שלום עליכם

### לידער פונעם חדר

שלעכטע קומען און פֿאַרבײַטן
שטענדיק ליבע, גוטע צײַטן!
נאָכן זומער שטייט שוין הינטן
באַלד דער אָסיען מיט די ווינטן.

און אין שטוב איז פֿינצטער, נאַס,
קאַלט און בלאָטיק אויף דער גאַס,
און די נעכט — זיי ווערן גרעסער,
אויף דעם האַרצן אויך ניט בעסער.

און ער שטייט שוין דאָ ניט ווײַט,
דער באַהעלפֿער, בײַ דער זײַט,
מיט אַ שטעקן, אַ לאַמטערן.
—אײַנגעזונקען זאָל ער ווערן!

און דער רבי שמײַסט כּסדר
גרויס און קליין, דעם גאַנצן חדר,

לערנט ערנסט, ברעכט די ביינער,
לערנען אָבער וויל נישט קיינער.

ס׳ציט אַהינצו אויפֿן אײַז.
ס׳אײַז איז גלאַט, דער שניי איז ווײַס!
ווילסט זיך גליטשן — אַ קאַטאָוועס?
און ער דולט[1] אונדז מיט „פּיר אָבֿות״...

מיט „פּיר אָבֿות״, מיט „נזיקין״
טאַנצט דער קאַנטשיק אויפֿן רוקן,
פֿון פֿאַר טאָג ביז שפּעט בײַ נאַכט,
ביז מע ווערט שוין גוט פֿאַרשמאַכט.

ווילט זיך עסן, נאָך מער שלאָפֿן,
און מיר גייען דאָ מיט וואָפֿן:
שטיינער, שטעקנס אַלערליי,
ווי סאָלדאַטן מיט געשריי...

און מען הייסט אונדז זינגען פֿריילעך,
שרײַען הויך: „אדוני מלך!״...
ווער עס וויל ניט זינגען הויך,
כאַפּט אַ קניפּ, אַ קולאַק אויך.

אין דער היים — מע פֿאַלט־אַנידער,
מע וויל שלאָפֿן, קומט ער ווידער,
אוי, דער רבי, ער קומט צו חלום,
קומט צו חלום, גיט־אָפּ שלום:

— הער נאַר, שגץ, ס׳איז אַ סבֿרה,
ס׳איז שוין צײַט צו דער גמרא!
זאָג, וואָס וויל ר׳ פּפּא האָבן?
זאָג — ניט וועל איך דיך באַגראָבן!

---

[1] דרייט אַ קאָפּ.

אין דער פֿרי, צוריק אין חדר,
הײַנט ווי נעכטן, אַזוי כּסדר,
און דער קאַנטשיק דרעשט די ביינער,
לערנען אָבער וויל ניט קיינער.

*

פֿון דער זון די גוטע שטראַלן
דורכן טונקל׳ען פֿענצטער פֿאַלן,
קליינע נעכט, די טעג שוין גרעסער,
אויף דעם האַרצן ווערט שוין בעסער.

וואַרט זשע, קינדער, האָפֿט אויף מאָרגן,
איר דאַרפֿט האָפֿן, טאָרט ניט זאָרגן!
די אמונה, דער בטחון —
אונדזער ייִדישער נצחון...

גוטע קומען און פֿאַרבײַטן
תּמיד שלעכטע, וויסטע צײַטן:
נאָכן אָסיען, נאָכן ווינטער
קומט דער פֿרילינג, ליבע קינדער!

י. ל. פּרץ

## קינדער־יאָרן און מלמדים

פֿון „מײַנע זכרונות״

גערענקען געדענק איך מיך נאָך גאָר אַ קינד: 1) צווישן ייִנג־לעך און מיידלעך אויף אַ הויף; 2) אויף אַ פֿאָדלאָגע אין חדר; דער מלמד האָט געהייסן חיים־קעלבל: אַ ייִדל, זע איך איצט פֿאַר מיר, אַ קליינס, אַ קליין בערדל, קליינע אייגעלעך און אַ קליין ספּאָדיקל;

און 3) בײַם בעלפֿער אונטערן אָרעם; אַ זאַווערוכע — און ער טראָגט מיך אין חדר אַרײַן....

צו דרײַ יאָר אָנגעהויבן (גלײַך מיט אַלע חבֿרים) חומש. געלערנט ויקרא. זאָגן פֿלעג איך: ויטרא. נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין ק; קיין נ אויך נישט. יאָרן לאַנג פֿלעגט מען מיך רופֿן: דד דדוד ידודנו („גד גדוד יגודנו" [1])...

שבת נאָך דער סעודה האָט געזאָלט זײַן בײַם זיידן אין שטוב די שׂמחה. בשעת סעודה נעמט מיך דער זיידע (אַ קליין ייִדל, מיט אַ ציטעריק קעפּל, ווי איך בין געוווּיר געוואָרן, פֿאַר עלטער). זעצט מיך אַרויף אויפֿן טיש, אין דער מיט. די מאַמע דערשרעקט זיך און כאַפּט געשווינד אַוועק פֿון אונטער מיר אַ גאָפּל. אַרום טיש זיצט די גאַנצע משפּחה: אַ זון, צוויי טעכטער, צוויי איידעמס און אַן אַלמנה, מײַנע אַן עלטער־מומע (פֿון וועלכער איך האָב געמאַכט די סקולער רביצין, גאָר נישט איבערטרײַבנדיק) אַחוץ זיידן מיט דער באָבען. צו וואָס האָט מען מיך אַרויפֿגעזעצט, ווייס איך נישט. מיר געפֿעלט עס. אַ וואַזע שטייט אויפֿן טיש, פּרווו איך, צי וועל איך זי אַרומנעמען מיט די הענט. נעמט אָבער די וואַזע צו און פֿרעגט מיך, צי איך וועל קענען שפּעטער די דרשה.

— טענען! קענען — ענטפֿער איך און וויל שוין אַראָפּ פֿון טיש; לאַנג אויף איין אָרט זיצן קען איך נישט. פֿאַרהאַלט מיך אַ פֿעטער, שוין דעמאָלט אַ שטיק משׂכּיל, אין אַ שוואַרצן קאַפּעליוש — דער זעלביקער וואָס וועט שפּעטער זײַן דער מבֿין אויף מײַנע ייִנגלשע שירים און וועט זיי זאַמלען און באַהאַלטן, און פֿרעגט:

— און אויסלייגן ויטרא (ער מאַכט מיר נאָך) קענסטו?

ווייס איך נישט, וואָס אויסלייגן איז. פֿרעג איך:

—סטײַטש?

— ווי אַזוי שרײַבט מען ויקרא?

מיין איך, ער מאַכט חוזק.

---

[1] (בראשית מט, י"ט) גדן וועט אַ מחנה באַפֿאַלן.

— ויטרא — ענטפֿער איך פֿאַרדראָסיק — שרײַבט מען נישט. ויטרא איז אַ פּסוק און אַ פּרשה אין דער הייליקער תּורה.

מען האָט מיר קוים אויסגעטײַטשט, וואָס מען מיינט, און איך דערזע פּלוצלינג פֿאַר די אויגן שוועבן אין דער לופֿט די פּרשה, אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, און רוף־אָן אין אות נאָכן צווייטן, אויסערן שם הוויה.

דער מאַמען ווערן די אויגן פֿײַכט (נישט צו גלייבן, ווי איך האָב אַלץ געזען), עפּעס האָבן בײַ איר אָנגעהויבן פֿינטלען די אויגן, און זי הייבט זיך אויף און גייט אין אַ ווינקל אַרײַן צום אויוון. די באָבע קוקט איר נאָך און שמייכלט:

— שעמט זיך נאָך אַלץ!

מיך נעמט דער זיידע פֿון טיש אַראָפּ צו זיך אויף דער שויס און גיט מיר אַ קניפּ אין בעקל. איך זוך אָבער נישט לאַנג — ביי־ניקע פּיס געהאַט, איז מיר נישט באַקוועם — און גיי־איבער צום טאַטן, וואָס קושט מיך.

י. י. סיגאַל

## אויפֿן פּריפּעטשיק

וויפֿל לידער אויסנווייניק
קענט איר, ליבע קינדער, טײַערע?
און די קינדער אַלע ענטפֿערן:
— אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַערל!

און ס׳צעזינגען זיך די קליינע,
אַז ס׳איז אַ מחיה הערן,
און עס זינגט מיט זיי אין איינעם
שטיל, בנעימות אויך דער לערער.

ווײַל ער האָט אַליין דערמאָנט זיך:
אין די קינדער־יאָרן זײַנע
פֿלעגט ער זינגען אָט דאָס לידל,
און די אויגן זײַנע שײַנען.

און אים טוט אַזוי הנאה,
וואָס ער האָט דערלעבט אַצינדער
מיטזינגען דאָס חדר־לידל
מיט אַזאַ משפּחה קינדער.

וואָס דאָס וואַרעמע ליד, דאָס זיסע,
מיטן פֿײַערל, מיטן ליבן,
האָט וואַרשאַווסקי, אונדזער דיכטער,
פֿאַר אונדז אַלע אָנגעשריבן.

קאָן דען אַזאַ ליד, אַן ערלעכס,
עלטער ווערן, חס־וחלילה,
אַז עס קאָן אויף אַלע ווערטער
אַזוי זינגען, אַזוי שפּילן?

און אין צײַטן קאַלטע, גרויע,
טוט עס אונדז דערוואַרעמען ווידער,
אַזאַ ליד מעג שוין אַרײַנגיין
כאָטש אין פּאָליש פֿונעם סידור.

וויפֿל טויזנטער, טויזנטער קינדער,
אפֿשר גאָר מיליאָנען גאַנצע,
האָבן שוין דאָס ליד געזונגען.
אויגן גליִען, אויגן גלאַנצן.

פֿײַערלעך, פֿײַערלעך, ייִדישע פֿײַערלעך,
פֿון דער ווײַטנס, פֿון דער נאָענט,
פֿענצטער צינדן זיך אין שטיבלעך
אינעם טונקלבלוי פֿון אָוונט.

ניסן ברוסילאָוו

## פון ראָמאַן „ביי די טייכן פון פּאָלעסיע״

— בערטשיק קען אַ סך שיינע מעשׂיות! האָט זיך דער קליינער ניאָמע באַרימט — די שענסטע מעשׂיות אין דער וועלט. אַנו, באַהעלפֿער, דערצייל אַקאָרשט, ווי אַזוי שלמהלע איז אַרײַנגעקומען אין די הרי־חושך. כ׳בעט דיך, דערצייל!

דאָס ייִנגעלע האָט זיך נישט געקענט זאַט אָנהערן מיט דעם באַהעלפֿערס פֿאַנטאַסטישע געשיכטעס. אָבער די גרויסע חדר־עפּיק „צו די טויערן פֿון דער ערד״ האָט בערטשיק געהאַט פֿאַרענדיקט נאָך פֿאַר שבֿועות און ער האָט נישט געהאַט קיין חשק איצט דאָס איבערצוחזרן.

„נו, אַדרבה, דערצייל אויף טשיקאַוועס״, האָט יונה אַ זאָג געטאָן, „כ׳וואָלט אויך געוועזן אַ בעלן דאָס הערן״.

„דערצייל באַהעלפֿער, דערצייל״! האָבן די קינדער אָנגעהויבן בעטן. „די מיידלעך גייען דאָך נישט אין חדר, זיי האָבן דאָך דײַנע מעשׂיות קיין מאָל נישט געהערט״.

בערטשיקס פֿאַרכישופֿט קול האָט אָנגעהויבן דערציילן אײנעם פֿון די לעצטע עפּיזאָדן פֿון שלמהלע־יתומס וווּנדערלעכע נסיעות ביז עק־וועלט צו די קאַמערן פֿון דער זון, אַראָפּצוברענגען פֿון דאָרטן אַ זונשטראַל און אויך אַבֿרהם־אָבֿינוס צויבערשטיין, וואָס גאָט האָט אַרויפֿגעהאָנגען אויף דער זון נאָך אַבֿרהמס טויט. דער דאָזיקער שטיין, וואָס האָט געקענט היילן אַלע קראַנקייטן, האָט געדאַרפֿט זעענדיק מאַכן די בלינדע גאָלדעלע, די בת־מלכּה פֿון „מזל־טובֿ־לאַנד״.

דער עפּיזאָד איז פֿאָרגעקומען אויפֿן זיבעטן יאָר פֿון שלמהלעס וואַנדערונגען. שלמהלע־יתום האָט געשטאַמט פֿון שבֿט בנימין און האָט געלעבט אין די בערג פֿון אפֿרים. ער איז געוועזן אַ ייִנגל — אַ פּאַרשוין, אַ גוואַלדיקער גיבור, אַ גרויסער חכם און האָט פֿאַר־

שטאַנען די לשונות פֿון חיות און עופֿות, אַפֿילו פֿון ביימער. אין זײַן לאַנגער וואָגלעניש האָט זיך שלמהלע אָנגעזען די גרעסטע חידושים אין דער וועלט און דורכגעלעבט די מערקווערדיקסטע אַוואַנטורעס. ער האָט דורכגעוואַנדערט די ווונדערלעכסטע לענדער, ווו עס ווױנען די משונהדיקסטע פֿעלקער פֿון כּל־המינים הויט־קאָלירן. ער האָט געזען מענטשן הויכע אַזוי ווי בערג און מענטשן פּיטשינקע אַזוי ווי מוראַשקעס; מענטשן וואָס ריידן שטום־לשון מיט די הענט; מענטשן וואָס גייען מיטן קאָפּ אַראָפּ; מענטשן וואָס ווױנען אין שווימענדיקע שטעט; מענטשן וואָס פֿליִען־אַרום אין וועגעלעך געשפּאַנט מיט אָדלערס. ער האָט באַזוכט דאָס טשיקאַווע „משקה־לאַנד” פֿון די קליינע ייִדעלעך, וואָס זייערע טײַכן זײַנען פֿול מיט ווײַן און זייערע ברונימער — מיט שנאַפּס. זייער הויפּטשטאָט רופֿט מען „לחיים” און זייער קייסער הייסט „פּינטעלע־הוליאַקע”.

שלמהלע האָט דורכגעוואַנדערט דעם גרויסן מדבר, ווו עס געפֿינען זיך די בערג וואָס שפּײַען מיט פֿלאַמען און ווו עס ווױנען די פּיפּערנאָטערס, וועלכע שפּײַזן זיך פֿון דעם דאָזיקן פֿײַער. ער איז דורכגעגאַנגען דעם געדיכטן „אָדם־הראשון־וואַלד” ווו עס ווױנען די אויסטערלישסטע באַשעפֿענישן. דאָרטן אין וואַלד, וואָס איז אַ סך גרעסער פֿון דעם טשערנאָבלזשער וואַלד, איז ער געווען אַ גאַסט בײַ די רויטע מאַלפּעס; זיי ריידן מיט מענטשלעכע שטימעס און האַלטן יעדן ראש־חודש אַ גרויסן וואַלד־יריד. ער איז אַריבערגעפֿאָרן דעם ים־אוקינוס און האָט באַזוכט די ליכטיקע אינדזלען, וואָס זייער גרונט איז פֿון דימענטן און פּערל. דאָרטן לעבן די גילדענע פּאַוועס און אויך מענטשן וואָס ריידן אַ פֿויגל־שפּראַך און גייען אָנגעטאָן אין פֿעדערן; זיי בויען זייערע הײַזלעך אויף ביימער פּונקט ווי די נעסטן פֿון פֿייגלען. ער האָט שבת געהאַלטן בײַ די „ים־בעל־הביתלעך” וואָס לעבן אין וואַסער, זײַנען באַדעקט מיט לושפּייקעס און האָבן פֿליספֿעדערן. זיי האַלטן אָבער שטרענג אָפּ די דינים פֿון תּורת משה, זייערע ים־ווײַבלעך טראָגן שייטלען און בענטשן ליכט פֿרײַטיק־צו־נאַכט.

שלמהלע האָט שוין געהאַט אַריבערגעשווומען דעם קאָכעדיקן טײַך סמבטיון און האָט דערגרייכט ביז די הרי־חושך, וואָס ליגן בײַם סאַמע עק־וועלט. אַריבער זיי געפֿינען זיך שוין די קאַמערן פֿון דער זון. שלמהלע האָט געהאַט מיט זיך אַ צויבער־קעסטעלע, וווּ ער האָט געהאַלטן אַ וווּנדערלעכע שפּין. די דאָזיקע שפּין פֿלעגט אויסשפּינען בריקלעך איבער די טײַכן און זומפּן און פֿלעגט אויספֿלעכטן שטריק צו קלעטערן איבער בערג און פֿעלדזן. אויך האָט ער אין קעסטעלע געהאַט אַ גלי־ווערעמל, וואָס האָט געקענט באַלײַכטן דעם וועג אין דער געדיכטסטער פֿינצטערניש, בעסער פֿון אַ לאַמטערנע. אין צויבער־קעסטעלע איז אויך געווען אַזאַ שוואָם, וואָס פֿלעגט זיך בײַ נאַכט אָנזייגן מיטן טוי פֿון הימל אַפֿילו אין דעם טרוקנסטן מדבר; אויף אַזאַ אופֿן איז דער ייִנגל תּמיד געווען פֿאַרזאָרגט מיט וואַסער.

בײַם גרענעץ פֿון די הרי־חושך זײַנען געשטאַנען צוויי בערג, וואָס האָבן אויסגעזען אַזוי ווי אַ פּאָר הירשן. אויף מזרח־זײַט איז געווען דער „צבֿי־הזהבֿ", דער גאָלדענער הירש, און אויף מערבֿ־זײַט — דער „צבֿי הכּסף", דער זילבערנער הירש. יעדער באַרג האָט געהאַט צוועלף שפּיצן, אַזוי ווי צוועלף הערנער־שופֿרות. יעדער שופֿר פֿלעגט בלאָזן און אָנזאָגן אַן אַנדערע שעה פֿון טאָג: דער גאָלדענער הירש פֿלעגט בלאָזן בײַ טאָג און דער זילבערנער הירש — בײַ נאַכט. צווישן ביידע בערג איז געלעגן דער פּאַלאַץ פֿונעם מלך פֿון די הרי־חושך. אָבער אַהינצו אין לאַנד פֿלעגט מען קיין פֿרעמדע נישט אַרײַנלאָזן, אַפֿילו נישט קיין ווײַסע ייִדן — נאָר די רויטע ייִדעלעך.

דער פּאַלאַץ ווערט באַוואַכט טאָג און נאַכט פֿון דרײַ וווּנדערלעכע שומרים. דער ערשטער שומר איז געווען אַ שוואַרצער פּיקהאָלץ, וואָס איז געזעסן אויף אַ שוואַרצן דעמב. דער פֿויגל איז געווען דרײַ איילן די לענג און האָט געהאַט דרײַ שנאָבלען: איינעם אַ ביינערנעם, דעם צווייטן אַן אײַזערנעם און דעם דריטן אַ קופּערנעם.

רופֿט זיך אָן דער שוואַרצער פּיקהאָלץ מיט אַ מענטשלעכן קול: „ייִנגעלע, אויב דו ווילסט אַרײַנגיין אין די הרי־חושך, דאַרפֿסטו טרעפֿן דרײַ רעטענישן״.

פֿרעגט דער ביינערנער שנאָבל:
„וואָס פֿאַר אַן אויג ווערט אויף וואַסער געוויזן?
וואָס פֿאַר אַן אויג ווערט געשטאָכן מיט שפּיזן?
„אויב דו טרעפֿסט ניט, וועל איך דיר אויספּיקן די אויגן!״

פֿרעגט דער אײַזערנער שנאָבל:
„וואָס פֿאַר אַן אויער האָט אַ ליידיקן קאָפּ?
וואָס פֿאַר אַן אויער האָט אַ דינינקן צאָפּ?
„אויב דו טרעפֿסט ניט, וועל איך דיר אויספּיקן די לעבער!״

פֿרעגט דער קופּערנער שנאָבל:
„וואָס פֿאַר אַ צונג רוט ניט די נעכט?
וואָס פֿאַר אַ צונג איז אייביק גערעכט?
„אויב דו טרעפֿסט ניט, וועל איך דיר אויספּיקן דאָס האַרץ!״

אָבער שלמהלע האָט כּהרף־עין אַלע רעטענישן געטראָפֿן. „אַ פֿעט אייגל ווײַזט זיך אויף וואַסער און אַ שטריקערײַ־אייגל ווערט געשטאָכן מיט שפּיזלען; אַן אויערל פֿון אַ כּלי האָט אַ ליידיקן קאָפּ און אַן אויערל פֿון אַ נאָדל האָט אַ לאַנגן צאָפּ; אַ צונג פֿון אַ גלאָק רוט ניט די נעכט און אַ צינגל פֿון אַ וואָג איז אייביק גערעכט״. האָט דער שוואַרצער פּיקהאָלץ שלמהלען דורכגעלאָזן.

דער ייִנגל האָט דערגרייכט אַ הויכן טורעם, וואָס צו אים איז געווען צוגעשמידט אויף אַ מעכטיקער אײַזערנער קייט דער אַנדע־רער שומר פֿון די הרי־חושך, די שוידערלעכע צויג מיטן נאָמען „די כּלבֿטע בת־שבֿע״. זי איז געווען זיבן קלאַפֿטער די לענג, שוואַרץ ווי קויל און האָט געהאַט זיבן קעפּ מיט פֿערצן פֿײַערדיקע אויגן און זיבן מײַלער, וואָס פֿון יעדן איז אַרויסגעהאָנגען אַ צונג, אַזוי ווי פֿון אַ קוימען.

„ווײַסער ייִנגל", האָט די פּלבֿטע געבילט אין אַ מוראַדיקן קול, „אויב דו טרעפֿסט מײַן רעטעניש, וועל איך דיך אַרײַנלאָזן. אויב אָבער נישט, וועלן דיך מײַנע זיבן מײַלער צערײַסן אויף שטיקער. וואָס איז דאָס?

„אַז דו האָסט דאָס, קענסטו דאָס ניט כאַפּן,
און אַז דו כאַפּסט דאָס, קענסטו דאָס ניט האָבן!"

פֿאַר אַ ווײַלע איז שלמהלע געשטאַנען אַ צעטומלטער. מיט אַ מאָל האָט זיך די שוואַרצע בת־שבֿע אָנגעהויבן קראַצן מיט אַ הינ־טערשטער לאַפּע.

„פֿליי!" האָט דאָס ייִנגל אויסגעשריגן לעבעדיק. „אַז מען האָט פֿליי, איז שווער זיי צו כאַפּן, און אַז מען כאַפּט זיי האָט מען זיי ניט!"

האָט די שוואַרצע צויג געמאַכט אַ וועג פֿאַר שלמהלען.

איצט איז שלמהלע שוין געשטאַנען פֿאַר די טויערן פֿון פּאַלאַץ, וואָס איז געווען באַוואַכט פֿון דעם מוראַדיקן ריז „אייגל". ער איז געווען צען קלאַפֿטער די הייך און האָט געהאַט איין גרויס גלי̇ענדיק אויג פֿון פֿאָרנט, וואָס האָט געהייסן די „זון" און אַ קלענער גל אויג אויפֿן נאַקן, וואָס האָט זיך גערופֿן די „לבֿנה". בײַ טאָג, אַז די „זון" איז אָפֿן בײַ „אייגלען", איז די „לבֿנה" צוגעמאַכט און בײַ נאַכט איז פּונקט פֿאַרקערט. אויף אַזאַ אופֿן האָט „אייגל" שטענדיק געזען וואָס עס טוט זיך אַרום אים, אַפֿילו בעת ער האָט געכאַפּט אַ דרימל.

אַז מען האָט אייגלען אָנגעזאָגט וועגן דעם ייִדישן ייִנגל וואָס וויל אַרײַנגיין אין פּאַלאַץ צום מלך פֿון די הרי־חושך, האָט דער ריז געענטפֿערט אַזוי צו זאָגן: „אויב דעם ווײַסן ייִנגל וועט זיך אײַנגעבן פֿאַרבײַצוגיין מײַן פּנים און איך וועל נישט קענען כאַפּן קיין אָנבליק פֿון אים; און אויב זײַן געשטאַלט וועט נישט וואַרפֿן קיין שאָטן, ניט אין די שטראַלן פֿון מײַן „זון" און ניט אין דער שײַן פֿון מײַן „לבֿנה", — וועל איך אים אַרײַנלאָזן אין הויפּטשטאָט.

אַנדערש אָבער וועט ער פֿאַרברענט ווערן פֿון מײַן „זון“, אָדער וועט צעשמאָלצן ווערן פֿון מײַן „לבֿנה“.

אײַגל דער ריז האָט געהאַט אַ טבֿע יעדן פֿרימאָרגן, ווען די זון גייט־אויף, צו זיצן בײַ די טויערן פֿון שטאָט און עסן זײַן אָנבײַסן, — פֿינף הונדערט פֿונט האָניק פֿון אַ גוואַלדאָוונעם ליימענעם טאָפּ. איז שלמהלע אַוועק ערגעץ אויף אַ באַשטאַן, האָט אויפֿגעזוכט אַ פֿאַרדאַרט קירבעסל, האָט עס אויסגעהוילט פֿון אינעווייניק און געמאַכט דאָרטן אַ קליין טירל, דערנאָך האָט ער געכאַפּט אַ ראָי ווילדע בינען, האָט זיי אַרײַנגעלאָזט אין פּוסטן קירבעס און האָט דאָס טירל פֿאַרשטאָפּט. אַזוי האָט ער די בינען געהאַלטן אין קירבעס אַ גאַנצע וואָך, ביז דער ראָי האָט זיך שטאַרק אויסגעהונגערט.

זונטיק אין דער פֿרי, ווי נאָר די זון איז אויפֿגעגאַנגען, איז דער ייִנגל אַוועק צו די טויערן פֿון פּאַלאַץ, וווּ אײַגל איז געזעסן שטאַרק פֿאַרטאָן אין דער אַכילה. האָט שלמהלע אויפֿגעמאַכט דאָס טירל פֿון קירבעסל. ווי נאָר די הונגעריקע בינען האָבן דערשמעקט דעם ריח פֿון האָניק, זײַנען זיי אַרויסגעפֿליגן מיט אַ ווילדן אימפּעט און האָבן אָנגעהויבן שווירבלען און גריבלען אַרום דעם ריז מיט אַ מוראדיקער זשוזשעניש. האָט זיך אײַגל נישט ווילנדיק פֿאַרזשמורעט און פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט בײדע הענט. כהרף־עין האָט זיך שלמהלע אַרײַנגעכאַפּט אינעווייניק דורך די טויערן פֿון שטאָט. ס׳איז געווען אַקוראַט זעקס אַ זייגער אין דער פֿרי. די באַרג־הערנער פֿון דעם גאָלדענעם הערש אויפֿן מזרח האָבן אָנגעהויבן בלאָזן שופֿר זעקס מאָל. דער גרויסער זילבערנער גלאָק פֿון פּאַלאַץ האָט גענומען קלינגען, אָנזאָגנדיק אַז אַ גאַסט איז געקומען אין שטעטל.

די קינדער האָבן זיך צוגעהערט צו בערטשיקס פֿאַנטאַסטישער געשיכטע מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם. יונה קרומע־ביינע איז גאָר אַרײַנגעפֿאַלן אין קעלבערנער התפּעלות.

— אײַ־אײַ! — האָט ער אויסגעשריגן און געסמאָטשקעט מיט די ליפּן, — ס׳איז דאָך חידושים ונפֿלאות, ניסים מיט טשיפּיקעס!

הערסטו, בערטשיק, ביסטו אַ טאָקער — אַ מדינה אויסצופּאָרן. אַז איך בין געגאַנגען אין חדר און אַ ייִנגל פּלעגט דערציילן עפּעס אַן אויסטערלישע זאַך, ניט געשטויגן און נישט געפּלויגן, פּלעגן מיר זינגען אַ לידל:

„אַ רומל, אַ טומל, אַ יאַריד אויפֿן הימל!
געפּלויגן די באָבע צייטל מיטן גרויסן שייטל;
אַלף־בית־גימל, — האָט געבראַכט פֿון דעם רומל
אַ טעלערל פֿון הימל באַשאָטן מיט קימל".

אליעזר שינדלער

## יידיש און חסידיש

מיר, ייִנגעלעך, מיר, ייִדישע,
ריינע ווי די בליטן,
גאָטעניו, דײַן תּורהלע
מיר האַלטן זי און היטן.
מיר, ייִנגעלעך, מיר, חסידישע,
לעבעדיק אין גלייבן;
אַדלערס פֿליגקע זײַנען מיר
שטאַרקע ווי די לייבן.
מיר, ייִנגעלעך, מיר, חסידישע,
ליכטיקע ווי שטערן;
צו דינען דיר אין לויטערקייט,
טאַטעניו, מיר שווערן.
מיר, ייִנגעלעך, מיר, חסידישע,
פֿײַערדיק אין בענקען;
מיט משיחן, גאָטעניו,
זאָלסט אונדז באַלד געדענקען!...

לאָדזש, תר"צ

## מענדעלע מוכר־ספרים

# פון „שלמה ר׳ חיימס״

דאָ, אויף דעם עולם, איז שלמהלע אַ למך, ווייסט נישט פֿון אַ לעבן צו זאָגן. דערפֿאַר דאָרט, אויף יענעם עולם, וווּהין ער פֿאַר־פֿליט דורך דעם לערנען, איז ער אַ ווילדער חכם, קען אַלצדינג ווי אַ גרויסער למדן, אַזעלכעס אַפֿילו, וואָס איז פֿאַר אַנדערע הײַנט גאָר אַ סוד. ער לערנט גמרא, פֿאַרנעמט זיך מיט דינים ומשפּטים און נאָך אַנדערע זאַכן דאָרט. ער איז אַ דאָרטיקער מיט אַלע געגנג, מיט דעם שטייגער ריידן, מיט דעם שאָקלען זיך, און גאַנצן מיט די ביינער, מיט לײַב־און־לעבן. פֿאַר אים איז דאָרט אַ וועלט מיט עסקים — ס׳איז דאָרט אַ מחלוקת איבער אַן איי, וואָס די הון האָט יום־טובֿ געלייגט. לוויים נעמען מעשׂר, כּהנים נעמען תּרומה, זײַנען מקריבֿ קרבנות, און ייִדן — שמײַסט מען מלקות... שלמהלע איז שטאַרק פֿאַרנומען. ווו פֿאַר אים צײַט? ווען צײַט? נישטאָ קיין צײַט — דער קאָפּ איז אים דול.

איין מאָל, נאָך אַ גרויס דולעניש, אַז שלמהלע איז ווי אַ גאַסט פֿון יענער וועלט אַראָפּגעפֿאַלן עפּעס איבערצוכאַפּן, האָט ער באַלד בײַם אַרײַנגאַנג אין שטוב דערהערט אַ יאָמער, אַ קלאָג, ווי מען באַוויינט אַ טויטן. די מאַמע ברעכט די הענט, טענהט עפּעס און זוויינט אויף אַ ניגון. דוד און אײדעלע, צוויי ברעקלעך קינדער, שטייען פֿון דער ווײַטנס אין אַ ווינקעלע און רעווען, קוקנדיק אויף דער מאַמען מיט אָפֿענע מײַלעכלעך. לאה, די עלטערע שוועסטער, זיצט אויף דער מילכיקער באַנק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז שטאַרק פֿאַראומערט. שלמהלען גיט אַ טיאָכקע דאָס האַרץ, אין די אויגן שטעלן זיך אים טרערן, און ער הייבט־אָן באַלד טאַקע אויך צו וויינען.

— אוי, אַ גזר־דין, אַ גרויס אומגליק, אוי, ווײ, האָט אונדז געטראָפֿן! — טענהט די מאַמע, פֿאַרגייענדיק זיך אין טרערן.

— מאַ־מע, מאַ־מע־ע! — רעווען די קליינע קינדער און קראַצן די קעפּלעך מיט ביידע הענטלעך.

— אי־איק־חיק! — שליוכצט שלמהלע, דער דאָרטיקער חכם, און שנײַצט די נאָז.

— וויין, שלמהלע, וויין! — זאָגט די מאַמע מיט תחינה־לשון, אַז זי האָט אים באַמערקט, און לייגט ביידע הענט אים אויפֿן קאָפּ אַרויף — טו, אַלמעכטיקער פֿאָטער, די טרערן פֿון דײַנע אומשולדיקע קינדער טאָן אין דײַן לאָגל, אוי, אומגליקלעך קינד, ווײַסט איז אונדז, פֿינצטער איז אונדז — פֿינצטערע שקאָלעס... ייִדישע קינדער נעמען אין די שקאָלעס!

— גוואַלד! — שרײַט שלמהלע, פֿאַרגייענדיק זיך אונטער דער מאַמעס הענט.

שלמהלע, דער „דאָרטיקער", האָט געהערט, אַז אויף דער וועלט, „דאָ", געפֿינט זיך בײַ זיי עפּעס „שקאָלעס". וואָס טוט מען דאָרט אַזוינס? — דאָס האָט ער נישט געוווּסט. געהערט נאָר, אַז מען שמײַסט — אַ שרעק. אַצינד, דערוויסנדיק זיך, וואָס דער מאַמעס געוויין באַטײַט — אַז ס'איז דאָ אַ באַפֿעל, מען זאָל ייִדישע קינדער נעמען אין די שקאָלעס, איז אים אַנטפֿאַלן דאָס געזונט. עס האָט אים זיך געדאַכט, אָט שטייען זעלנערס, מען נעמט אים, מען פֿירט אים, מען שמײַסט... און דעריבער האָט ער, נעבעך, געשריִען — גוואַלד!

די מאַמע זשע ווידער האָט געוויינט נישט אַזוי דערפֿאַר, וואָס מען שמײַסט. שמײַסן שמײַסט מען דאָך אין חדרים, להבֿדיל, אויך. נאָר גלאַט אַזוי, ווײַל שקאָלעס איז אַ מיאוסע זאַך. דער נאָמען „שקאָלעס" אַליין איז שוין פֿע, אַ שרעק, ס'איז דאָ אַן עק פֿון דער וועלט, אויס ייִדישקייט. וואָס קען, חלילה, פֿון ייִדישע קינדער ווערן?!

ייִדן אין שטעטל זײַנען אַרומגעגאַנגען אָן קעפּ. מען האָט געזיפֿצט, געקרעכצט און גערעדט פֿון די „שקאָלעס". דערבײַ געמורמלט אויף עפּעס אַ דײַטשל, אַ ליליענטאַל, וואָס אויף אים און

נאָך אַזעלכע ווי ער, „בערלינער“, קומט דאָס גאַנצע שפּיל אַרויס. מען האָט געמאַכט אַסיפות און געטראַכט, וואָס טוט מען עפּעס דערצו. ס׳איז געבליבן, מען זאָל גוזר־תּענית זײַן, זאָגן תּהילים, רײַסן קבֿרים און אײַנלייגן די וועלט. מלמדים, נעבעך, זײַנען געווען געפּלעפּט, שטאַרק דערשלאָגן, האָבן געציטערט פֿאַר זייערע קנעלונגען. די „שקאָלעס“ וועלן זיי דאָך דערגיין דאָס לעבן, מאַכן דעם טויט. אַז גאָט אַליין וועט זיך דאָ נישט אַרײַנמישן, נישט טאָן עפּעס אַ נס, וועלן זיי דאָך בלײַבן אויסגעשטעלט. עס פֿאַרשטייט זיך, דעריבער, ווי שטאַרק, נעבעך, זיי האָבן געפֿילדערט, אונטערגעהייצט דעם עולם. אַלע טאָג, פֿרי און פֿאַר נאַכט, זײַנען די שולן פֿול געווען פֿון ייִדן. מלמדים האָבן געפֿירט אַהין קינדער פֿון די חדרים. מען האָט געזאָגט געוויסע קאַפּיטלען תּהילים, געוויינט, געפֿאַסט. דער ערשטער תּענית, שלמהלעס, איז געווען יענער, וואָס וועגן די שקאָלעס. ווײַבער זײַנען געגאַנגען אויף קבֿר־אָבֿות, געמאָסטן פֿעלד און פֿאַרגאָסן טײַכן טרערן. ס׳איז געווען אַ פֿאַרוויינטער זומער! אַפֿילו דאָס ביסל גויִים אין דעם שטעטל זײַנען אויך געווען עפּעס ווי צעדרייט. די גויִים און ייִדן פֿונעם שטעטל האָבן געלעבט צווישן זיך זייער גוט — איינער פֿונעם אַנדערן געצויגן דאָס שטיקל פּרנסה, איינער בײַם אַנדערן האָט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך, און איינער דעם אַנדערן זיך געלאָזט דערקענען סײַ אין לייד, סײַ אין פֿרייד. איז אַ חתונה געווען, אַ שטייגער, בײַ אַ ייִדן, האָבן באַקאַנטע גויִים געשיקט אים דרשה־געשאַנק: דער אַ הון, יענער עטלעכע צענדליק אייער, איינער אַ ברויט, דער אַנדערער אַ קוילעטש, איטלעכער נאָך זײַן שטאַנד, און דאָס אייגענע טאַקע אויך פֿאַרקערט. דעריבער האָט דאָס געוויין, דאָס געפֿילדער, דעמסטמאָל בײַ ייִדן, אָנגעמאַכט אַ מרה־שחורה אויף די גויִים און זיי האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס זאָל עס אַזוינס באַטײַטן.

מרדכי געבירטיג

## אברהמעלע און יאָסעלע

— אַבֿרהמעלע, גיב אַ קוק,
די זון, ווי שיין זי שײַנט!
ווי אַלץ אין פֿעלד שוין וואַקסט און בליט,
כ׳האָב עפּעס זייער קיין חשק ניט
צו גיין אין חדר הײַנט —
די זון, ווי שיין זי שײַנט.

— אוי, יאָסעלע, ווי כ׳בין אַ ייִד!
איך טראַכט דאָס אויך אַצינד,
ווי פֿריילעך איז דאָ איצט, ווי שיין,
עס ווילט זיך נישט אין חדר גיין,
נאָר ווייסט, דאָס איז אַ זינד,
איך טראַכט דאָס אויך אַצינד.

— אַבֿרהמעלע, דו זעסט אין פֿעלד
אַ בין פֿליט שוין אַרום?
און דאָרט שטייט אויף אַ צווײַגעלע
אַ גאָלדן זומער־פֿייגעלע,
אַבֿרהמל, גיכער קום!
אַ בין פֿליט שוין אַרום.

— כ׳זע, יאָסעלע, ווי כ׳בין אַ ייִד,
נאָר וואַרט נאָך איין מינוט,
דאָס פֿייגעלע איז טאַקע שיין,
נאָר וואָס וועט אָבער מאָרגן זײַן,
דעם רבין קענסטו גוט...
אוי, וואַרט נאָך איין מינוט.

— אַבֿרהמעלע, אוי, נאַרעלע,
פֿאַר מאַרגן זאָרג זיך ניט,
תּירוצים איז פֿאַראַן גענוג,
מען דאַרף נאָר זײַן אַ ביסל קלוג —
זע, ס׳פֿייגעלע איצט פֿליט!
פֿאַר מאָרגן זאָרג זיך ניט.

— אוי, יאָסעלע, איך וואָרן דיך,
נישט גיי, ווי כ׳בין אַ ייִד.
דאָס האָט דער שׂטן דאָרט אין פֿעלד
זיך אין אַ פֿייגעלע פֿאַרשטעלט,
דאָס שלעפּט ער אונדז און ציט —
נישט גיי, ווי כ׳בין אַ ייִד.

— אַבֿרהמעלע, דו גייסט־אַוועק?
נו, גיי, איך בלײַב אַליין.
נאָר זאָגסטו אויס אַ וואָרט פֿון מיר,
בײַ מײַן נאמנות שווער איך דיר,
צעברעך איך דיר אַ ביין,
נו, גיי, איך בלײַב אַליין.

שלמה גילבערט

## פון חדר

עס איז געקומען די וואָך פֿאַר פּסח, און דאָס לעבן אין אונדזער קליין חדר־וועלטל האָט זיך געענדערט. דאָס טונקעלע אויסזען פֿון אונדזער רבין, ר׳ אָשר־לײַב, איז צוזאַמען מיטן קאַלטן ווינטער אין דרויסן פֿאַרשוווּנדן, און אַפֿילו צווישן זײַנע שוואַרץ געדיכטע ברעמען און אויף די אָנגעבלאָזענע אָדערלעך בײַ די שלייפֿן בלאָנדזשעט אַ העלער שטראַל.

דער רבי שטייט בײַם אױפֿגעמאַכטן פֿענצטער, שעכט און קרישלט מיט אַ טשוואָק דאָס האַרט פֿאַרטריקנטע ליים פֿון די שפּאַרעס אַרויס. אַ העלפֿט חדר־ייִנגלעך איז אין דרויסן, אויפֿן הויף. געזען, ווי דער רבי איז פֿאַרטאָן בײַם פֿענצטער, מיט די פּלייצעס צום חדר אויסגעדרייט, האָבן זיי זיך אײַנציקווײַז אַרויסגעשאַרט. די איבעריקע זיצן, שיטער צעוואָרפֿן איבער די בענק. מען שפּילט אין קעסלראָש [1]; איינער נעמט פֿון צווייטנס הענט אַן עטל־בעטל [2] אַראָפּ; פֿרײַ, אָפֿן, נישט אונטער דער באַנק ווי אַ גאַנץ יאָר. טייל דערוועגן זיך אָנצורירן דעם רבינס לעדערן קישקעלע, וואָס ליגט הײַנט ווי פֿאַרשעמט אויפֿן טיש. דער רבי דזשאָבעט [3] מיטן טשוואָק אין ליים אַרײַן און זײַן פּנים איז שטיל פֿאַרטאָן.

איך זיץ אין עק באַנק, ווײַט אָפּגערוקט פֿון די איבעריקע ייִנגלעך קוק איך אויף די קרוזשקעס [4] ליים, וואָס פֿאַלן־אַראָפּ אין יענער זײַט, אויפֿן הויף, און באָדן זיך אין דער העלער שײַן פֿון דער זון. איך קוק אויפֿן רביש־קינדיש פֿאַרשפּילטן געזיכט און וווּנדער זיך אויף דער ענדערונג, וואָס איז אין אונדזער רבין פֿאָרגעקומען. אָט גיט ער ענעס אַ רודער דאָרט מיטן האַלב אויפֿגעמאַכטן פֿענצטער, אַ בונט שטראַלן טוט מיר אַ בליאַסק אין פּנים; איך וואַרף אַ בליק צום ווײַטן, בלויען הימל און די שווינדל־פֿלאַקערדיקע זון פֿאַרבלענדט מיר די אויגן.

פֿאַר מײַנע אויגן שטייט נאָך די פֿאַר־שבתדיקע וואָך. דאָנערשטיק נאָך מיטיק. די ייִנגלעך זיצן געדיכט, אַלע אויף דער פֿאָדערשטער באַנק. די גמרות ליגן אָפֿן; די בלעטער צעקנייטשט ,מיט ברודיקע פֿלעקן — אויסגעטריקנטע טרערן. דער רבי שטייט פֿאַר דער באַנק אין פֿראָנט, איין פֿוס אויפֿן בענקל, דאָס לעדערנע קישקעלע אין האַנט, און לערנט איבער אונדז אַלע אין איינעם דעם שיעור. ס׳צעלאָזן זיך די יונגע, זילבער־קלינגענדיקע קולעכלעך,

---

[1] קוויטלעך. — [2] שטריקלשפּיל אין „בעטלעך”, וואָס מ׳ענדערט בײַם איבערנעמען פֿון צווייטנס פֿינגער. — [3] פּיקט, מאַכט אַ לעכל. — [4] קײַקעלעך.

איינער וויל דעם צווייטן איבערשרײַען, און דער וואָס שרײַט־איבער קוקט אויפֿן רבין מיט פֿרייד בלישטשענדיקע אייגעלעך: — אָבער זעסט, רבי, איך בין דער בעסטער אין חדר...

דער רבי כאַפּט־אַרויס איינצלנע ווערטער, באַגלייט מיט זײַן הייזעריקער שטימע: „לימא — וועט מען דאָך זאָגן, מתניתן דלא כסומכוס״ [5] ?! ס׳הערט זיך אַ זעץ מיט אַ פֿויסט און אַ הייזעריק צעצויגענער אַקאָרד — כר־רע־רע־ססס... געזען אויפֿן רבינס פּנים, אַז דער זעץ איז נאָר געווען פֿון קוראַזש, האָבן מיר זיך ווײַטער צעלאָזט. דער גיהנום האָט אויף אונדז געוואַרט שפּעטער, ווען יעדעס ייִנגל האָט באַדאַרפֿט פֿאַרן רבין אַליין איבערזאָגן דעם שיעור.

ווען איך בין אַ גאַנצער אַדורך דעם „לימא מתניתן דלא כסומכוס״, האָט מיך דער רבי פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, געלייגט זײַן האָריקע, ברייטביייניקע האַנט צו מיר אויף דער גמרא און געפֿרעגט דעם גרויסן משה, אָדער משה פויער, ווי דאָס גאַנצע חדר פֿלעגט אים רופֿן, ווי ווער וועט די משנה אויסקומען:

— ווי די רבנן! — האָט משה פויער מיט זײַן גראָבער, געזונטער שטימע אויסגערופֿן.

— מאַטשעק, גוי, אַ מפּלה אויף דיר, דו ווּעסט דאָ בײַ מיר!...
— האָט דער רבי אויסגעשריגן, אָנגעכאַפּט אים בײַ די קלאַפּעס און גענומען שאָקלען אַהין און צוריק, אַרײַנשרײַענדיק אין אים ווי אין אַ טויבן — וועל מען דען זאָגן, פויער איינער, וועל מען דען זאָגן... אָבער די משנה וועט דאָך טאַקע יאָ אויסקומען ווי סומכוס!

איך האָב נישט געקאָנט פֿאַרשטיין: וואָס גייט אַזוי מײַן רבין אין לעבן דער סומכוס?!

נאָר ווען איך האָב דערזען, ווי ס׳האָט געפֿלאַמט דעם רבינס פּנים, איז מײַן חשק אָפּגעקילט געוואָרן.

אַזוי האָט אויסגעזען די פֿאַר־שבתדיקע וואָך. אָבער הײַנט, ווי גוט, ווי פֿרײַ דאָ איז! דער רבי קערט זיך פֿון פֿענצטער אַוועק,

---

[5] (בבא מציעא דף ב, עמוד ב) האָלט נישט אונדזער משנה אַזוי ווי סומכוס.

וואַרפֿט אויף אונדז אַ שיטערן בליק, פֿון יוצא־וועגן, און פֿרעגט מיט אַ פֿאַלש קול:

— ווו זײַנען זיי זיך צעלאָפֿן, די גויים?

ער שאַרט זיך אין זײַנע לאַטשן צו דער טיר, נעמט דעם בעזעם, וואָס שטייט אין ווינקל, פֿאַררײַסט הויך דעם קאָפּ ,אַז די באָרד מיטן שטערן ליגן אין איין שטח, און הייבט־אָן אַרומשאַרן די ווענט, די ווינקלען, וואָס זײַנען מיט שפּינוועבס פֿאַרוועבט.

פֿון יענער זײַט פֿענצטער, פֿון הויף, באַווײַזט זיך די רביצין. דאָס פּנים מיט בלאָטע פֿאַרשפּריצט, רויט פֿאַריאַכמערט. אַ משיק אַ ייִדענע. דער קאָפּ אין אַ געלער פֿאַטשיילע פֿאַרבונדן; פֿון קניפּ, הינטן בײַם קאַרק, שטאַרצן־אַוועק אין ביידע זײַטן צוויי שפּיצן פֿאַטשיילע; די אַרבל פֿאַרשאַרצט, ווײַזן צוויי רויטע געזונטע הענט, אין איין האַנט — אַ נאַס ברעטל, דאָס ברעטל בלישטשעט אויף דער זון, ווי עס וואָלט געווען באַשיט מיט קרישקעס ברילויאַנטן, אין דער צווייטער האַנט — אַ פֿאַרזאַמדיקטער וויעכעטש[6] שטרוי. זי שטעקט־אַרײַן דעם פֿאַרבודענעם קאָפּ אין אָפֿענעם פֿענצטער, זוכט מיט די אויגן און שרײַט אויף אַ בײַ־שטימעלע:

— אָשר־לייב, אַ נכפּה זאָל אויף דיר קומען, אָשר־לייב, ווו ביסטו! אָט שטייט ער, גלעט מיטן בעזעמל די וואַנט... אַז אָך־און־ווײ איז צו מײַנע יאָרן! כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז מען דאַרף אַרויסטראָגן דעם טיש מיט די בענק אויפֿן הויף, כ'דאַרף רײן מאַכן!

דאָס אַלץ האָט זיך דורכגערעדט אין איין אָטעם, אַז די לעצטע ווערטער זײַנען איר געבליבן שטעקן אין האַלדז. זי גייט־אַוועק פֿון פֿענצטער און שרײַט הויך, איבערן גאַנצן הויף:

— אַ צרה אויף מײַן קאָפּ! אַ צרה!...

ווי אַ שולדיקער לאָזט דער רבי אַראָפּ דעם בעזעם. ער בלײַבט שטיין אין חדר, פֿאַרשעמט פֿאַר די ייִנגלעך. ער באַרויִקט זיך ביס־

---

[6] פּרימיטיווער בעזעם.

לעכוויַז, גלעט מיט דער האַנט אויף דער ברייטער באָרד און רעדט צו זיך אַליין:

— אישה רעה מר ממוות! טאַקע מר ממוות!

ער נעמט דאָס לעדערנע קישקעלע, לייגט עס קיַילעכיק איַין, מורמלענדיק אונטער דער נאָז: „נע־נע“... און לייגט עס צו זיך אין דער ברייטער כאַלאַטן־קעשענע אַריַין.

— נו, אַ סוף! — ווענדט ער זיך צו אונדז, ייִנגלעך — העלפֿטץ אַרויסטראָגן דעם טיש מיט די בענק אין דרויסן אַרויס!

מיר, חבֿרה, האָבן נאָר דאָס אַרויסגעקוקט. אייגער לויפֿט אי־בער דעם צווייטן. יעדער וויל אָנכאַפּן אַ שטיקל טיש, אַ שטיקל באַנק, וויַזן דעם רבין, אַז ער איז דער גאַנצער מאַכער. ס׳קומט־אויס צו טראָגן דורכן שמאָלן פֿינצטערן קאָרידאָר. דער רבי האַלט אין איין זיַיט טיש, גייט־פֿאָרויס; מיר, ייִנגלעך — ביַי דער צווייטער זיַיט טיש, שטופּן־נאָך; מיר טוען אַ דריי מיטן טיש, אַ שטופּ, און דער רבי פֿאַלט צו דער טיר.

— גויִים, עכברושים, זיי האָבן מיך שיר דערדריקט! — שריַיט דער רבי און זוכט די לאַטשן. דורכן שטופּ איז ער פֿון זיַינע גרויסע לאַטשן אַרויסגעפֿאַלן.

אויפֿן הויף האָב איך דערפֿילט דעם זומער. ס׳איז וואַרעם, ברייט, הויך! מיַין קינדיש הערצל האָט אָנגעהויבן קלאַפּן, די אויגן זיַינען מיט פֿרייד פֿאַרגאָסן געוואָרן און די יונגע פֿיסלעך האָבן זיך אַ הייב געטאָן. מיט אַ פֿריילעך פֿאַרריסענעם קאָפּ האָב איך אָנגעהויבן איבערן הויף אַרומשפּרינגען. מיר האָט זיך געדאַכט, אָט־אָט, מוז איך אַ פֿלי־אַוועק און ווער פֿאַרפֿאַלן צווישן די ברייטע, וואַרעמע זומער־הימלען!

ווען איך זאָל קאָנען צוריק אומקערן יענע זיסע קינדער־יאָרן, וואָלט איך אַפֿילו באַשטאַנען אויפֿן לעדערנעם קישקעלע, וואָס האָט אַזוי דאָס ליַיב געבריט און די אויגן מיט הייסע טרערן פֿאַרגאָסן! אוי, איך וואָלט שוין דעם רבין פֿאַרגונען, אַז די משנה זאָל יאָ אויסקומען ווי סומכוס!...

הערשעלע

## חיימל און אסתּרל

חיימל און אסתּרל
לערנען בײַ איין לערער;
זי איז אים אַ שוועסטערל
און ער איז פֿיל מערער...

בײדע זײַנען קינדערלעך
פֿון צוויי ליבע שכנים,
און זיי לעבן וווּנדערלעך,
שטענדיק נאָר אין איינעם.

עפֿ׳נען זיי די אייגעלעך
יעדן פֿרי באַגינען —
אײַלן זיי זיך פֿייגעלעך
בײדע צו געפֿינען.

נעמט דער לערער ס׳סידורל
נעמט איר פּנים שײַנען:
— קום אַהער, מײַן ברודערל,
לאָמיר קריאַת־שמע לייענען!

נעמט דער לערער ס׳פּסוקל
נעמט דאָס הערצל שלאָגן:
— קום אַהער, מײַן טרוסיקל [1],
הער מיך פּסוק זאָגן!

אָנגעלענט די קעפּעלעך
איינער אויפֿן צווייטן,
גלאַנצן זיי ווי עפּעלעך
די בעקעלעך פֿון ווײַטן.

און דער לערער זעענדיק
בײדע אָפּט צוזאַמען,
מאַכט זיך ניט פֿאַרשטייענדיק,
גלײַך מיט טאַטע־מאַמע...

בײדע קינדער ווערנדיק
עלטער, קיין עין־הרע,
לערנען זיך דערקלערנדיק
יעדערער זײַן סבֿרה...

זי איז אים אַ שוועסטערל
און ער פֿיל מערער...
חיימל און אסתּרל
לערנען בײַ איין לערער.

---

[1] שרעקעוודיקער, שטיקל פּחדן.

לעאָן עלבע

# דודס פּידעלע

פֿון ייִנגעלע־רינגעלע

ייִנגעלע־רינגעלע האָט זייער געוואָלט האָבן אַ פּידעלע און קע־נען שפּילן אויף דעם. האָט ער געבעטן און געבעטן דעם טאַטן, ער זאָל אים קויפֿן אַ פּידעלע, און ער האָט אַזוי לאַנג געבעטן, ביז דער טאַטע האָט אים געקויפֿט. און ער האָט אים אויך געדונגען אַ לע־רער, ער זאָל אים לערנען שפּילן.

ייִנגעלע האָט זיך זייער גוט געלערנט און ער האָט געשפּילט מיט גרויס חשק און גרויס געפֿיל. ער האָט זײַן פּידעלע ליב גע־האָט ווי זײַן לעבן. ווי ער האָט נאָר געהאַט אַ ביסל צײַט, אַזוי האָט ער גענומען און געשפּילט, און ווען ער האָט נישט געשפּילט, איז דאָס פּידעלע געהאַנגען אויף דער וואַנט איבער זײַן בעטל. און ווען ייִנגעלע האָט זיך געלייגט שלאָפֿן, האָט ער זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו דער וואַנט און געקוקט אויף דעם פּידעלע, געקוקט און געקוקט, ביז די אויגן האָבן זיך אים גענומען קלעפּן און ער איז אײַנגעשלאָפֿן.

אײַנגעשלאָפֿן, גייט ער שוין צום מלך אין פּאַלאַץ. און דאָס פּידעלע טראָגט ער מיט זיך. ער טראַכט: ער וועט קומען צום מלך אין פּאַלאַץ, וועט ער פֿאַר אים נעמען שפּילן, וועט דעם מלך ווערן גוט אויפֿן האַרצן, און ער וועט גוט זײַן צו זײַן פֿאָלק און מער קיין שלעכטס קיינעם נישט טאָן.

גייט ער און גייט, ייִנגעלע־רינגעלע, גייט און טראַכט. מיט אַ מאָל דערהערט ער עפּעס אַ שטים.

הייבט ער אויף די אויגן און גיט אַ קוק, זעט ער, אַן אַלטער מאַן, אַזוי ווי אַ זיידע, זיצט אויף אַ שטיין, זיצט און זאָגט עפּעס, זאָגט געשמאַק, מיט אַ ניגון, אַז עס איז אַ פֿאַרגעניגן: „ווויל איז

דעם מענטשן, וואָס גייט נישט אַרום מיט רשעים און שטייט נישט מיט זינדיקע און זיצט נישט מיט פוסטע מענטשן".

מאַכט צו אים יינגעלע־רינגעלע:

— וואָס זאָגסטו דאָס, אַלטער מאַן?

ענטפֿערט דער אַלטער מאַן:

— תּהילים זאָג איך דאָס, יונג קינד! ווייסטו וואָס דאָס איז?

זאָגט יינגעלע־רינגעלע:

— אַוודאי ווייס איך, וואָס דאָס איז! מײַן זיידע זאָגט אויך תּהילים.

פֿרעגט דער אַלטער:

— און ווער איז דײַן זיידע?

ענטפֿערט יינגעלע:

— אַן אַלטער מאַן, אַזוי ווי דו.

פֿרעגט דער אַלטער:

— און ווער ביסטו אַליין?

ענטפֿערט יינגעלע:

— איך אַליין בין יינגעלע־רינגעלע.

מאַכט דער אַלטער:

— אַזוי? דו ביסט דאָס יינגעלע־רינגעלע? איך האָב געהערט פֿון דיר. מען דערציילט גאָר פֿײַנע מעשׂיות פֿון דיר.

פֿרעגט יינגעלע:

— און ווער ביסטו?

ענטפֿערט דער אַלטער:

— איך בין דוד המלך, אויב דו האָסט געהערט.

שרײַט־אויס יינגעלע:

— דוד המלך?! אַוודאי האָב איך געהערט פֿון דיר. מײַן זיידע האָט מיר אַלץ דערציילט. אָבער דו ביסט דאָך אַ מלך, טאָ וווּ זשע איז דײַן קרוין אויפֿן קאָפּ?

גיט דוד המלך אַ זיפֿץ און ער ענטפֿערט:

— שווער צו טראָגן, יינגעלע, אַ קרוין אויפֿן קאָפּ, האָב איך

זי געלאָזן אין מײַן פּאַלאַץ, איך בין מיר געקומען אַהער זאָגן תּהילים. עס ווערט מיר גרינגער אויפֿן האַרצן. מיין איך, אַז איך בין אַ פּראָסטער מענטש, מיט אַלע מענטשן גלײַך.

פֿרעגט ייִנגעלע:

— און ווו איז דײַן פֿידעלע? מײַן זיידע האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט אַ פֿידעלע, וואָס שפּילט אַליין.

מאַכט דוד המלך:

— יאָ, יאָ! איבער מײַן בעט הענגט דאָס פֿידעלע און אַלע האַלבע נאַכט קומט אַ ווינט פֿון צפֿון־זײַט און נעמט בלאָזן איבער די סטרונעס, הייבט־אָן דאָס פֿידעלע אַליין צו שפּילן און וועקט מיך אויף און בעט מיך, אַז איך זאָל עס נעמען אין האַנט און שפּילן אויף דעם. טו איך דאָס, און דאָס פֿידעלע זינגט און וויינט פֿאַר פֿרייד.

רופֿט זיך אָן ייִנגעלע:

— אָ, איך וואָלט וועלן הערן ווי דו שפּילסט!

זאָגט דוד המלך:

— גיב מיר, ייִנגעלע, דײַן פֿידעלע, וועל איך דיר ווײַזן.

האָט ייִנגעלע־רינגעלע געגעבן זײַן פֿידעלע און דוד המלך האָט אויפֿגעשפּילט אַ זאַך, וואָס די וועלט האָט דאָס נישט געהערט. און גלײַך זײַנען אָנגעפֿלויגן אַלע זינגפֿייגל פֿון גאָר דער וועלט. זיי זײַנען געקומען הערן דעם ניגון, וואָס דוד המלך האָט געשפּילט, כּדי דערנאָך אַליין דאָס צו זינגען. די פֿייגל האָבן גאָר אָנגעקוואָלן פֿון דודס שפּילן און, ווען ער האָט געענדיקט, האָבן זיי געפּאַטשט בראַוואָ מיט זייערע פֿליגלען. און דעם פֿראָש, וואָס איז געזעסן אין געמויזעכץ, האָט פֿאַרדראָסן, וואָס מען פּאַטשט דודן בראַוואָ, האָט ער אויסגעשריִען אויף זײַן קוואַ־קוואַ־קול:

— איך קען בעסערע ניגונים.

האָבן די פֿייגל צו אים געזאָגט אין אַ געלעכטער:

— אַנו, אַנו, ווײַז וואָס דו קענסט.

האָט דער פּראָש געמיינט אויף אַן אמת און ער האָט גענומען קוואַקען מיט אַלע כּוחות.

— נו, נו! — האָט דוד געשמייכלט און די פּיגל האָבן זיך צע־לאַכט, און ייִנגעלע־רינגעלע אויך מיט זיי, און די פּיגל זײַנען אַוועקגעפּלויגן זינגענדיק:

— פּראָש, פּראָש, גיי־אַוועק.
האָסט אַ קול ווי אַ זעג!
האָסט אַ קול האַרט ווי בלעך,
האָסט אַ קול זיס ווי פּעך.
וואָלטסטו קלוג זײַן, וואָלטסטו געשוויגן,
ניט געזונגען אונדז אַ ניגון.

האָט דער פּראָש פֿאַר חרפּה זיך באַהאַלטן אין געמויזעכץ, און מען האָט אים שוין מער נישט געזען און מער נישט געהערט. און דוד המלך האָט צוריקגעגעבן דעם ייִנגעלע דאָס פֿידעלע און געזאָגט צו אים:

— נאָ, שפּיל דו איצטער עפּעס, לאָמיר הערן.

האָט זיך ייִנגעלע פֿאַרשעמט און געענטפֿערט:

— איך קען ניט שפּילן אַזוי ווי דו, אַדוני מלך! איך לערן זיך ערשט.

גיט דוד המלך אַ פּאַטש דעם ייִנגעלע איבער דער פּלייצע און זאָגט צו אים:

— נישקשה, שפּיל, שעם זיך ניט.

האָט ייִנגעלע אָנגעשטעלט דאָס פֿידעלע און גענומען שפּילן. און אַלע זינגפֿייגל זײַנען ווידער אָנגעפֿלויגן, ווײַל זיי האָבן גע־מיינט, אַז דוד המלך שפּילט ווײַטער: אַזוי גוט האָט ייִנגעלע־רינ־געלע געשפּילט! אָבער ווען זיי האָבן אַרונטערגעקוקט און דערזען, ווער עס שפּילט דאָס, האָבן זיי זיך געוווּנדערט, אַז אַזאַ קליין ייִנ־געלע זאָל אַזוי גוט שפּילן, און זיי האָבן געפּאַטשט בראַוואָ מיט

זייערע פליגלען, אַזוי ווי זיי האָבן פריִער געפּאַטשט פאַר דודן, און זיי זײַנען אַוועקגעפלויגן אַנזאָגן דער וועלט:

— עס וואַקסט אַ נײַער דוד,
פאַר דער וועלט אַ כּבֿוד!

און דוד המלך האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ! יאָ! און ער איז אויפגעשטאַנען און געזאָגט צום יִנגעלע:

— קום צו מיר אין פּאַלאַץ, וועלן זיי אַלע הערן, ווי דו שפּילסט.

מאַכט יִנגעלע:

— ניין, איך קען נישט גיין איצטער צו דיר אין פּאַלאַץ. אַן אַנדערש מאָל. איך גיי איצטער צו אַן אַנדער מלך, וואָס אַלע זאָגן אויף אים, אַז ער איז אַ שלעכטער מלך. וועל איך שפּילן פאַר אים, וועט ער ווערן גוט.

רופט זיך אָן דוד המלך:

— אָ, די שלעכטע מלכים! איך בין אַמאָל אויך געווען אַזאַ יִנגל ווי דו. איך האָב אויך געשפּילט אויף אַ פידל פאַר אַ שלעכטן מלך. אַ שלעכטער און אַ משוגענער איז ער געווען, האָט ער אויף מיר געוואָרפן זײַן שפּיז און מיך שיר ניט דערהרגעט. היט זיך, מײַן קינד, עס זאָל דיר קיין בייז נישט טרעפן! אַז די מלכים ווערן אין כּעס, קענען זיי מענטשן דערהרגענען. היט זיך פאַר זיי!

זאָגט יִנגעלע:

— איך האָב קיין מורא נישט. איך האָב אַ רינגעלע, וואָס וועט מיך פון אַל דאָס בייז היטן.

זאָגט דוד:

— גיי בשלום און זאָל דיר גאָט באַגליקן דײַן וועג.

איז יִנגעלע־רינגעלע געגאַנגען ווײַטער. איז ער געגאַנגען און געגאַנגען, ביז ער איז מיד געוואָרן און ער האָט שוין מער נישט געקענט גיין. האָט ער זיך צוגעזעצט אויף אַ שטיין, און ווי ער האָט זיך צוגעזעצט, אַזוי איז ער געוואָרן אײַנגעדרעמלט, און ווי ער האָט אײַנגעדרעמלט, אַזוי איז אָנגעקומען אַ ווינט פון צפון־זײַט און האָט גענומען בלאָזן איבער די סטרונעס פון יִנגעלעס פידעלע, און

ס׳פֿידעלע האָט אַליין גענומען שפּילן. האָט זיך ייִנגעלע אויפֿגע־כאַפּט און ער האָט דערזען, אַז ער ליגט גאָר בײַ זיך אין בעטל און זײַן פֿידעלע הענגט אויף דער וואַנט איבער זײַן בעטל, ווי תּמיד.

שלאָפֿט ער ווידער אײַן. און עס חלומט זיך אים ווײַטער, ווי ער גייט צום מלך אין פּאַלאַץ, גייט ער און גייט. מיט אַ מאָל דער־הערט ער עפּעס אַ טרובען און אַ שאַלן: טרו־טרו־אַ!

טראַכט ייִנגעלע־רינגעלע: וואָס איז דאָס פֿאַר אַ טרובען אין מיטן דערינען? פֿאַלט אים אײַן, אַז ער מוז שוין זײַן נאָענט פֿון דעם מלכס פּאַלאַץ, און דאָס טרובעט אַ סאָלדאַט, בלאָזט אין אַ האָרן, אָנצוזאָגן אַז דער מלך קומט צו פֿאָרן. ער גיט אָבער אַ קוק, ערשט דער זיידע שטייט נעבן אים און זאָגט אים, אַז עס איז ראש־השנה, אַ נײַ יאָר, בלאָזט מען שופֿר, מען זאָגט־אָן: טרו־טרו־אַ! דאָס נײַע יאָר איז דאָ!

האָט ייִנגעלע געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דער זיידע איז שוין ניט געווען, און אַרום־און־אַרום איז וויסט און פּוסט, אַזוי ווי אין אַ מדבר.

מיט אַ מאָל וואַקסט פֿאַר אים אויס משה רבינו מיט די שטראַלן־הערנער ווי תּמיד, און פֿרעגט אים:

— וואָס שטייסטו דאָ, ייִנגעלע, און וואָס קוקסטו און וואָס זוכסטו?

דערציילט אים ייִנגעלע־רינגעלע די גאַנצע מעשה, ווי אַזוי ער איז געגאַנגען צום מלכס פּאַלאַץ, און ער האָט דערהערט טרובענ־דיק, האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז שוין דעם מלכס פּאַלאַץ און אַ סאָלדאַט בלאָזט דאָס אין האָרן אָנצוזאָגן, אַז דער מלך קומט צו פֿאָרן. ערשט הייבט זיך גאָר נישט אָן! דאָס איז גאָר ראש־השנה און מען בלאָזט שופֿר.

גיט משה רבינו אַ שמייכל און אַ גלעט דעם ייִנגעלע איבערן בעקל און זאָגט צו אים:

— ראש־השנה איז שוין געווען, נאָך מיט צוויי וואָכן צוריק, איצטער איז שוין סוכּות.

רופֿט זיך אָן ייִנגעלע־רינגעלע:

— אַזוי? שוין סוכּות?

ענטפֿערט משה רבינו:

— געוויס, די ייִדן זיצן דאָך שוין אין סוכּות. קום, וועסטו זען.

איז ייִנגעלע־רינגעלע אַוועק מיט משה רבינו. זײַנען זיי געגאַנגען און געגאַנגען, ביז זיי זײַנען געקומען צו דעם אָרט, ווו די ייִדן זײַנען געזעסן אין די סוכּות. זאָגט משה רבינו צום ייִנגעלע:

— זעסט? אָט זיצן זיי אין סוכּות, די ייִדן, וועלכע איך האָב אַרויסגענומען פֿון מצרים, ווו זיי זײַנען געווען קנעכט בײַ פּרעהן און זײַנע האַרן. איך פֿיר זיי איצטער קיין ארץ־ישׂראל. דער וועג איז אָבער ווײַט, מוזן זיי זיך אָפּרוען. שטעלן זיי אויף בײַדלעך — אָט די סוכּות, וואָס דו זעסט — און זיי רוען זיך אָפּ און דערנאָך גייען זיי ווײַטער, און אַזוי וועלן זיי גיין, ביז זיי וועלן קומען אין ארץ־ישׂראל. און אַז זיי וועלן קומען אין ארץ־ישׂראל, וועלן זיי פֿאַרזייען פֿעלדער און פֿאַרפֿלאַנצן ווײַנגערטנער. און אַז עס וועט קומען דער האַרבסט, וועלן זיי אײַנזאַמלען די תּבֿואות פֿון די פֿעלדער און די ווײַנטרויבן פֿון די ווײַנגערטנער און עס וועט זײַן אַן אמתער יום־טובֿ מיט טענץ און מיט געזאַנג, מיט לולבֿים און אתרוגים אין די הענט, און אין סוכּות וועלן זיי זיצן זיבן טעג. אָט דאָס וועט זײַן אַ שׂמחה! אָט דאָס וועט זײַן אַ פֿרייד! איך וועל דאָס אָבער נישט דערלעבן — איך וועל שטאַרבן!

און משה רבינו האָט גענומען וויינען, און ייִנגעלע־רינגעלע האָט מיט אים מיטגעוויינט. האָבן ייִדן אין די בײַדלעך דערהערט דאָס געוויין, זײַנען זיי אַרויסגעלאָפֿן פֿון די בײַדלעך אַ קוק טאָן וואָס דאָס איז. האָבן זיי דערזען, אַז משה וויינט. האָבן זיי געפֿרעגט, פֿאַר וואָס ער וויינט. האָט משה צו זיי געזאָגט:

— איך מוז שטאַרבן, וואָרן דער טאָג פֿון מײַן טויט איז שוין געקומען. איר זעט אָט יענעם באַרג? אויף אים וועל איך אַרויף און נישט ווערן.

האָבן זיך די ייִדן צעוויינט און געזאָגט צו משהן:

— און אויף וועמען וועסטו אונדז איבערלאָזן? און ווער וועט אונדז אַרײַנפֿירן אין ארץ־ישׂראל?

האָט משה געענטפֿערט:

— יהושע, מײַן תּלמיד, וועט אײַך אַרײַנפֿירן. ער ווייסט דעם וועג.

רופֿט זיך אָן ייִנגעלע־רינגעלע:

— איך ווייס אויך דעם וועג. מײַן רינגעלע וועט מיר ווײַזן דעם וועג. איך וועל פֿירן!

און ייִנגעלע האָט אַ מאַך געטאָן מיטן רינגעלע און אַ זאָג געטאָן:

— איינס, צוויי, דרײַ, פֿיר,
גיט זיך, קינדער, גיך אַ ריר!

גיט משה רבינו אַ שמייכל און אַ גלעט דעם ייִנגעלע איבערן בעקל און זאָגט צו אים:

— ניין, ייִנגעלע, דו ביסט צו־קליין צו פֿירן די ייִדן. יהושע וועט זיי פֿירן.

און משה רבינו האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט די ייִדן, האָט זיי אַלעמען געבענטשט און איז אַרויף אויפֿן באַרג, אויפֿן סאַמע שפּיץ, און איז נישט געוואָרן, און אַלע ייִדן האָבן געוווסט, אַז ער איז געשטאָרבן. און ייִנגעלע־רינגעלע האָט עס אויך געוווסט. און אַלע ייִדן האָבן זיך צעוויינט און ייִנגעלע־רינגעלע אויך מיט זיי. און וויינענדיק האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט.

טאַטע־מאַמע האָבן זיך דערשראָקן און זײַנען צוגעלאָפֿן צו אים.

— וואָס איז דיר, מײַן קינד? — האָט די מאַמע געפֿרעגט, און דער טאַטע אויך — וואָס האָט זיך דיר געחלומט?

ייִנגעלע־רינגעלע האָט זיי דערציילט, וואָס עס האָט זיך אים געחלומט. אָבער וואָס איז ווײַטער געווען, וועט איר שפּעטער זען.

שניאור וואַסערמאַן

## זון מיינער

די שול איז צו ווײַט מיר געוועזן, מײַן זון,
און ווײַט אויך די שפּראַך פֿון די ביכער און לידער:
מײַן שול איז דער חדר, דער אַלטער, געוועזן;
דאָס איינציקע בוך — דער צעריסענער סידור.

און שווער איז אין חדר דאָס קנעלן געוועזן:
אָן שפּיל, אָן געזאַנג און נישט איין מאָל — אָן עסן.
אויף צאָלן שׂכר־לימוד פֿלעגט טייל מאָל, מײַן זון,
דײַן באָבע די מעשענע לײַכטערס פֿאַרזעצן.

דאָס צאָלן שׂכר־לימוד פֿלעגט אָפּט מאָל בײַ נאַכט
דײַן גלייביקן זיידן דעם שלאָף אָוועקרויבן.
און איך האָב די ביידע געירשנט, מײַן זון:
דעם ביטערן דלות, דעם ליכטיקן גלויבן.

און איך האָב דעם גלויבן מיט טרערן געזייט,
אויף פֿעלדער, אויף נײַע — איצט שנײַד איך מיט פֿריידן:
אַ ליכטיקע שול, מיט ליד און געזאַנג —
צאָל איך דיר, זון מײַנער, אָפּ פֿאַר מײַן חדר.

י. פּאַפּיערניקאָוו

## מיינע חדר־יאָרן

פֿון בוך „היימישע און נאָענטע״

די שול איז צו־ווײַט מיר געוועזן, מײַן זון.
כ׳געדענק נישט וויפֿל כ׳האָב זיי געהאַט, די חדר־יאָרן: כ׳גע־
דענק נאָר, אַז זייער אַ סך — אויף צו קאָנען עס פֿײַנט האָבן דאָס

גאַנצע לעבן, און זייער ווייניק — אויף צו געדענקען, וואָס מען האָט אין אים, אַזוי צו זאָגן, געלערנט...

פֿון חדר געדענק איך נאָר דאָס, וואָס יעדער — וועלכער האָט געלערנט אין אַזאַ אַמאָליק חדר — געדענקט: אַ רבין, וואָס איז מיט זײַן לומדות און הנהגה דערגאַנגען ביז לעכערלעכקייט. אַ קאַנטשיק, אָן וועלכן דער רבי פֿלעגט זיך פֿילן ווי אָן אַ האַנט... און קונדסים, ווײַסע חבֿרהניקעס, חדר־ייִנגלעך, וואָס האָבן אויסגעניצט יעדע געלעגנהייט אויף אָפּצוטאָן דעם רבין אַ שפּיצל און אָפּרעכענען זיך מיט אים שוין פֿאַר אַלעמענס שמיץ...

אין אַזאַ „דערציִונג”־ און „בילדונג־אַנשטאַלט” האָבן די תּלמידים, פֿאַרשטייט זיך, געדאַנקט גאָט, וואָס עס זײַנען פֿאַראַן אויף דער וועלט שבתים, ימים־טובֿים און חגאות אָדער סתּם אַ געלעגנהייט נישט צו גיין אַ טאָג אין חדר אַרײַן. בײַ מיר, למשל, האָבן זיך אַזעלכע געלעגנהייטן געמאַכט זייער אָפֿט און אויף זייער לאַנג. ס׳פֿלעגט טרעפֿן, אַז צוליב אַ פּאָר שיכלעך אָדער הייזלעך און אַפֿילו צוליב אַ היטל — זאָל איך בלײַבן זיצן אין דער היים אויף אַ סך טעג און וואָכן. די צרה איז נאָר געווען, וואָס כ׳האָב די פֿרײַע צײַט מײַנע נישט געקאָנט אויסניצן לויט מײַנע ווונטשן און באַגערן, ווײַל כ׳האָב מיך געשעמט צו ווײַזן זיך אין דרויסן אָן אַ היטל אָדער אַן אַרומגעריסענער, אין „אַ הילוך” — ווי די מאַמע פֿלעגט עס אָנרופֿן; ס׳האָט מיך זייער מצער געווען דאָס זיצן מײַנס אין שטוב און דאָס זען דורכן פֿענצטער, ווי די קינדער פֿון מײַן עלטער שפּילן זיך — און כ׳פֿלעג זיי מקנא זײַן, כאָטש עס האָט מיך נישט געצויגן אַזוי צו זייערע שפּילערײַען ווי ס׳פֿלעגט מיך ציִען צום וואַלד, צום טײַך און פֿעלד, און געווען דערפֿאַר שטענדיק „אַ פֿאַרחלומטס”, „אַ פֿאַרטראַכטס”, צוליב וואָס די מאַמע פֿלעגט וועגן מיר זאָגן: — אַ קינד אַ שטילס און אַן אומעטיקס...

פֿון מײַן זיצן אין שטוב, צוליב דער בושה פֿאַר מײַן הילוך, האָט די מאַמע מײַנע נישט ווייניק צער געהאַט פֿון מיר אַליין און

זי איז יעדן טאָג, ווען דער טאַטע מײַנער איז אַהיימגעקומען פֿון גאַס אַרויס קעגן אים מיט איין און דער זעלביקער טענה:

— סטײַטש? ווי קאָן עס אַ טאַטע בײַ זיך פּועלן צו לאָזן אַ קינד זיצן אין דער היים צוליב אַ שטיקל מלבושל?! וואָס וועט פֿון אים ווערן? דאָס קינד גייט דאָך ממש אײַן! געמיינט האָט זי צו זאָגן: גייט־אויס — און איך האָב בשעת מעשׂה נישט געוווּסט, צי מיינט זי, אַז כ׳גיי־אויס נאָכן חדר, צי נאָכן טײַך, וואַלד און פֿעלד...

דער פֿאָטער ווידער, אויסהערנדיק יעדן טאָג דאָס ביסל מוסר פֿון דער מאַמען, האָט זיך פֿילנדיק שולדיק יעדעס מאָל זיך פֿאַרענטפֿערט מיט דאַגות פּרנסה און דערבײַ פֿאַרזיכערט, אַז מאָרגן, איבער מאָרגן, בלי נדר, נעמט ער מיך און די אַנדערע פֿיר קינדער, חדר־ייִנגלעך, און גייט מיט אונדז אויפֿן גויִשן מאַרק „באַנײַען" אונדז. אַזאַ „מאָרגן" און „איבער מאָרגן" פֿלעגט זיך ציִען אַ מאָל אַזוי לאַנג, ביז עס האָט שוין דער מאַמען מײַנער אַרויסגעבּרענגט, ווי מען זאָגט עס, „פֿון די כּלים" און זי האָט אויפֿגעשפּילט דעם טאַטן אַזאַ „סצענע", אַז ער איז געצוווּנגען געוואָרן אַ כאַפּ צו טאָן אַלע פֿינף ייִנגלעך מיט אַ מאָל, איבערגעלאָזט אין שטוב די איינציקע שוועסטער מיט דער מאַמען, געטאָן מיט כּעס אַ זעץ הינטער זיך מיט דער טיר און — אַוועק מיט אונדז צום גויִשן מאַרק, ווו ס׳איז נאָך זײַן מיינונג געווען ביליקער און בעסער. די אמתע סצענע האָט זיך אָבער אָנגעהויבן, ווען מיר זײַנען „באַנײַטע" צוריקגעקומען מיטן טאַטן פֿון מאַרק. און געשען פֿלעגט עס צוליב אָט וואָס: דער טאַטע, וואָס איז בטבֿע געווען אַ לײַכטזיניקער און אומפּראַקטישער, און זיך דווקא געהאַלטן פֿאַר זייער אַ פּראַקטישן מענטש, פֿלעגט אונדז שטענדיק קויפֿן גרייטע אָנצוגלעך, נישט נאָך אונדזער מאָס, אויף „אויסצוּוואַקסן" (ווי ער פֿלעגט זאָגן). אַז די מאַמע האָט אונדז דערזען אין זיי, פֿלעגט זי זיך ממש אָנצינדן פֿון ערגערניש און אַרויס אויפֿן טאַטן מיט אַן אמתער און גערעכטער אַטאַקע: ווי נעמט עס אַ טאַטע און שענדט דאָס פּנים פֿון די אייגענע קינדער? ס׳איז דאָך פּשוט אַ חרפּה מיט זיי זיך צו ווײַזן אַזוי

צווישן מענטשן! זיי זעען דאָך אויס, נישט געדאַכט זאָל עס זײַן, ווי יתומים!...

די מאַמע איז געווען גערעכט: מיר האָבן פֿון די באַנײַטע מל־בושימלעך, פֿון וועלכע מיר זײַנען אַרויסגעפֿאַלן, אין דער אמתן אויסגעזען ווי יתומים אָדער קאַנטאָניסטן. אַז כ׳האָב זיך דערזען אַזוי אין שפּיגל, האָב איך, געדענק איך, אויסגעבראָכן מיט געוויין: כ׳וועל נישט גיין אַזוי אין חדר אַרײַן, כ׳וועל נישט גיין! און — ווידער בין איך געבליבן זיצן אין דער היים, ביז די מאַמע האָט ווידער אויפֿגעשפּילט דעם טאַטן אַ „סצענע" און דער טאַטע האָט ווידער אַ נעם געטאָן אַ מאָל מיך, אַ מאָל אַ צווייטן ברודער מײַ־נעם, און איז מיט אונדז אַוועק צו „זײַן" שנײַדער — איבערמאַכן די געקויפֿטע מלבושימלעך...

דער טאַטע האָט געהאַט „זײַן" שנײַדער, „זײַן" שוסטער, „זײַן" בעקער, נאָר קיין אייגענעם קצבֿ האָט ער נישט געהאַט, מחמת ער איז אַליין געווען אַ קצבֿ, געהאַנדלט, הייסט עס, מיט פֿלייש און אַרויסגערופֿן גרויס חידוש בײַ קרובֿים און „גוטע ברידער": הלמאי מען האָט אַזאַ פֿעט מסחר און אַזאַ מאָגערע פּרנסה...

לייב מלאך

## דאָס ייִנגל מיטן קעצישן זכרון

די מאַמע וועקט איר ייִנגל אויף:
— „אפֿרימל מײַן זון, ס׳איז שפּעט!"
דאָס ייִנגל אָבער רוט און שלאָפֿט
און ס׳גלוסט זיך ניט אַרויס פֿון בעט.

און ווען ער טוט זיך אָן אויף גיך,
פֿאַרבײַט ער אין געאײַל די שיך;

אין יאָגעניש, אָט ווי עס טרעפט —
פֿאַרגעסט און נעמט ניט מיט זײַן העפט.

ער לויפֿט מיט אימפּעט אין דער שול.
עס זײַנען אַלע קלאַסן פֿול;
דער לערנצימער איז שוין ענג;
באַזעצט, פֿאַרנומען אַלע בענק.

דער לערער רופֿט אים צו צו זיך
און זעט — פֿאַרביטן זײַנען זײַנע שיך.
דעם טאַנטס היטל אויף זײַן קאָפּ,
וואָס פֿאַלט אים אויף דער נאָז אַראָפּ...

דער לערער פֿרעגט אים, צי ער ווייסט
כאָטש אויפֿצושרײַבן, ווי ער הייסט.
ווײַל אויב ער איז אַזוי פֿאַררוישט,
קאָן זײַן: דעם נאָמען אויך פֿאַרטוישט...

אפֿרים כאַפּט זיך, און ער בלײַבט
צעחושט, צעטראָגן און געפּלעפֿט:
פֿאַרגעסן האָט ער, ווי מע שרײַבט
זײַן נאָמען אויך אַרײַן אין העפֿט.

זלמן וואַסערצוג

## דאָס געוויין פֿון אַ קינד

פֿון בוך „ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק״

עס הערט זיך בײַ נאַכט דאָס געוויין פֿון אַ קינד אין שלאָפֿזאַל. עס איז שרעקלעך צו הערן אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט דאָס פֿאַרצווייפֿלטע געוויין פֿון אַ קינד.

די טרערן זײַנען די זעלביקע, נאָר יעדעס קינד האָט זיך זײַן אופֿן פֿון וויינען. דאָס געניטע אויער פֿון דערציִער דערקענט באַלד וועמענס געוויין דאָס איז.

איינס פֿון די ערגסטע קינדער וויינט. דער וויינער געהערט צו די קינדער, וואָס האַקט־אויס מיט אַ כּיוון שויבן, שטערט די קינ־דער בײַם שפּילן זיך, רופֿט־אַרויס געשלעגן.

קאָרטשאַק וואַכט איבער די קינדער אויך ווען זיי שלאָפֿן. ער דערנענטערט זיך צום בעטל פֿון וויינענדיקן און באַרויִקט אים:

— וויין נישט, וועסט אויפֿוועקן די קינדער.

אַ ווײַלע איז שטיל געוואָרן, אָבער ער איז נישט אײַנגעשלאָפֿן. ער וויינט ווידער. נאָר איצט איז דאָס געוויין אײַנגעהאַלטן, דער־שטיקט אין זיך — דערפֿאַר איז עס אַנגסטלעכער, טרויעריקער.

קאָרטשאַק קניט־אַנידער בײַם קינדס בעטל און ער נעמט עס אײַנשטילן מיט גוטע רייד:

— דו ווייסט, אַז איך האָב דיך ליב. דאָך קען איך נישט אַלץ דערלויבן. איך ווייס, אַז דו האָסט אויסגעהאַקט די שויבן. דו שטערסט די קינדער בײַם שפּילן. שטענדיק שלאָגסטו זיך. אָבער איך בין נישט אין כּעס אויף דיר. דו וועסט זיך שוין אויסבעסערן. האָסט זיך שוין אַ ביסל אויסגעבעסערט.

דאָס קינד וויינט נאָך אַלץ. זײַן געוויין איז איצט נאָך טיפֿער, שמאַרצלעכער. אַ פֿאַרווונדעטע חיה וויינט, קלאָגט אימהדיק.

— אפֿשר ביסטו הונגעריק? געבן דיר עפּעס עסן?

די לעצטע געוויין־ספּאַזמעס שרײַען־אויס אינערלעכע שמאַרצן פֿון אַ צעווייטיקטער, באַעוולטער נשמה.

— זאָל איך דיר געבן אַ קוש אויף אַ גוטע נאַכט?

מיט אַ האַנט־באַוועגונג זאָגט ער אָפּ.

— טאָ שלאָף שוין, שלאָף, זונעלע.

קאָרטשאַק גלעט דעם קינדס הייסן שטערן מיט זײַן מילדער, פֿאָטערלעכער האַנט.

— שלאָף, שלאָף...

עס איז אײַנגעשלאָפֿן.

און אין דעם אויסטערלישן אָרום, צווישן הונדערט און פֿופֿציק שלאָפֿנדיקע קינדער, שטייט קאָרטשאַק, דער פֿאָטער און באַשיצער זייערער, און ער שעפּטשעט אַ תּפֿילה:

— „אַלמעכטיקער גאָט! מיט וואָס וועסטו באַשיצן די פּילבאַרע נשמה פֿון דעם קינד, אַז זײַן לעבן זאָל זיך נישט אַרומוואַלגערן אין שמוץ?״

יוסף הלל לעווי

## דאָס ערשטע מאָל אין שול

צעלאָזט די שוואַרצע לעקעלעך
אויף איר ווײַסן קלייד,
מיט צעפּלאָמטע בעקעלעך,
ס׳הערצעלע פֿול פֿרייד,

טראָגט דאָס קליינע בלימעלע
אַ טאָרבעלע פֿול חן
מיט אַ לעדער־רימענדל
און גייט אין שול אַרײַן.

די מאַמעשי די ליכטיקע
גייט־מיט מיט איר בײַנאַנד
און פֿירט פֿאַרליבט איר ציכטיקע
מיידעלע בײַם האַנט.

מיט אַ זיס געלעכטערל
און מיט פֿריידן פֿול
קומט דאָס קליינע טעכטערל
ס׳ערשטע מאָל אין שול.

דער לערער גריסט די קליינינקע
מיט אַ ליבן בליק.
און ס׳בלײַבט אַ װײַל די שײנינקע
צעטומלט שטײן פֿאַר גליק.

ה. ערליך

## אין שול

די מאַמע האָט אַװעקגעפֿירט
חנהלען אין שול.
זיצט זי שטיל און אומעטיק —
דאָס הערצעלע איז פֿול.

זי װישט די קלײנע אײגעלעך,
פֿאַרגײט אין אַ געװײן:
די מאַמע איז ניטאָ מיט איר,
זי װיל ניט זײַן אַלײן.

דער לערער גלעט איר קעפּעלע —
זי זאָל קײן נאַר ניט זײַן,
צו װײנען פֿאַר אַ מײדעלע
איז אין שול ניט פֿײַן.

זי װישט זיך אױס די אײגעלעך:
— אַ פֿײגעלע עס פֿליט!
עס לאַכן אַלע קינדערלעך
און חנהלע לאַכט־מיט.

ליטמאַן

## דאָקטער בראָקטערס רעצעפּטן

מאַכט ניט אַ ייִנגעלע די לעקציעס, שעמט ער זיך צו מאָרגנס גיין אין שול אַרײַן. שטייט ער אויף אין דער פֿרי און קלערט: „וואָס טוט מען?״ קומט־אָן די מאַמע, זעט זי: איר ייִנגעלע זיצט אין בעטעלע אַ פֿאַרטראַכטער. פֿרעגט זי:

— וואָס טוסטו זיך ניט אָן, יאַנקעלע?

פֿאַלט יאַנקעלען אײַן אַ געדאַנק און ער זאָגט:

— איך בין ניט געזונט.

— ניט געזונט? וואָס איז דיר?

— דער קאָפּ טוט מיר וויי.

— ניט מער ווי דער קאָפּ?

— דער בויך און די פֿיס אויך.

די מאַמע טאַפּט יאַנקעלען דעם שטערן, קוקט אים אַרײַן אין די אויגן, אין העלדזל און זאָגט:

— פֿאַרפֿאַלן. מע וועט מוזן מיט דיר אַרײַנגיין צום דאָקטער.

אַ דאָקטער איז אַ דאָקטער. יאַנקעלע האָט ניט מורא. ער טראַכט זיך: „וואָס וועט ער מיר טאָן, דער דאָקטער? — פֿאַרשרײַבן ביטערע פּראָשקעס? צי הייסן שטעלן באַנקעס? מילא, אַלץ בעסער ווי גיין אין שול אַרײַן און דער לערער זאָל מיך עפּעס פֿרעגן און איך זאָל ניט וויסן וואָס צו ענטפֿערן״.

אַז יאַנקעלע איז געקומען צום דאָקטער, האָט דער דאָקטער אים פֿריִער גוט באַטראַכט, אַרײַנגעקוקט אין האַלדז, אין די אויגן, און גענומען דערנאָך אויספֿרעגן:

— וואָס טוט דיר וויי?

— דער קאָפּ.

— ניט מער ווי דער קאָפּ?

— די נאָז, דער האַלדז, דער בויך און די פֿיס אויך.

— אַלץ מיט אַ מאָל?

— יאָ, אַלץ מיט אַ מאָל.

רעדט ער ניט, דער דאָקטער, קיין וואָרט, נעמט און שרײַבט עפּעס אָן אויף אַ פּאַפּירל און גיט עס דער מאַמען.

— אָט דאָ פֿאַרשרײַב איך אײַך צימש. גיט אים אַלע שעה אַ ביסל צימש. נאָר געדענקט: וואָס מער צימש, איז בעסער.

נעמט די מאַמע דאָס פּאַפּירל און גייט מיט דעם אין אַפּטייק. הייבט מען מיט די פּלייצעס:

— מיר האָבן ניט קיין צימש!

גייט זי אין אַ צווייטן, אין אַ דריטן און אין אַ פֿערטן אַפּטייק. וווּנדערט מען זיך:

— צימש? נאָך קיין מאָל ניט געהערט אַזאַ רעצעפּט.

דערמאָנט זיך די מאַמע אַז ערגעץ אין צענטער איז דאָ אַן אַלטער אַפּטייקער, אַ גרויסער ווייסער. פֿאָרט זי אַריבער צו אים און פֿרעגט אים:

— איר האָט אפֿשר צימש?

קוקט ער זי אָן:

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ רעצעפּט?!

ווײַזט זי אים דאָס פּאַפּירל.

צעלאַכט ער זיך, דער אַלטער, און זאָגט:

— אַהאַ! — אויב דאָס איז פֿון דאָקטער סעניאָר בראָקטער, ווייס איך שוין.

די מאַמע איז געקומען צו לויפֿן אַ בייזע אַהיים און געוואָלט יאַנקעלען דערציילן, אַז דער דאָקטער האָט אים פֿאַרשריבן שמיץ, נאָר זי האָט אים שוין ניט געטראָפֿן. דאָס ייִנגעלע האָט אויף דעם גאַנצן עסק חרטה געהאַט און געכאַפּט די העפֿטן מיט די ביכלעך און אַליין אַנטלאָפֿן אין שול אַרײַן.

אברהם רייזען

## יאָרן דריי, שפּראַכן פיר...

אַ קינד איז דאָס אַ גאָלדענע,
שפּילט זיך פּראַנק־און־פּרײַ.
וואָס פּאַר אַ דאגות האָט עס דען,
אַז יאָרן האָט עס דרײַ?

אַ צרה מיט די שפּראַכן נאָר,
שפּראַכן אָן אַ שיעור —
יאָרן האָט דאָס קינד נאָר דרײַ,
שפּראַכן האָט עס פּיר!

די מאַמע איז אַ רוסישע,
פּון ליטווישן געמיינט,
רעדט זי מיט אים רוסיש נאָר,
זי איז אַזוי געוווינט.

די באָבע איז אַ יידישע
און רעדט מיט אים זשאַרגאָן,
מוז דאָס קינד נאָכפּלאַפּלען
„גוט־מאָרגן!" אויף איר טאָן.

די ניאַניע איז אַ פּוילישע —
ווי קען דען אַנדערש זײַן?
מוז דאָס קינד זיך אויסלערנען
אויף פּויליש העפּלעך זײַן.

דער טאַטע איז אַ ציוניסט
און האַלט פּון אחד־העם —
מוז דאָס קינד זיך מאַטערן
און נאָכזאָגן „שלום!"

אייזיק פּלאַטנער

# אין שול אַריין

גייען מיר אין שול אַרײַן,
שײַנט די זון אַנטקעגן,
פֿרייד און ליכט און זונענשײַן
איבער אַלע וועגן.

טרעטן מיר אין זונענשײַן
איבער אַלע וועגן,
גייען מיר אין שול אַרײַן,
שײַנט די זון אַנטקעגן.

אונדזער היים אין קינדערלאַנד —
איז פֿרײַ און פֿעסט און זיכער,
מיט די ביכער אין די הענט —
גיך אין שול קומט גיכער.

מוזיק — מיכל געלבאַרט

שמואל צעסלער

# מיר קומען־אָן!

מאַרשליד

מיר קומען־אָן! מיר קומען־אָן!
מיר שפּאַנען פֿריילעך און מאַרשירן.
הויך פֿלאַטערט אונדזער העלע פֿאָן,
די פֿאָן פֿון לערנען און שטודירן.

און ריטמיש קלאַפּן טריט אין גאַנג,
און הילכיק קלינגט אונדזער געזאַנג,
ס׳מאַרשירט אין ריי, ס׳מאַרשירט אין ריי
די יונגע שולאַרמיי.

מיר קומען־אָן מיט העלער פֿרייד,
מיר טראָגן גלויבן, מוט און האָפֿן;
עס ציט־פֿאַרויס די שילערקייט
פֿון מזרח, מערבֿ, דרום, צפֿון.

און ריטמיש קלאַפּן טריט אין גאַנג,
און הילכיק קלינגט אונדזער געזאַנג,
ס׳מאַרשירט אין ריי, ס׳מאַרשירט אין ריי,
די יונגע שולאַרמיי.

יצחק פאַנער

## ע צ ו ר! ס ט אָ פּ!

יעדן אינדערפֿרי, פֿאָרנדיק צו דער אַרבעט, ווער איך פֿאַר־כאַפּט פֿון אַ זעלטן בילד. אַ שאָד, וואָס מײַן אויטאָ שטעלט זיך נישט אָפּ אויף דעם אָרט אויף אַ ווײַלע, נאָר פֿליט גיך פֿאַרבײַ און איך קאָן נישט לאַנג אָבסערווירן און געניסן פֿון אָט דער דער־שײַנונג, וואָס אַנטפּלעקט זיך פֿאַר מיר יעדן טאָג אויף דעם זעל־ביקן פּלאַץ און אין דער זעלביקער צייט — צען־פֿופֿצן מינוט פֿאַר אַכט אַ זייגער אין דער פֿרי.

צווי קינדער פֿון אַ יאָר אַכט־נײַן, אָנגעטאָן אין געפּאַסטע ברויע אוניפֿאָרמעלעך, מיט קליינע קאַפּעלעך מיט דאַשיקעס אויף די קעפּלעך און מיט ווײַסע אַרויפֿגעצויגענע אַרבעלעך אויף די הענטעלעך.

זיי שטייען, די צוויי קינדער, איינס פֿון דער זײַט און איינס פֿון דער צווייטער זײַט גאַס, מיט פּאַפּירענע פֿענדלעך אין די הענטלעך, ענלעך צו שׂמחת־תּורהדיקע קינדער־פֿענדלעך, נאָר אַנשטאָט דעם מגן־דוד איז אויף דעם דאָזיקן „פֿענדל“ אויסגעמאָלן אַן אויפֿגעהויבענע האַנטפֿלאַך מיט אַן אויפֿשריפֿט: עצור! סטאָפּ!

אין אָט דער שעה, פֿאַר אַכט אַ זייגער אין דער פֿרי, קאָן מען אויך אַזעלכע קינדער מיט פּאַפּירענע פֿענדלעך (וואָס דערמאָנען אויך די סיגנאַל־צייכנס פֿון אײַזנבאַן־וועכטערס בײַם אָנקומען פֿון אַ צוג) שטיין בײַ יענע גאַסן, וווּ נאָענט פֿון זיי געפֿינט זיך אַ פֿאָלקשול און די פֿאָלקשול־קינדער מוזן אַריבערגיין די דאָזיקע טומלענדיקע גאַסן, וואָס האָבן נישט קיין ליכט־סיגנאַלן.

די צוויי קינדער פֿון בײדע זײַטן שטייען אויף דער וואַך. קוים זעען זיי אָנקומען אַ גרופּע שולקינדער אָדער אַפֿילו נאָר איין קינד, בייגן זיי בליצשנעל אַראָפּ צו דער ערד זייערע פֿענדלעך און דעמאָלט — דעמאָלט געשעט דאָס ווונדער: שווערע, ריזיקע לאַסט־אויטאָס, גרויסע אויטאָבוסן, כּל מיני אויטאָס, מאָטאָציקלען ראַווערן, סאָפּנדיקע, פּרייכענדיקע, זידנדיקע אין ווילדער רציחה, אין זייער דאָרשט נאָך בלוט, נאָך תּאוות־דרכים[1] — ווערן מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט מיטן כּוח פֿון אָט די צוויי אַראָפּגעבויגענע פֿענדלעך פֿון די צוויי קינדער. זיי ווערן אַלע אײַנגעשטילט, געצאַמט, ווי ווילדע, בלוטדאָרשטיקע חיות פֿון דער קליינער, דינער רוט פֿון זייער דרעסירער — און ווי שולקינדער מיט די שולטעשלעך אויף די פּלייצעס גייען רויִקע און זיכערע אַדורך די גאַס, ווי אַמאָל די בני־ישׂראל דעם רויטן ים, ווען זײַנע ווילדע כוואַליעס האָבן זיך דורך משהס כּישוף־שטעקן געשפּאָלטן...

איך ווייס נישט פֿאַר וואָס, נאָר ווען איך זע דאָס דאָזיקע בילד, די צוויי קינדער וואָס שטעלן־אָפּ מיט זייערע פּאַפּירענע פֿענדלעך דעם טויט, וואָס לויערט אויף זייער קינדישן מין, ווערט מיר

---

[1] זינדיקע וועגן.

עפּעס גרינגער אויף דער נשמה. איך האָב דעמאָלט דאָס געפֿיל, אַז נאָך איז אַלץ נישט פֿאַרלוירן, אַז אויך די גרויסע וועט נאָך דאָס זעלביקע געלינגען...

תל־אָביב

## פּייוול מעלצער

# דער לעצטער שולטאָג

ווי אַ יום־טובֿ־טאָג אַ שיינער
איז דער לעצטער טאָג אין שול,
קינדער זײַנען פֿרײַ פֿון לערנען,
יעדער איז מיט האָפֿ׳נונג פֿול...
אַלע קינדער ווײַס פֿאַרפּוצטע,
שיין און יום־טובֿדיק געלייגט,
ווי אַ פֿרילינגזון צעגאָסן
איז די ווײַסקייט אויסגעשפּרייט.
און די קינדער זײַנען פֿריילעך,
לוסטיק, לאַכנדיק, פֿאַרשײַט —
יעדער פֿילט אַ פֿרייד אַ גרויסע,
ווען מען ווערט פֿון שול באַפֿרײַט...
אויך די לערערס זײַנען גוט הײַנט,
לאָזן שטיפֿן פֿיל מען וויל:
אונדזער פֿרײַהייט — זייער פֿרײַהייט,
אין צוויי הערצער — איין געפֿיל...
ברענען אויגן, פֿלאַמען בעקלעך,
קלאַפּן פּיסקלעך — קלינגען רייד
און מיט הימל־בלויע פֿליגל
פֿליט־אַרום די יום־טובֿ־פֿרייד...

# 6

# אין גרויסן

י. ל. פּרץ

# די לבנה דערציילט

פֿון אַן אײַנגעבויגן הײַזל גייט־אַרויס אַ באָרוועס ייִנגל, שלעכט געקליידט (די שמאַטעס האַלטן זיך קוים אויף אים) און קעגנאיבער, פֿון אַ צווייטן הויז, כּמעט אַ חורבֿה, קומט אויך אַרויס אַזאַ ייִנגל.

קוים זײַנען זיי איינער צום צווייטן צוגעקומען, האָט מען שוין נישט געוווּסט, וועלכער ס׳איז אַרויס פֿון וועלכן הויז.ביידע אויס־געדאַרט, מיט ברענענדיקע אויגן. ביידע ציטערן פֿאַר קעלט, אפֿשר פֿאַר הונגער אויך.

איך הער, ווי זיי שמועסן:

—פֿאַרטיק?

— און דו?

— אויך!

— האָסט געגעסן?

— ניין... דער טאַטע האָט נישט געבראַכט.

— מײַנער — קראַנק; די מאַמע וויינט...

— גייען מיר?

— בעסער לויפֿן... ס׳איז קאַלט...

— נו?

זיי לויפֿן פֿײַל פֿון בויגן אין שטאָט אַרײַן.

איך קוק זיי נאָך.

בײַ איינעם פֿון די שענסטע הײַזער שטעלן זיי זיך אָפּ.

— זעסט? מײַן פֿעטערס הויז! — מאַכט איינער שטאָלץ.

דער צווייטער ווײַזט אויף אַ הויז קעגנאיבער.

— דאָס איז מײַן פֿעטערס!

— מײַן פֿעטער האָט אָבער געבראַכט אַן אַראַביש פֿערדל פֿאַר זעכצן טויזנט.

— מײַנער האָט אַ קאַרעטע מיט פֿיר פֿערד ווי די לייבן!

— מײַנער האָט אפשר טויזנט דערפֿער!

— מײַנער — אפֿשר הונדערט שטעט!

— פֿערד, בײַ מײַן פֿעטער איז דאָס מעבל פֿון גאָלד!

— בהמה, בײַ מײַן פֿעטער — פֿון סאַמע בריליאַנטן!

— אָבער מײַן מומע מיט אירע פֿאַרפֿומען! די נאָז רײַסט עס אויף!

— און אַז זײַן פעטער שפילט יעדע נאַכט אין קאָרטן, האַ?

זיי האָבן זיך לאַנג געשפּאַרט און, נישט צעשלאָגן זיך...

איינער איז פֿריִער אָפּגעשטאַנען.

— קאַלט... — מאַכט ער מיט אַ ציטער.

דער צווייטער שטייט אויך אָפּ:

— איך בין זייער הונגעריק... — זאָגט ער — קלינג־אָן בײַ דײַן פֿעטער.

— נייִן! — ענטפֿערט יענער דערשראָקן — ער האָט אָנגעזאָגט די דינערס, זיי זאָלן מיר הענט און פֿיס צעברעכן!

— מײַן פֿעטער דאָס זעלביקע! — ענטפֿערט דער צווייטער.

זיי לאָזן טרויעריק אַראָפּ די קעפּ.

— גייען מיר?

— בעסער לויפֿן...

און אויפֿן וועג:

— מאָרגן בײַ נאַכט נאָך אַ מאָל...

— יאָ... איך וועל געבן אַ סימן... איך וועל אַ קריי טאָן ווי אַ האָן...

— איך וועל ענטפֿערן מיט אַ מיאַוק פֿון אַ קאַץ...

—גוט.

זיי זײַנען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

שיקע דריז

## אויף דער העלפּט

איך מיט מײַן שוועסטערל פֿריידע
פֿאַרמאָגן בשותּפֿות אַ זיידע.
ווי נאָר מיר צעקריגן זיך ביידע,
שרײַט זי, ס׳איז אירער דער זיידע.

אַפֿילו די וואָנצעס, אַפֿילו די פּילן,
אַפֿילו די ברילן, אַפֿילו די פּוישטן
אַפֿילו דער שטעקן, בײַ אים אויף די פֿיס —
אירס! אירס! אירס!

טו איך מײַן שוועסטער אַ כאַפּ בײַ דעם צאָפּ:
— מײַנער דער זיידע, און טשעפּע זיך אָפּ!
— מײַנער דער זיידע, און גיי דיר און שווײַג,
מײַנער דער זיידע — און נאַ דיר אַ פֿײַג.

אַפֿילו דאָס בערדל, פֿאַרשפּיליעטע ביכל,
אַפֿילו דאָס טיכל, אַפֿילו דאָס יום־טובֿדיק
אַפֿילו דאָס אַלטע שניפּסעלע זײַנס
מײַנס! מײַנס! מײַנס!

טוט זי, מײַן שוועסטער, אַ שפּרונג ווי אַ חיה
און הייבט־אָן צו טופּען, און הייבט־אָן צו שרײַען —

אָט וועט זי ווי לאָקשן מיך בראָקן,
אָט שלינגט זי מיך אײַן מיט די זאָקן,
און ס׳בֿלײַבט ניט אַפֿילו —

מײַן רימען,
אַ נאָגל, אַ צאָן
אויף אַ סימן,
און ס'בלײַבט ניט אַפֿילו
קיין האָר ניט!
גאָר ניט! גאָר ניט! גאָר ניט!

דאָ איז מײַן זיידע, שוין ניט אויף קיין שפּאַס,
געוואָרן אויף מיר און מײַן שוועסטער אין כּעס,
און האָט מיט אַ שטריקל אַ פּראָסטן
אַליין אויף דער העלפֿט זיך צעמאָסטן:

אַפֿילו די וואָנצעס,
אַפֿילו די ברילן,
אַפֿילו דעם שטעקן,
אַפֿילו די פּילן,
אַפֿילו דאָס טיכל,
אַפֿילו דאָס אַלטע
פֿאַרשפּיליעטע ביכל,
אַפֿילו דאָס פֿלעשל
מיט עפּעס אַ שמאַלץ —
אַלץ! אַלץ! אַלץ!

איין העלפֿט איז מײַנע, די צווייטע איז אירע,
שלום זאָל ווערן בײַ אונדז אין דער דירה!
שטיל זאָל מען אויף די שפּיץ פֿינגער שפּאַנען —
ניט שטערן אים לייענען ראָמאַנען!

שלום עליכם

# די פּאָן

— א —

קינדער! איך וועל אײַך דערציילן אַ מעשׂה מיט אַ פֿאָן. ווי אַזוי איך, אַן אָרעמאַנס אַ יינגל, האָב באַקומען אויף שׂמחת־תּורה אַ פֿאָן, ווי שווער זי איז מיר אָנגעקומען און ווי גרינג איך האָב

זי פֿאַרלוירן. גאָט האָט מיך געשטראָפֿט. איך האָב זי אויסגע־קרענקט...

אַז איך בין געווען אַ קליין ייִנגעלע, אַזוי ווי איר, האָט מען מיך גערופֿן טאָפּעלע טוטאַריטו, דאָס הייסט: „קאָפּעלע קוקאַריקו". ווייסט איר פֿאַר וואָס? ווײַל, ערשטנס, האָב איך געהאַט אַ דין קוויטשיק קולכל, ווי אַ יונג האָנעכל, וואָס האָט נאָר־וואָס אָנ־געהויבן צו קרייען; און, צווייטנס, האָב איך ניט געקאָנט אויסרעדן קיין „קוף" און קיין „כּף" און קיין „גימל", און ווי אויף צו־להכעיס האָט מײַן טאַטע באַדאַרפֿט הייסן קלמן, מײַן מאַמע — גיטל קלמנס, איך — קאָפּעל גיטל קלמנס, און דער רבי — גרשון גאָרגל דרדקי פֿון גאַלאַגאַניווקע.

— ייִנגעלע! ווי אַזוי רופֿט מען דיך?

— מיך? טאָפּל דיטל טלמנס...

— העכער אַ ביסל!

— נאָך העכער!

איך שרײַ הויך, אויף אַ קול:

— טאָ־פּל! די־טל! טל־מנס!

— און בײַ וועמען לערנסטו?

— בײַ וועמען לערן איך? בײַ דרשון דאָרדל דרדטי פֿון דאַלאַ־דאַניווטע!...

דער עלם לאַכט. דער עולם לאַכט — און איך וויין. איך וויין נישט פֿון דעם, וואָס מען לאַכט פֿון מיר, נאָר דערפֿאַר, וואָס מען שלאָגט מיך. איטלעכער, ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, שלאָגט מיך: דער טאַטע, די מאַמע, די שוועסטער, דער רבי, די תּלמידים. מען לערנט מיך, איך זאָל ריידן „ווי אַ מענטש"...

דער רבי האָט מיך איין מאָל אַרײַנגעזעצט אַ שפּרײַזהעלצל און האָט געהייסן די תּלמידים, זיי זאָלן מיר שפּײַען אין מויל אַרײַן — טאָמער וועט דאָס זײַן אַ רפֿואה... האָט זיך אַרײַנגעמישט

ר׳ זיאַמע דער סטאָליער, וואָס איז געזעסן מיטן רבין אונטער איין דאַך:

— וואָס מוטשעט איר אַ קינד, נעבעך, אומזיסט־אומנישטו? אָט לאָזט מיך אויף איין מינוט, וועט איר זען, אַז ביי מיר וועט ער ריידן „ווי אַ מענטש״...

אַזוי זאָגט ר׳ זיאַמע דער סטאָליער, רופֿט מיך צו, נעמט מיך אָן פֿאַרן בערדעלע און מאַכט צו מיר אַזוי:

— קוק אויף מיר, יינגעלע, און זאָג מיר נאָך וואָרט ביי וואָרט: „אָץ קוצץ — בן קובץ — קצוצי — לקצץ״...

— נישט אַזוי! — מאַכט ר׳ זיאַמע — דו קוק מיר גלייך אין מויל אַריין און זאָג מיט מיר אין איינעם: „יומם השמש לא יככה וירח בלילה״...

איך קוק אים גלייך אין מויל אַריין און זאָג מיט אים אין איינעם: „יומם השמש לא יטטה וירח בלילה״...

— ניין, נאַרעלע! — זאָגט צו מיר ר׳ זיאַמע — דו זאָג ניט יטטה; זאָג בעסער: יככה! יככה! יככה!

— יטטה! יטטה! יטטה!...

ר׳ זיאַמע טוט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— ווייסט איר, וואָס איך בין דערגאַנגען? אַרויסגעוואָרפֿן די טרחה! אים וועט שוין קיין טאַטער אויך ניט העלפֿן. אַן אייביקער קאַליקע!

— ב —

האָבן אויף שׂמחת־תּורה אַ פֿאָן, טאַקע וואָס אַ פֿאָן הייסט, אַ פֿאָן מיט אַ שטעקל, פֿון אויבן אַן עפּל, אינעם עפּל אַ ליכטל — דאָס האָט ביי מיר דעמאָלט אויסגעוויזן אַזאַ גליק, אַזאַ גליק, וואָס איך האָב נאָר מורא געהאַט אַפֿילו טראַכטן פֿון דעם. קאַרג גוטע זאַכן איז פֿאַראַן אויף דער וועלט? למאַי ס׳איז פֿאַראַן

אַזעלכע ייִנגלעך אין חדר, וואָס פֿאַרמאָגן געלט אויף צו קויפֿן אַ מעסערל, אַ בייַטעלע, אַ שטעקעלע? למאַי ס׳איז פֿאַראַן ייִנגלעך אַזעלכע, וואָס עסן אַלע טאָג קאָנפֿעקטן, קנאַקן ניסלעך; פֿון בייגל און פֿון בלינעס [1] שמועסט מען ניט! הייַנט איז פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס עסן ווייַסע בולקע אין דער וואָכן... אַזאַ מזל!

אוי, קינדערלעך! איך האָב קיין ווייַסע בולקע אין דער וואָכן קיין מאָל נישט געגעסן! איך בין גערן געווען, אַז איך האָב געהאַט שוואַרץ ברויט צו זאַט, מחמת מיר זייַנען געווען, נישט פֿאַר אייַך געדאַכט, ביטערע אָרעמע לייַט, אבֿיונים, כאָטש אַלע האָבן בייַ אונדז געהאָרעוועט: דער טאַטע, עליו השלום, איז געווען אונטער־שמשׂ אינעם אונטערשטן קלייַזל פֿון דער קצבֿישער קלויז, די מאַמע, עליה השלום, איז געווען אַ בריה אויף באַקן קאָרענעם לעקעך, און די שוועסטערס האָבן אונטערגעאַרבעט זאָקן.

איר מעגט מיר גלייבן, בנאמנות, איך האָב נישט געוווּסט דעם טעם, וואָס הייסט — אָפּעסן אַזוי, אַז איך זאָל טאַקע באַלד ניט קאָנען עסן נאָך אַ מאָל. הייַנט, ווער שמועסט האָבן בייַ זיך אין קעשענע אַ קאָפּיקע, אַן אייגענע קאָפּיקע — דאָס האָט זיך מיר אַפֿילו ניט געחלומט. און שטעלט אייַך פֿאָר, אַז איך, קאָפּל קוקאַריקו, ווער מיט אַ מאָל אַ גבֿיר און באַקום מייַן אייגנס צוויי־און־צוואַנציק קאָפּיקעס!

אפֿשר מיינט איר אַ נס — אַ פּריץ האָט פֿאַרלוירן און איך האָב געפֿונען? האָט איר דווקא נישט געטראָפֿן. אָדער טאָמער רעכנט איר, איך האָב זיי גלאַט אַזוי ערגעץ דערטאַפּט, אַרויס־געגנבֿעט חלילה פֿון אַ פּושקע? גאָט זאָל אייַך היטן פֿון אַזאַ מחשבֿה! איך האָב זיי, שווער איך אייַך, פֿאַרדינט, כּשר פֿאַרדינט, פֿאַרהאָרעוועט מיט מייַנע אייגענע... פֿיס.

דאָס איז געווען פּורים. האָט מיך דער טאַטע געשיקט איך

[1] בלינצעס.

זאָל צעטראָגן דעם שלח־מנות צווישן די באַלעבאַטים פֿונעם אונטערשטן קלײַזל פֿון דער קצבֿישער קלויז. פֿריִער פֿלעגט צעטראָגן דעם שלח־מנות אײנע פֿון מײַנע עלטערע שוועסטערס און איצט, אַז איך בין שוין אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז איך מעג שוין אויך זײַן אַ שטיקל הילף. האָב איך גענומען דאָס שעלעכל מיטן פֿלעדל [2], אַרומגעטראָגן דאָס פֿון שטוב צו שטוב צווישן אַלע באַלעבאַטים פֿונעם אונטערשטן קלײַזל פֿון דער קצבֿישער קלויז, געקנאָטן מיט די בראָרוועסע פֿיס די קאַלטע, גליטשיקע בלאָטע, און פֿון אָט די גראָשנס וואָס מען האָט מיר געשענקט פֿאַרן וועג, האָב איך געמאַכט אַ זילבערנעם פֿערציקער מיט פֿיר גראָשנס.

— ג —

באַקומען מיט אַ מאָל אַזאַ אוצר, גײ איך אַרום און טראַכט: וואָס טוט מען מיט, קיין עין־הרע, אַזוי פֿיל געלט?

קומען צו גיין צו מיר דער יצר־הרע מיטן יצר־טובֿ און מוטשען מיך. דער יצר־הרע זאָגט:

— וואָס וועסט דו זיך האַלטן מיט די גראָשנס, נאַר אײנער? קויף דיר עפּעס: קויף מאָהינדלעך, פֿאַראַן זיסע בײַ פּיראָנדיטשקין [3] אויפֿן שטעלכל; קויף פֿלעדלעך גוטע מיט האָניק־פֿאַרפֿל, אָדער כאַטש אַן עפּל אַ געפֿרוירענעם, וועסט דו זיך מחיה זײַן.

— נאָכגעבן די קישקע? — זאָג איך — וועל איך אויפֿעסן אין אײן טאָג דאָס גאַנצע געלט, איך וויל ניט!

— גערעכט! — זאָגט דער יצר־טובֿ — אַ סך גלײַכער שוין פֿאַרלײַען דער מאַמען די עטלעכע קאָפּיקעס! איר וועט דאָס צו נוץ קומען.

---

[2] שטרודל. — [3] באַקאַנטע פּירמע.

— אַ חכם! — זאָג איך — ס׳זאָל זײַן פֿאַרפֿאַלן? ווו וועט זי נעמען אויף אָפּצוגעבן?

— זי מוטשעט זיך נעבעך — זאָגט דער יצר־טובֿ — און צאָלט פֿאַר דיר שׂכר־לימוד...

— וואָס געהער זיך אָן מיט דיר שׂכר־לימוד? — זאָגט דער יצר־הרע — קויף דיר בעסער אַ פּײַפּעלע פֿון ווײַסן ליים מיט רויטע פינטעלעך, אַ מעסערל אַ שאַרפֿס מיט צוויי קלינגלעך און מיט אַ מעשענעם קאַסטן אָדער גאָר אַ בײַטעלע מיט אַ גוט שלעסל.

— וואָס וועסט דו האַלטן אינעם בײַטעלע — זאָגט דער יצר־טובֿ — דעם דלות?

— קנעפּלעך! — זאָגט דער יצר־הרע — וועסט אָנשטופּן אַ פֿול בײַטעלע מיט קנעפּלעך, וועט מען מיינען, אַז ס׳איז געלט, וועלן דיך אַלע ייִנגלעך מקנא זײַן...

— וואָס וועט דיר אַרויסקומען פֿון דעם — זאָגט דער יצר־טובֿ — אָט פֿאָלג מיך, צעטייל גאָר דאָס געלט פֿאַר אָרעמע לײַט, טו צדקה, וועסטו פֿאַרדינען אַ מצווה. אָרעמע לײַט, נעבעך, גייען־אויס פֿון הונגער.

— אָרעמע לײַט? — זאָגט צו מיר דער יצר־הרע — ביסט אַליין אַן אָרעמאַנס אַ ייִנגל. ביסט אַליין תּמיד הונגעריק. איטלע־כער איז אַ ותּרן [4] אויף יענעם. פֿאַר וואָס האָט דיר קיינער ניט געגעבן אַז דו האָסט ניט געהאַט, נישט הײַנט געדאַכט?...

— ד —

שיִער־שיִער האָט מיך דער יצר־הרע איין מאָל ניט איבער־גערעדט.

---

[4] ברייטהאַרציקער.

אין חדר האָב איך געהאַט אַ חבר — יואליק, אַ נגידס אַ ייִנגל. ער פֿלעגט האָבן תּמיד פֿולע קעשענעס מיט גוטע זאַכן. נאָר יענעם געבן האָט ער פֿײַנט געהאַט; מען זאָל זיך אויסציִען פֿאַר אים — נישט אַ שמעק! פּלוצעם האָט זיך יואליק אָנגעהויבן צו מיר שטאַרק צושאַרן, צושמייכלען, געוואָרן מיט מיר חבר — די נשמה!

— דו ווייסט? — מאַכט ער צו מיר — ביסט אַ וווּיל ייִנגל, ווי איך בין אַ ייִד. איך האָב דיך ליב נאָר דערפֿאַר, וואָס דו האָסט פֿײַנט בעטלען, אַזוי ווי אַנדערע: „גיב מיר אַ שטיקעלע! גיב מיר אַ פּיצעלע! אָנקוקן קאָן איך ניט אָט די בעטלערס!... אַ שטיקל קאָנפֿעקט ווילסטו?

— אַ שטיטל טאָנפֿעט? — זאָג איך — פֿאַר וואָס ניט?

— נו, — זאָגט ער — און ניסלעך אַ צוויי וואָלטסט דו גע־קנאַקט?

— ניסלעך? — זאָג איך — פֿאַר וואָס ניט? איך זאָל האָבן, וואָלט איך דערטנאַטט.

יואליק לייגט־אַרײַן די האַנט אין קעשענע. איך מיין, אַז דאָס נעמט ער אַרויס און גיט מיר. צום סוף רופֿט ער זיך אָן צו מיר:

— איך וועל דיר געבן מאַרמעלאַד אַ האַלב שטיקל און ניס־לעך דרײַ... אויב דו וועסט זיך מיט מיר בײַטן. וועסט זיך בײַטן?

— בײַטן? — זאָג איך — מיט וואָס וועלן מיר זיך בײַטן?

— איך וועל דיר — זאָגט ער — געבן דאָס מעסערל מײַנס. דו ווייסט דאָך מײַן ווײַס מעסערל? אַן אמתדיקס, אַ זאַוויאַלאָווס[5]!

אַ חידוש אַ ביסל, אויב איך קען יואליקס מעסערל! ווער קען ניט יואליקס מעסערל? וויפֿל מאָל האָב איך אים דערויף מקנא געווען! וויפֿל מאָל האָב איך דאָס געזען אין חלום!...

---

[5] פֿון דער בעסטער מאַרקע.

— נו, און איך? — זאָג איך — וואָס זאָל איך דיר געבן דערפֿאַר?

— און דו — זאָגט ער — וועסט מיר געבן דײַן זילבערנעם פּערציקער.

— נעם! — זאָגט צו מיר דער יצר־הרע — נעם, ס׳איז אַן אַנטיק פֿון אַ מעסערל. אַלע ייִנגלעך וועלן דיר מקנא זײַן...

איך וויל אַרויסנעמען געלט; נאָר באַלד פֿאַרכאַפּ איך מיך.

— אַ חכם אַ ייִד! — זאָג איך — פֿאַר אַ פּערציטער טאָן מען שוין טויפֿן אַ נײַ מעסערל.

— אָט אַזאַ מעסערל? — זאָגט יואליק — פּורים נאָכן קאַלטן קוגל!... שאַ, ווייסטו גאָר וואָס? איך גיב דיר צו אַ האַלב טוץ קנעפּלעך ביינערנע.

— פֿאַר דעלט — זאָג איך — טאָן מען טויפֿן צען טויזנט טוץ טנעפּלעך.

— נו, — זאָגט ער — און קאָנפֿעקטן און ניסלעך איז קיין געלט ניט? איך זאָג דיר צו, אַלע מאָל, ווען דו וועסט בעטן, גיב איך דיר, ווי איך בין אַ ייִד. אָט האָב איך אַ טשוואָק, אַן אײַזער־נעם, זעסטו? — שענק איך דיר אַוועק דעם טשוואָק אומזיסט. דו זעסט, וואָסער טשוואָק?

— וואָס דאַרף איך — זאָג איך — צוויעטעס?

— ער וועט דיר — זאָגט ער — צו נוץ קומען, נאַרעלע. קאָנסט אים פֿאַרשלאָגן ווו דו ווילסט. קאָנסט מיט אים אויסגראָבן אַ גריבל.

— וואָס דאַרף איך — זאָג איך — דראָבן דריבלעך?

— איך וועל דיך — זאָגט ער — לאָזן דאַוונען אין מײַן סידורל.

— וואָס דאַרף איך — זאָג איך — דאַוונען אין פֿרעמדע סידורים?

— איך וועל דיר געבן — זאָגט ער — אָנמעסטן מײַן שבת־דיק קאַשקעטל.

— וואָס דאַרף איך — זאָג איך — מעסטן פֿרעמדע טאַש־טעטן?

— ווילסטו ניט? נאַ זשע דיר! — מאַכט יואליק און דער־לאַנגט מיר אַ בוכענצי[6] אין זײַט אַרײַן — געפֿעלט אײַך אַ ביסל אַ קבצניוק? איך גיב אים אַזוי פֿיל זאַכן: אַ מעסערל, און קנעפּלעך און קאָנפֿעקטן, און ניסלעך, און אַ טשוואָק, און אַ סידורל, און אַ היטעלע אָנמעסטן — וויל ער נאָך ניט! אַ קבצנישע קישקע — וויפֿל מען לייגט אין איר ניט אַרײַן, איז ווינציק! ער מיינט, אַז ער האָט אַ זילבערנעם פֿערציקער, איז ער שוין אַ גאַנצער יאַ־טובי־דאַם! וואַרט־אויס, טאָפּעלע טוטאַדיטו, ווערסט אַ מאָל אָנקומען צו מיר, וועט דיר אויספֿאַלן באָקאָם[7]!... נחמיה! נאַ, איך שענק דיר אַוועק דעם טשוואָק!...

יואליק שענקט־אַוועק דעם טשוואָק נחמיהן (אַן אָרעם ייִנגל, וואָס הינקט אויף אַ פּיסל), און מיט מיר ווערט ער אויס חבֿר.

— ה —

וועט איר דאָך פֿרעגן: אויף וואָס פֿאָרט האָב איך געהאַלטן דאָס געלט?

ערשטנס, אויף ל״ג־בעומר צו דער סעודה. ל״ג־בעומר צו דער סעודה פֿלעגן אַלע קינדער ברענגען עפּעס אין חדר אַרײַן: ווער מזומן געלט, ווער עסנוואַרג און ווער אַ נאַשערײַ. נאָר איך אײנער פֿלעג קומען מיט מײַן שטענדיק אָנבײַסן — אַ שטיקל ברויט מיט קנאָבל. עס פֿלעגט מיר פֿלאַמען דאָס פּנים; און כאָטש אין קאָן האָט מען מיך אַרײַנגענומען גלײַך מיט אַלע ייִנגלעך, נאָר געפֿילט האָב איך, אַז ס׳איז מצד רחמנות — און ס׳איז מיר ניט אײַנגע־גאַנגען די שׂמחה... אַצינד, האָב איך מיר געטראַכט, הער איך אײַך אַלע מיטן קאָטער; איך בין, ברוך־השם, אַזאַ פּאַרשוין, וואָס איך

[6] אַ זעץ אין זײַט. — [7] צום שלעכטן (אין אַ זײַט).

גיי מיט מזומנים. ווי באַלד אַזאַ נגידס אַ ייִנגל, ווי יואליק, גיט צו שטײַער אַ פֿערטעלע, מעג איך געבן אַ קאָפּיקע, וואָרעם וואָס בין איך אַקעגן אים? אַ גאָרנישט! ווי איז אָבער דער דין, אַז איך גיב אַ פּיטאַקל[8], בין איך יוצא? נו, גיב איך טאַקע אַ גריווינקע[9] — און ווייסט ווער איז קאָפּל קוקאַריקו!״...

און איך האָב אַרײַנגעבראָכט אין דער קאַראָבקע[10] אויף ל״ג־בעומר צען קאָפּיקעס, דאָס איבעריקע געלאָזט אויף שפּעטער.

שפּעטער, זומער־לעבן, ס׳איז אויפֿגעקומען גרינוואַרג, עס האָבן זיך באַוויזן פֿרישע אויבסטן בײַ פּיראָדיטשקין אין די מולטער־לעך, איז געקומען ווידער אַ מאָל דער יצר־הרע.

— זעסט — זאָגט ער — גרינע אַגרעסן? זעסט, וואָסערע רויטע ווײַמפּערלעך?

— פֿון גרינע פּירות — זאָג איך — ווערן נאָר הײַליק[11] די ציין.

— מאַך „שהחיינו״, — זאָגט צו מיר דער יצר־טובֿ — שהחיינו איז אַ מצווה...

— שהחיינו — זאָג איך — וועל איך נאָך צײַט האָבן צו מאַכן; דער זומער איז נאָך גרויס. עס וועט נאָך גיין אַ סדרה פֿון ווײַנשל און פֿון פֿלוימען, פֿון עפּל און פֿון באַרן, פֿון דיניעס און פֿון קאַווענעס... איך וועל בעסער איבערלאָזן דאָס געלט, אם־ירצה־השם, אויף סוכּות — זיך קויפֿן אַ פֿאָן.

און ס׳איז געבליבן, איך זאָל איבערלאָזן דאָס געלט, אם ירצה השם, אויף סוכּות — זיך קויפֿן אַ פֿאָן.

— ו —

גאָט האָט געהאָלפֿן, — דער סוכּות איז געקומען, און איך האָב מיר געקויפֿט אַ פֿאָן, אַ גרויסע, אַ געלע, אַ „צווייזײַטנדיקע״. פֿון

---

[8] פינף קאָפּיקעס. — [9] צען קאָפּיקעס. — [10] פּושקע. — [11] זויער (נעמען ציטערן).

אײך זײַט זײַנען געווען אויסגעמאָלט צוויי חיות, וואָס האָבן געהאַט אַ פּנים פֿון קעץ, נאָר באמת זײַנען זיי געווען לייבן, מיט אָפֿענע מײַלער און מיט לאַנגע צונגען. אויף די צונגען בײַ זיי זײַנען געווען אַרויפֿגעטאָן פֿײַפֿלעך, אַ פּנים שופֿרות, מחמת ס׳איז געשטאַנען אָנגעצייכנט מיט גרויסע אותיות: בחצוצרות וקול שופֿר. אונטן, אונטער די לייבן, איז געשטאַנען אויפֿגעשריבן פֿון דער רעכטער האַנט: דגל מחנה יהודה. פֿון דער לינקער האַנט: דגל מחנה אפֿרים. דאָס האָט איר ערשט איין זײַט פֿאָן. אויף דער אַנדערער זייט איז געווען נאָך שענער. דאָרט זײַנען געשטאַנען אויסגעמאָלט די פּאָר־טרעטן פֿון משה מיט אהרנען, פּינקטלעך, ווי לעבעדיקע. משה מיט אַ גרויסן דאַשיק אויפֿן שטערן, און אהרן מיט אַ גאָלדענער רייף אויף דער געלער פּאַטלע. אין מיטן צווישן משה מיט אהרנען — אַ גאַנצע כאַליאַסטרע יִדעלעך, געפּאַקט איינס אויף דאָס אַנדערע, מיט תּורהלעך אין די הענט. אַלע האָבן זיי איין פּנים, גלײַך ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט: אַלע מיט לאַנגע אַלץ איינע קאַפּאָט־קעלעך, אַלע מיט שיך און זעקלעך און אַלע מיט גאַרטעלעך, אַ ביסל נידעריקער פֿון דער דיך[12]... די יִדעלעך הייבן פֿיס און זינגען: שׂישׂו ושׂמחו בשׂמחת תּורה.

באַקומען אַ פֿאָן, באַדאַרף מען קריגן אַ שטעקל צו דער פֿאָן. דאָ מוז מען שוין אָנקומען צו ר׳ זיאַמע דעם סטאָליער, טאַקע דער אייגענער ר׳ זיאַמע, וואָס האָט אַ מאָל זיך אונטערגענומען מיך אויסלערנען ריידן „ווי אַ מענטש“.

— וואָס ווערסט דו עפּעס זאָגן טאָפּעלע טוטאַריטו?

— אַ שטעטל צו דער פֿאָן...

— וואָס הייסט — זאָגט ער — אַ שטעטל?

— אַ שטעטל — זאָג איך — פֿון אַ שטיטל האָלץ, מען זאָל טאָנען טראָגן די פֿאָן.

ר׳ זיאַמע טרײַבט מיט מיר אַזוי לאַנג קאַטאָוועס, ביז איך

---

[12] היפּט, לענדן.

צעוויין מיך. דעמאָלט ווערט ער ווייך, וואַרפט־אַוועק אַלע אַרבעטן, נעמט אַ שטיקל האָלץ, אַ שניץ אַהער, אַ שניץ אַהין — פּאַרטיק.

אַצינד פּעלט מיר נאָך אַן עפּל מיט אַ ליכטל, געוויינטלעך פֿון וואַקס, ניט פֿון חלבֿ, וואָרעם חלבֿ, אַז וועט אַרויפֿקאַפּען אויפֿן עפּל, איז פֿאַרפֿאַלן דער עפּל, מען וועט אים נאָך דעם ניט קאָנען עסן... אָבער וואַקס מאַכט ניט אויס, וואַקס איז כשר.

נו, און וואַקס איז דאָך בײַ מיר פֿאַראַן מער ווי בײַ אַלע ייִנגלעך. אַדרבה, אַ ייִנגל, אַז ער באַדאַרף אַ שטיקל וואַקס, צו וועמען קומט ער אָן? צו מיר! וואָרעם מײַן טאַטע איז דאָך אונטער־שמש אין אונ־טערשטן קלײַזל פֿון דער קצבֿישער קלויז, איז וואָס עס בלײַבט נאָך יום־כּיפּור פֿון די ליכט געהערט צו אים — דאָס איז זײַן הכנסה. ער שמעלצט דערפֿון „שמשים צו די חנוכּה־ליכטלעך, הבֿדלות און סטאָטשיקעס[13]. און וואָס עס פֿאַלט־אַראָפּ פֿון די הבֿדלות מיט די סטאָטשיקעס געהערט צו מיר — דאָס איז מײַן הכנסה.

הקיצור, איך האָב אַלצדינג, וואָס מען באַדאַרף!

— ז —

אַרײַנגעזעצט די פֿאָן אינעם שטעקל, אויפֿגעפּאַסט אויפֿן שפּיץ אַ רויטן עפּל און אָנגעצונדן פֿון אויבן דאָס וואַקסענע ליכטל, לאָז איך מיך שמיני־עצרת אויף דער נאַכט אין שול אַרײַן, צו די הקפֿות, לעבעדיק־פֿריילעך, ווי אַ גליקלעכער פּרינץ, ווי אַ בן־מלך, וואָס קיינער איז צו אים ניט גלײַך.

עס שטעלט זיך מיר פֿאָר, אַז איך בין שוין אין שול אויבן, אויף דער מזרח־באַנק, מיט אַלע באַלעבאַטישע קינדער. די ליכט ברענען. מײַן פֿאָן איז שענער פֿון אַלע פֿאָנען. מײַן עפּל איז רויטער פֿון אַלע עפּל. מײַן ליכטל איז גרעסער פֿון אַלע ליכטלעך. אין שול איז אַן ענגשאַפֿט, אַ היץ מיט סכּנת־נפֿשות. ווײַבלעך און

[13] וואַקסליכטלעך.

מיידלעך אַ סך זײַנען געקומען קושן די תּורה. אַט גייט ר׳ מלך דער חזן מיטן צעלאָזטן טלית אויף צו פּריִער, ווי אַ גענעראַל־פּעלד־מאַרשאַל. נאָך אים — די באַלעבאַטים. ר׳ מלך ציקלט זיך און זינגט אויף זײַן בלעכענער שטימע: עו־זר ד־־־לים, הושיעה נא!״ — די ווײַבלעך מיט די מיידלעך שפּרינגען אין פּנים אַרײַן, קושן די תּורות און שרײַען מיט אַ קוויטש: „דערלעבט איבער אַ יאָר! דער־לעבט איבער אַ יאָר!״ — „גם אַתּם! גם אַתּם!״

נאָר אײדער מען קומט־צו צום אונטערשטן קלײַזל פֿון דער קצבֿישער קלויז, דאָרט ווו איך דאַוון, מוז מען דורכגיין פֿאַרבײַ עטלעכע שולן און בתּי־מדרשים: די קאַלטע שול, די ליטווישע שול, דאָס שנײַדערישע שולכל. דאָס גרויסע בית־מדרש, דאָס קליינע בית־מדרש, דאָס אַלטע בית־מדרש, די ערשטע קלויז, די חסידישע קלויז, די מתנגדישע קלויז, די נײַע קלויז, דאָס געלע קלײַזל — ביז מען קומט צו דער קצבֿישער קלויז — און פֿון דאָרטן שוין לאָזט מען זיך אַראָפּ אין אונטערשטן קלײַזל.

אָט אָ די אַלע שולן און בתּי־מדרשים, וואָס איך האָב אײַך דאָ אויסגערעכנט, זײַנען חלילה נישט צעוואָרפֿן, דער אין ליסי, יענער אין סטריסי, ווי בײַ אײַך אין יעהופּעץ. בײַ אונדז, אין קאַס־רילעווקע, איז אַ חיות. בײַ אונדז געפֿינען זיי זיך אַלע אויף איין גאַס, אויף איין שטיקל ערד, כּמעט אין איין הויף, — און דאָס ווערט אָנגערופֿן דער שולהויף.

אונדזער שולהויף איז אין גאַנצן כּמעט איין שול. זומער, אַז די פֿענצטער זײַנען אָפֿן, און איר גייט פֿאַרבײַ בשעת מען דאַוונט, ווייסט איר נית וואָס איר זאָלט טאָן: צי איר זאָלט בלײַבן שטיין און שפּרינגען קדושה, צי איר זאָלט זיך אָנבייגן כאַפּן אַ ברכו, צי איר זאָלט ענטפֿערן „אָמן יהא שמיה רבאָ״. בשעת פֿון איין זײַט הערט זיך אַ געזאַנג „אָז ישיר משה״, שרײַט עמעצער פֿון דער זײַט: „א־ח־־־ד־״... פֿאַלט איינער אַרײַן פּלוצעם מיט אַ ניגון פֿון דער גמרא, מכּלל שהוא צריך לפּרט ומפּרט שהוא צריך לכּלל״, שלאָגט אים איבער נאָך איינער מיט אַ ניגון „יתגדל ויתקדש שמיה

רבאָ״... קומט צו גיין אַ דריטער און לאָזט־אויס גאָר מיט אַן אַנדער טאָן „הללויה! הללויה!״...

אונדזער שולהויף האָט צוויי געשטאַלטן: אין דער וואָכן איז ער אַנדערש, שבת און יום־טוב — ווידער אַנדערש. אין דער וואָכן איז ער אַ מאַרק פֿון ייִדישע ספֿרים, טליתים, ציצית און מזוזות, פֿוילע עפּל, קבֿרות־באַרלעך, סעמעטשקעס און בעבלעך, מאָהינדלעך, בייגעלעך און צוקער־לעקעך. ציגן צעלייגן זיך ווי בײַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן, און זײַנען מעלה־גרה, שאָקלען בשעת מעשׂה מיט די בערדלעך. קומט שבת און יום־טובֿ — אויס מאַרק, אויס מסחר, אויס ציגן, ייִדן, זאָלן געזונט זײַן, קלײַבן זיך צונויף רעדלעכווײַז, מען רעדט און מען גראַגערט. מען דערציילט נײַס פֿון דער גאַנצער וואָך, פֿונעם גאַנצן יאָר און פֿון דער גאַנצער וועלט. אויך קינדער, חדר־ייִנגלעך, זײַנען דאָ. חדר־ייִנגלעך פֿון אַלע חדרים לויפֿן, שפּרינגען, שוועבן אַהין און אַהער, ווי די פֿיש אין וואַסער; גאָט האָט זיי געשענקט אַ מתּנה — זיי זײַנען פֿרײַ! מען באַטראַכט זיך איינס דאָס אַנדערע די נײַע קאַפּאָטקעלעך, וועמעס איז לענגער, די יום־טובֿדיקע קאַשקעטלעך, וועמעס קאָפּ איז גרעסער, און מען מעסט אויף פֿינגער, וועמעס פּאה איז קירצער. דערבײַ כאַפּט מען געווינטלעך, ווער אַ פֿליק און ווער אַ שטורך און ווער אַ קלאַפּ — ס׳איז פֿריילעך.

גאָר פֿריילעכער ווי אַלע מאָל איז סוכּות, שמיני־עצרת אויף דער נאַכט, פֿאַר די הקפֿות, בשעת אַלע ייִנגלעך פֿון אַלע חדרים קומען זיך צונויף אַהער מיט די פֿאָנען. דאָ מושטירעוועט מען זיך אויס אויף כּיתּות, גרויסע ייִנגלעך באַזונדער און קליינע ייִנגלעך באַזונדער. דאָ באַטראַכט מען איינס בײַם אַנדערן די פֿאָנען, וועמעס שטעקל איז גרעסער, וועמעס עפּל איז רויטער, וועמעס ליכטל איז פֿון חלבֿ און וועמעס — פֿון וואַקס. דערבײַ פֿאַלן געננוג ווערטלעך, חכמות און געלעכטערס. איינער טוט־אָפּ דעם אַנדערן אַ שפּיצל; ער פֿאַרלעשט אים דאָס ליכטל אָדער ער פֿאַרגנבֿעט זיך און בײַסט

אים אָפּ דעם עפּל, באַקומט ער אין טאַטנס טאַטן מיט אַ פּאַטש אויף פֿאַרבײַסן — ביז מען צעגייט זיך איטלעכער אין זײַן שול אַרײַן.

— ח —

— מזל־טובֿ! טאָפּעלע טוטאַריטו האָט אַ פֿאָן! שלום עליכם, אַ גוטער ייִד, אַ האַלבן פּנים אָפּגעבריט...

מיט אַזאַ ברייטן ברוך־הבאָ האָבן מיך חבֿרה קונדייסים באַגעגנט, אַז איך בין געקומען אויפֿן שולהויף מיט מײַן פֿאָן.

איך באַטראַכט אַלע פֿאָנען און וואַרף אַ קוק אויף מײַן פֿאָן — ווער? וואָס? וועמען? ווי קומען זייערע פֿאָנען צו מײַן פֿאָן?

ערשטנס, די פֿאָן אַליין. בײַ קיינעם שטייט זי ניט אַזוי גלײַך אַרײַנגעזעצט אין שטעקל, אַז מען זאָל אַרויסזען בײדע זײַטן. בײַ קיינעם איז ניטאָ אַזאַ גלײַך, קײַלעכיק, געטאָקט שטעקל. בײַ קיינעם איז ניטאָ אַזאַ רויטער גלאַטער עפּל. בײַ קיינעם איז ניטאָ אַזאַ שיין געראָטן ליכטל, וואָרעם ווער פֿאַרמאָגט אַזוי פֿיל וואַקס, ווי איך? ווער האָט געכאַפּט אַזוי פֿיל פּעטש מיט סטוסאַקעס, ווי איך, בשעת דער טאַטע האָט מיך געכאַפּט אין פּאָליש[14] אונטער דער באַנק קלײַבן די שטיקלעך וואַקס פֿון די צעשמאָלצענע יום־כּיפּורדיקע שטיקלעך ליכט?... איך מאַך אַ פֿאַרגלײַך צווישן מײַן פֿאָן און צווישן די אַלע איבעריקע פֿאָנען — און מײַן האַרץ ווערט פֿול מיט גדלות. עס מאָלט זיך מיר אויס, אַז איך וואַקס און וואַקס העכער און העכער, לענגער און ברייטער, די פֿיס טראָגן מיך. עס גלוסט זיך מיר לאַכן, שרײַען, קוויטשען, כאַפּן אַ טענצל...

— אַנו, ווײַז נאַר! — רופֿט זיך אָן צו מיר יואליק דעם נגידס און בלײַבט שטיין פֿאַרגאַפֿט.

ער באַקוקט מײַן פֿאָן. איך באַקוק זײַן פֿאָן. „אויך מיר אַ

[14] פּאָדער־שטיבל, פֿאַרן אַרײַנגיין אין שול.

פֿאָן! — טראַכט איך מיר — אויך מיר אַ שטעקל! אויסגעבויגן, גלײַך ווי אַ קאָטשערע!״ איך זע, אַז ער איז אַ געקאָכטער, נאָר איך מאַך מיך ניט וויסנדיק און קוק קלוימערשט אין אַ זײַט.

— קאָפּל! — מאַכט ער צו מיר — וווּ האָסטו גענומען אַזאַ שיין שטעקעלע?

— האַ? — זאָג איך און דריי מיך אויס צו אים מיטן פּנים.

— וווּ האָסטו דערטאַפּט —— זאָגט ער נאָך אַ מאָל — אַזאַ טשאַקנדיק שטעקעלע?

— וואָס איז דען? — זאָג איך צו אים, — ווילסט זיך אפֿשר בײַטן אויף דײַן טשוואָק?...

יואליק פֿאַרשטייט דעם שטאָך. ער טוט אַ גלאַנץ מיט די איי־געלעך, אַ סמאָרע מיט דער נאָז, לייגט־אַרײַן די האַנט אין קע־שענע און טרעט־אָפּ. איך קוק אים נאָך און קוועל, עס קומט מיר צו אַ שטיק געזונט. איך זע, ווי ער רופֿט־אָפּ נחמיהן מיטן קרומען פּיסל אויף אַ זײַט און סודעט זיך מיט אים און ווינקט אויף מיר מיט די אויגן. איך זע גאַנץ גוט, נאָר איך מאַך מיך ניט וויסנדיק. אין אַ מינוט אַרום גייט־צו צו מיר נחמיה מיטן קרומען פּיסל, האַלט יואליקס פֿאָן מיטן קרומען שטעקל און רופֿט זיך אָן צו מיר:

— גיב מיר אָנצינדן דאָס ליכטל; מײַנס האָט זיך פֿאַרלאָשן.

— ס׳איז דען דײַן פֿאָן? — זאָג איך צו אים און בייג אים אָן מײַן פֿאָן מיטן ליכטל — איך ווייס דאָך ווֶעמעס פֿאָן דאָס איז...

און אײדער איך קוק מיך אַרום, טראָגט־צו נחמיה זײַן אָנגע־צונדן ליכטל צו מײַן פֿאָן און מאַכט בורא מאורי האש. מײַן פֿאָן צינדט זיך אָן, טוט אַ פֿלאַקער, פּ־פּ־פּו — אויס פֿאָן! — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען עס פֿאַלט־אַראָפּ פֿונעם הימל אַ שטיין גלײַך מיר אין קאָפּ אַרײַן, ווען אַ ווילדע חיה פֿאַלט־אָן אויף מיר און וויל מיך פֿאַרצוקן, אָדער ווען עס קומט מיר אַקעגן אַ מת האַלבע נאַכט אין ווײַסע תכריכים און וויל מיך וואַרגן — וואָלט מײַן שרעק ניט באַדאַרפֿט זײַן אַזוי גרויס, ווי בשעת איך האָב דערזען מײַן נאַקעטן שטעקן

מיט דער אָפּגעברענטער פּאָן. עס האָט זיך אַרויסגעריסן בײַ מיר פֿונעם האַרצן אַ געשריי:

— אוי, ווײ, מײַן פּאָן! מײַן פּאָן! מײַן פּאָן!...

עס האָבן זיך אַ גאָס געטאָן טרערן פֿון מײַנע אויגן. די גאַנצע וועלט איז פֿאַר מיר געוואָרן פֿינצטער. דאָס שטעקל מיטן עפּל מיטן ליכטל זײַנען אַרויסגעפֿאַלן פֿון מײַנע הענט און איך האָב מיך געלאָזט גיין, איך ווייס אַליין ניט וווהין. איך גיי און גיס מיט הייסע ביטערע טרערן. איך ברעך די הענט און באַוויין מײַן פּאָן, ווי מען באַווײנט אַ טויטן. און איך קום צו גיין אַהיים אײנער אַליין, אָן אַ פּאָן, און איך פֿאַרקלײַב מיך אין אַ ווינקעלע, און דאָ, אין דער פֿינצטער זיץ איך. דעם קאָפּ אַראָפּ צווישן די קני̇ען, און וויין שטילערהייט, קיינער זאָל ניט זען, קיינער זאָל ניט הערן, און איך פֿרעג בײַ גאָט אַ קשיא:

— גוואַלד, גוואַלד, רבונו של עולם! פֿאַר וואָס קומט דאָס מיר? פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען?! — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס לעצטע קאַפּיטל

איר ווייסט, אַלע מעשׂיות האָבן אַ סוף און לאָזן זיך אויס אָדער פֿריילעך אָדער טרויעריק. ייִדישע מעשׂיות לאָזן זיך אויס, צום צום מייִנסטן, טרויעריק. פֿאַראַן בײַ אונדז אַ ווערטל, אַז אַ ייִד, ובפֿרט אַן אָרעמאַן, טאָר קיין הנאה ניט האָבן. ס'איז אַ סך וועגן דעם צו ריידן; אַז איר וועט אונטערוואַקסן, וועט איר געוויר ווערן... דערווײַל באַדאַרף איך אײַך זאָגן, אַז די מעשׂה מיט מײַן פּאָן האָט זיך נאָך ניט אויסגעלאָזט מיט דעם, וואָס איך האָב אײַך דאָ דערציילט. איך האָב נאָך גוט צוגעקרענקט. געלעגן אין אַ העליש פֿײַער. געזען פֿאַר זיך משונה־מאָדנע זאַכן, שלאַנגען און עקדישן מיט פֿײַערדיקע צונגען און ווילדע חיות אינעם געשטאַלט פֿון מענטשן... איך האָב געהערט משונה־מאָדנע קולות פֿון קעץ און פֿון פּיפּערנאָטערס. איך האָב זיך געוואָרפֿן, גערעדט פֿון היץ, געוועזן פֿאַרבײַ. מען האָט

נישט געהאַלטן פֿון מײַן לעבן. אין אונטערשטן קלײַזל פֿון דער קצבֿישער קלויז האָט מען שוין אַפֿילו אָפּגעזאָגט תּהילים אויך. איך בין געווען העכער האַלב אויף יענער וועלט.

נאָר זײַט וויסן, אַז אויפֿן אַנדערן יאָר האָב איך געהאַט אַ פֿאָן נאָך אַ שענערע, מיט אַ שענערן שטעקל, מיט אַ שענערן עפּל, און בין דווקא געווען אין שול גאַנץ אויבן אָן, אויף דער מזרח־באַנק, מיט אַלע באַלעבאַטישע קינדער. די ליכט האָבן געברענט, מײַן פֿאָן האָט געשײַנט. ייִדן זײַנען געגאַנגען מיט די הקפֿות, ר׳ מלך דער חזן מיטן צעלאָזטן טלית איז געגאַנגען אויף צו פֿריִער, ווי אַ גענע־ראַל־פֿעלדמאַרשאַל. ער האָט זיך געציקלט און געזונגען אויף זײַן בלעכענער שטימע: עו־זר ד־־־לים, הושיעה נא!״ — ווײַבלעך און מיידלעך אָן אַ שיעור האָבן געקושט די תּורות, געשפּרונגען אין פּנים אַרײַן און געשריגן מיט אַ קוויטש: „דערלעבט איבער אַ יאָר! דערלעבט איבער אַ יאָר!״ — „גם אתּם! גם אתּם!״...

שמואל צעסלער

## דער מאָלער

איך קען אַלץ אַזוי שיין מאָלן,
כ׳צייכן בילדער אָן אַ צאָל,
אָבער כ׳וויס ניט פֿאַר וואָס קיינער
קען דערקענען וואָס איך מאָל.

הײַנט האָב איך געמאַכט אַ גלעקל,
פֿרעג איך: — מאַמע, וואָס איז דאָס?
ענטפֿערט זי: — דאָס איז אַ טעפּל,
אָדער גאָר אַזאַ מין גלאָז!

כ׳האָב אין שול אַ פֿערד געצייכנט,
כ׳זאָג אײַך, טאַקע אַן אַנטיק,

ווײַז איך עס דעם לערער, מאַכט ער:
— ס׳איז דאָך גאָר אַ פֿײַנע ציג!

כ׳האָב אַנומלט אויסגעמאָלן
גאָר אַ פּרעכטיקן פּאַיאַץ,
פּאַטשט מײַן שוועסטער מיט די הענטלעך:
— מאַמעלעך, ס׳אַ שיינע קאַץ!...

כ׳צייכן ווי דער בעסטער מאָלער,
כ׳האָב שוין בילדער אָן אַ צאָל,
ס׳איז אָבער אַ גרויסע צרה:
— מען דערקענט ניט וואָס איך מאָל — — — —

י. ל. פּרץ

## אַן אומזיסטער פּאַטש

פֿון געבוירן אָן האָב איך פֿײַנט געהאַט זיסע זאַכן, אין מויל אַרײַן נישט גענומען.

— ער וויל, מען זאָל אים האַלטן פֿאַר קלוג! — האָט מען זיך געררייצט מיט מיר.

די באָבע פֿלעג באַקן אַלערליי זיסע זאַכן: ווײַסן לעקעך, האָניק־לעקעך, טאָרטן, פּרעגלען אײַנגעמאַכטסן, פֿאַר זיך, פֿאַר די קינדער, פֿאַר די קראַנקע אָרעמע לײַט.

אַלע אייניקלעך עסן. איך איינער — אַן אויסנאַם: איך עס נישט.

מאַכט זיך אַ שׂמחה בײַ אונדז. קומען אָרעמע לײַט אויף לעקעך און בראָנפֿן. פֿאַרזאַמלען זיי זיך אין מיטלשטוב. אין דער שטוב לינקס — די באַלעבאַטישע געסט.

טראָגט דער סאַרווער פֿון דער מאַמעס שטוב אַרויס, הויך אי־בערן קאָפּ, אַ טאַץ מיט לעקעך צו די באַלעבאַטים אַרײַן, איבער

דער מיטלשטוב. און איך זע, ווי אַ קראַנק מיידל קוקט מיט פֿאַר־ברענטע אויגן צו דער טאַץ אַרויף. פֿלינק בין איך געווען, שפּרינג איך אונטער, כאַפּ אַ שטיקל לעקעך און דערלאַנג דעם בלאַסן מיידל...

דער טאַטע — איך האָב נישט געוווסט דערפֿון — איז געשטאַנען אין טיר פֿון דער מאַמעס שטוב. דעם שפּרונג אין דער הויך האָט ער געזען. וואָס איך האָב מיטן לעקעך אין דער נידער געטאָן — נישט.

גייט ער צו און דערלאַנגט מיר אין באַק.

צו מאָרגנס, מיר זיצן אַלע בײַם טיש, פֿאַרקלאָגט ער מיך פֿאַר דער מאַמען:

— דער קאָמעדיאַנט עסט כּלומרשט נישט קיין זיסע זאַכן און כאַפּט לעקעך פֿון טאַץ!

קומט־אַרײַן די דינסט מיט דער יויך — געהערט האָט זי, אַ פּנים, הינטער דער טיר — און דערציילט, וואָס איך האָב מיטן לעקעך געטאָן. זי האָט געזען.

די מאַמע האָט די ברעמען אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן. דער טאַטע איז בלאַס געוואָרן. די אויגן זײַנען בײַ אים פֿײַכט געוואָרן. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז אַרײַן אין צווייטן צימער.

י. י. סיגאַל

## אייניקלעך

צוועלף קינדער אין אַ ראָד
און דער זיידע אַזאַ גרויסער,
מיט אַ לאַנגער באָרד אַ ווײַסער,
שטייט אין מיטן ראָד.

און די צוועלף אייניקלעך
דרייען זיך אַרום דעם זיידן,

לאַכנדיק, זינגענדיק,
מיט די צינגלעך קלינגענדיק.

פֿרייט עס אַזוי שטאַרק
דעם זיידן,
צוועלף שיינע אייניקלעך
זײַנען אַ גן־עדן.

אַברהם זאַק

## אין אַן אָרעמער שטוב

פֿון בוך „אין אָנהייב פֿון אַ פֿרילינג"

נאָר אין ימים־טובֿים פֿלעגט אויך אין אונדזער אָרעמער שטוב אַרײַנדרינגען אַ קאַפּעלע פֿרייד. בפֿרט פּסח און סוכּות, ווען עס פֿלעגט אָנקומען פֿון דער פּאָסט אַן אָנווײַזונג אויף עטלעכע רובל פֿון אַמעריקע... אַפֿילו די אַנדערע ימים־טובֿים פֿלעגט מען בײַ אונדז ווי עס איז „צונויפֿשטוקעווען". אמת, נישט אַזעלכע געהויבענע ימים־טובֿים מיט קאַרפּן, מיט אינדיקעס, מיט גוטן ווײַן, מיט היימיש געבאַקענער חלה. אָבער „נישט צו פֿאַרזינדיקן" — פֿלעגן זאָגן טאַטע־מאַמע. ס׳איז אויך גוט געווען, אַז די מאַמע פֿלעגט קאָנען קויפֿן אויפֿן מאַרק אַ פֿונטל ביליקע סטינקעס — „דגים"! — פֿלעגט זיך ביטער וויצלען דער טאַטע. פֿאַר אונדז איז אויך גענוג געווען כאָטש אַ זכר פֿון פּראָסטן, מאָגערן פֿלייש מיט ביינער, נישט דווקא די גרויסע פּאָרציעס אויף אויסצופֿילן די טעלערס.

צום מערסטן האָט מיך פֿאַרשלונגען דער ערבֿ פּסח. די הכנות אין שטוב צום גרויסן יום־טובֿ, די מאַמע איז כּסדר פֿאַרפּאָרעט מיט וואַשן, שײַערן און כּשרן. דער טאַטע לופֿטערט אויף דרויסן די

ספֿרים. ס׳איז וואַרעם. ס׳איז פֿרילינגדיק. די קרומעניאַנקע[1], וואָס נעבן אונדזער שטוב, רוישט מיט די פֿרילינגדיקע וואַסערן, וועלכע קומען־אָן פֿון די צעגאַנגענע שנייען. דאָס שטיבל אונדזערס איז שוין אַן אויסגעקאַלכטס. דאָס האָט דער טאַטע אַליין געקויפֿט אַ שטיק קרײַד און אויסגעווײַסט. די מאַמע האָט אויסגעוואַשן די פּאָדלאָגע און פֿאַרשאָטן מיט געלן זאַמד. איך מיט דער שוועסטער פֿאַרנעמען זיך מיט באַפּוצן די ווענט מיט אויסגעשוירענע קאָלירטע פּאַפּירענע בלימלעך — גרינע, בלויע, רויטע. ערבֿ פּסח, אַז דאָס שטיבל איז שוין געווען אויסגערייניקט פֿון חמץ, פֿלעגט דער טאַטע אַראָפּנעמען פֿון בוידעם דאָס קעסטל מיט די פּסחדיקע כּלים, מיט דער יום־טובֿדיקייט אין שטיבל.

הײַנט די פֿרייד פֿון די סדרים גופֿא, פֿונעם פּסח־טיש! דער טאַטע אינעם ווײַסן קיטל אויפֿן היסב־בעט. דער דערשלאָגענער ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר, דער פֿאַרדאגהטער אבֿיון, איז פּלוצלינג געוואָרן אַ מלך... אַ מלך, וואָס גיט־אַרויס קאָמאַנדאָס: „רחצה“... — און די מאַמע מוז אים באַלד געהאָרכזאַם צוברענגען אַ קוואָרט וואַסער מיט אַ שיסל צום וואַשן די הענט. און איך, דער פּרינץ, דער בן־מלך, האָב הײַנט אויך אַ גרויסע ראָלע: איך דאַרף פֿרעגן די פֿיר קשיות, צו וואָס דער רבי אין חדר האָט מיך אַ וואָך פֿאַר פּסח גענומען צוגרייטן. פֿיל איך מיך אויך גאָר דערהויבן און יום־טובֿדיק.

יעדער בײַ אונדז האָט געהאַט זײַן שטענדיקע כּוסה: דער טאַטע אַ גלעזערנעם כּוס מיט רויטע בלימלעך; די מאַמע אַ געוויינלעך גלעזל; די שוועסטער אַ קליין בלוי גלעזעלע מיט אַ „טאַליע“ אין מיטן. און מײַן כּוסהלע, געדענק איך, איז געווען אַ בלעכענע, מיט קאָלירטע מאָלערײַען פֿון דער אויסנווייניקסטער זײַט. אויבן ברייט, אונטן שמאָל, ווי אַ קוגעלע־טעפּעלע. אָבער דעם גרעסטן כּוס בײַם סדר האָט געהאַט אליהו הנבֿיא. אַ פּנים דערפֿאַר, ווײַל דער פֿול אָנגעגאָסענער כּוס זײַנער איז דאָך שטענדיק געבליבן אַ נישט־אויסגע־

[1] אַ קליין טײַכל.

טרונקענער... אין דער אמתן: צי איז דען אליהו ביכולת אויסצוטרינקען אַלע כּוסות אין אַלע ייִדישע הײַזער?...

ווײַן און מעד האָט דער טאַטע שטענדיק געקויפֿט בײַ שלמה־איטשע דעם ווײַנשענקער אין קעלער: אַ קוואַרטירל ווײַן און אַ קוואַרטירל מעד. אַהין פֿלעגט מיך דער טאַטע אויך מיטנעמען און איך פֿלעג זיך דאָרט אָנזאַפּן מיט די יום־טובֿדיקע ריחות פֿון די פֿעסלעך פּסחדיקן ווײַן. אגבֿ פֿלעגט שלמה־איטשע געבן צו פֿאַרזוכן אַ שלוק ווײַן. נישט קיין קלייניקייט...

מצה האָט אונדז אַ גאַנצן פּסח נישט געפֿעלט. אדרבה, עס פֿלעגט נאָך איבערבלײַבן מצה אויך אויף נאָך פּסח. דער טאַטע פֿלעגט דעמאָלט די מצה צעשטייסן אין אַ הילצערנער „סטופּע" אויף מצה־פֿאַרפֿעלעך און מצה־מעל. פֿלעגט די מאַמע האָבן אויף אַ לאַנגע צײַט, ביז סאַמע שבֿועות, צו שיטן אין די טעלערס געקעכטסן. אַזוי אַרום פֿלעגט זי אײַנשפּאָרן צו קאָכן לאָקשן אָדער פֿאַרפֿל. און נישט האָט אונדז קיין מצה פּשוט דערפֿאַר, ווײַל די מאַמע האָט צוויי וואָכן פֿאַר פּסח געפּראַצעוועט אין אַ בשותּפֿותדיקן פּאָדריאַד [2] און כּשר פֿאַרדינט די מצות אויף פּסח. עס האָט נאָך צוגעהאָלפֿן דער טאַטע ווי אַ גוטער רעדלער [3]. און איך פֿלעג אויך צוהעלפֿן ווי אַ וואַסער־גיסער בײַ די מײרעס [4]. אויף אונדזער חלק פֿלעגט מען אונדז, אַרום און אַרום, אָפּטראָגן אַ גאַנץ היפּשן קויש מצה.

בײַם זאָגן די הגדה האָט דער טאַטע געהאַט אַ מאָנאָטאָנעם אומעטיקן ניגון, אַזוי פֿון אָנהייב ביז „חד־גדיא". ערשט בײַם סוף, בײַם שיר־השירים, איז ער געוואָרן הײַטערער און פֿלעגט מיר הייסן מיטזינגען גלײַך מיט אים. דער ניגון פֿון שיר־השירים איז געווען אַ גאַנץ אַנדערער — אַ ניגון מיט טראָפּ, ווי אין חדר, מיט אַלע דריידלעך, מיט די אייבער־און אונטער־טענער.

אַז איך פֿלעג זיך נאָכן סדר אַרויסכאַפּן אין געסל אַ קוק צו

---

[2] אַ קאָלעקטיוו מצה באַקן. — [3] דער וואָס רעדלט־אויס לעכלעך אין מצה. — [4] שטיקער טייג (צו מאַכן מצות).

טאָן אויף דער „ליל שימורים", האָט מיך אַרומגענומען אַ פֿאַנטאַסטישע בלויקייט. כ׳האָב געזען באַשײַנפּערלעך, אַז די פּסח־נאַכט איז טאַקע אַנדערש ווי אַלע נעכט פֿון אַ גאַנץ יאָר. די לבֿנה און שטערן פֿינקלען, דוכט, מיט אַן אַנדער הייליקן גלאַנץ, ווינקען זיך איבער מיט די פֿײַערלעך פֿון די יום־טובֿדיקע ליכט אין אַלע ייִדישע פֿענצטערס. ניגונים טראָגן זיך פֿון אַלע זײַטן. די געזאַנגען וועגן יציאת־מצרים. איך קוק אין דער בלויקייט פֿון הימל און פֿאַר די אויגן זע איך, ווי משה פֿירט די מחנה ייִדן צום ים־סוף, ווי ער שפּאַלט מיטן שטעקן דעם ים, ווי די וואַסערן צעטיילן זיך, הייבן זיך אויף ווי ווענט און די בני־ישׂראל גייען־דורך אין מיטן אין דער טריקעניש... און אַז איך הייב־אָן צו שפּרײַזן איבערן געסל, דוכט זיך מיר, אַז איך הער הינטער זיך טריט: אַז אָט שלײַכט די געשטאַלט פֿון אליהון, אַן אײַנגעהילטער אין בלויען שלייער, און ער גייט פֿון שטוב צו שטוב, ווען מען עפֿנט די טירן צו „שפֿוך חמתך"...

פֿיל איך מיך דערנאָך דערהויבן אין אונדזער אָרעם שטיבל. טראַכט איך בײַ נאַכט אויף מײַן געלעגער וועגן די גרויסע ניסים מיטן פֿאָלק ישׂראל. פֿלאָנטערן זיך מיר אין דמיון געשטאַלטן פֿון ייִדן־עבֿדים, וואָס אַרבעטן עבֿודת פּרך בײַ פּתום ורעמסס... זע איך, ווי דאָס קעסטעלע מיט משהן שווימען אויפֿן ניל און ווי פּרעהס טאָכטער גייט־אַרויס צום ברעג טײַך זיך וואַשן און ציט־אַרויס דאָס קעסטעלע... שלאָף איך אַזוי אײַן מיט די שיינע חלומות, ווײַל אויך אין אַן אָרעם שטיבל קומען חלומות... און אַ מאָל — גאָר גרויסע חלומות — — —

אַ צווייטער יום־טובֿ, וואָס איך האָב זייער ליב געהאַט, איז שבֿועות. אַ יום־טובֿ, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט נאַטור. ערבֿ שבֿועות פֿלעגן מיר — דער טאַטע, איך און מײַן שוועסטער רבֿקה — זיך אַוועקלאָזן אין פֿעלד, „אונטערן גלח", נאָך גרינס. מיר פֿלעגן אויסזוכן אַ געדיכטע ווערבע בײַם ראָוו [5] און אָנפּליקן אַ הורבע [6] פֿרישע,

---

[5] ווילדע יאַגדעס, וואָס וואַקסן אויף ביימער. — [6] קופּע.

גרינע צװײַגן. דאָס גאַנצע שטיבל האָט בײַ אונדז נאָך דעם באַקומען אַן אַנדער אױסזען. אַלץ האָט זיך געטונקען אין גרינס. די װענט, דער סופֿיט, אַלע װינקעלעך — אומעטום גרינס, גרינס. אַ גרינער יום־טובֿ אין שטיבל.

מײַן טאַטע, װאָס איז געװען אַ מײַסטער אין שניצערײַען, פֿלעגט פֿון אַ װערבע־שטעקעלע מאַכן אַ פֿײַפֿעלע פֿאַר מיר. אַ פֿײַפֿעלע מיט לעכלעך אין דער קאָרע, כּדי צו רעגולירן די טענער. פֿלעגט ער מיך לערנען פֿײַפֿן און נאָכמאַכן די פֿאַסטעכער אױף דער לאָנקע. איך פֿלעג אים נאָכטאָן, אָבער נישט אַזױ געלונגען װי ער. ער האָט עס געקענט. װײַל ער אַלײן איז געבױרן געװאָרן אין אַ דאָרף, אין ראָהאַטשי, אַ זעקס־זיבן װיאָרסט הינטערן שטעטל, און ער האָט זיך ייִנגלװײַז אױסגעלערנט פֿון די פֿאַסטעכער צו מאַכן פֿײַפֿלעך און צו שפּילן אױף זײ.

אָבער װאָס שײַך דער מאַמעס שבֿועותדיקע בלינצעס, זײַנען זײ נישט געװען אַזױ פֿעט און נישט אַזױ פֿיל, זײ זאָלן זעטיקן אַלעמענס אַפּעטיט — אַזױ װי, אַ שטײגער, בײַ אונדזערע באַלעבאַטים, בײַ װעלכע מיר האָבן געװױנט. בײַ יענע איז מיט פּרנסה געװען אַ סך לײַכטער װי בײַ אונדז. בײַ אונדז אין שטוב פֿלעגט תּמיד אױספֿעלן אױף צו ענדיקן די װאָך. עס האָט אױסגעפֿעלט די „ברכה און הצלחה“, װאָס מײַן מאַמע פֿלעגט זאָגן בכּװנה מיט איר אומעטיקן תּחנונימדיקן ניגון אַלע שבת־צו־נאַכט, װי נאָר עס פֿלעגט זיך באַװײַזן אױפֿן הימל דער ערשטער שטערן...

— — — — — — — — — — — — — — —

סוכּות און שׂמחת־תּורה האָבן דערפֿאַר װידער געבראַכט פֿרײד. שױן דאָס מײַסטרעװען די סוכּה הינטערן פֿענצטער צוזאַמען מיטן טאַטן האָט מיר פֿאַרשאַפֿן אַ סך הנאה. דער טאַטע איז געװען דער הױפּט־אַרכיטעקט און איך דער געהילף. איך פֿלעג צונױפֿשלעפּן די ברעטער פֿון אַלע װינקעלעך פֿון דער גרױסער סטאָדאָלע[7] צי פֿון בױדעם און פֿלעג זײ אײנציקװײַז דערלאַנגען דעם טאַטן, צוגעהאַלטן בײַם צוקלאַפּן זײ, דערלאַנגט די טשװעקעס, דערנאָך דעם סכך צו

פֿאַרלייגן אין דער הייך. אַז די סוכּה איז פֿאַרטיק געוואָרן, האָט מען זי פֿון אינעווייניק פֿאַרהאַנגען מיט לײַלעכער און דעמאָלט האָב איך מיט מײַן שוועסטער אויסגעהאַנגען אויבן, אויף די ווענטלעך, שטענגלעך רויטע ראַבינעס [7], ווי רויטע קרעלן אויפֿן ווײַסן פֿאָן. ווי קיל עס איז נישט געווען, בין איך כּסדר בײַ די סעודות געזעסן מיטן טאַטן אין דער סוכּה. בין שטאַרק צופֿרידן געווען, וואָס מען האָט מיך שוין אויך פֿאַררעכנט פֿאַר אַ דערוואַקסענעם, הגם איך בין נאָך נישט געווען קיין בר־מצווה.

אין סוכּה מיט אונדז איז אויך געזעסן אונדזער באַלעבאָס — מאיר־יאָשע קאַראַבעלניק. נישט קיין גרויסער גבֿיר, אָבער אַנטקעגן אונדז איז ער געווען אַן עושר. דאָס האָט מען אויך געקאָנט דערקענען אין די טעלערס פֿון די יום־טובֿדיקע סעודות... זײַן ווײַב לאה, לאה־מאיר־יאָשעס, פֿלעגט טאַקע אַרײַנברענגען אין סוכּה אַרײַן מכּל־טובֿ רחבֿה, און מײַן מאַמע, נעבעך אַ פֿאַרשעמטע, פֿלעגט אַרײַנטראָגן אָרעמאַנסקע, מאָגערע מאכלים.

דערפֿאַר זײַנען די אושפּיזין געווען פֿאַר אַלעמען גלײַך. פֿלעגט מײַן טאַטע זאָגן און אונטערברומען מיט אַ שטיל ניגונדל. און דאָס דאָזיקע ניגונדל האָט פֿאַרווישט און פֿאַרגלעט דעם חילוק פֿון די טעלערס... אַ נפֿקא־מינה, ס'איז סײַ־ווי־סײַ יום־טובֿ, ס'איז יום־הסוכּות פֿאַר אַלעמען — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי פֿלעגן יעדער יום־טובֿ באַלײַכטן אַ ביסל מײַן אומעטיק קינדעריש געמיט. עס פֿלעגט אַ שטראַל טאָן אַ פֿרייד און פֿאַרשווינדן צוזאַמען מיטן יום־טובֿ. נאָך דעם פֿלעגט זיך ווידער פֿאַרציִען אַ כמאַרע איבער מײַן טריבער קינדערישער וועלט.

אַ קינדהייט אָן פֿרייד...

---

[7] יאַגדעס.

שאול מאַלץ

## מיין זיידנס סוכה

מײַן זיידע האָט אַ סוכּה געבויט,
מיט שטאַנגען פֿאַר אַ דאַך,
אויסגעפּוצט זי אינעווייניק
און געדעקט מיט גרינעם סכך.

די שענסטע פֿרוכט אויפֿגעהאַנגען,
אין זילבערנע לײַכטער ברענען ליכט.
ס׳איז דער יום־טובֿ סוכּות געקומען,
שטראַלט מיט פֿרייד מײַן זיידנס געזיכט.

דער שיינער ניגון פֿון זײַן קידוש
ביז די הימלען גרייכט
און דורך סכך — אַ שטערן
פֿינקלט העל און לײַכט.

אין דער סוכּה זײַנען מיר
מיט אים געזעסן גאַנץ לאַנג
און העכער פֿון ביימער, העכער פֿון דעכער
האָט זיך געטראָגן זײַן געזאַנג.

ס׳האָבן געמעגט ווינטן שטורעמען,
ס׳האָבן שׂונאים געמעגט קומען צו גיין —
די סוכּה איז דורות לאַנג געשטאַנען
און וועט אייביק בלײַבן שטיין.

א. טאַבאַטשניק

## מיין באָבע

אוי, איר ווייסט ניט, ווי איך האַלט
פֿון מײַן באָבען — אַ געוואַלד!

נאָר זי קושט מיך, נאָר זי גלעט,
לייגט מיר שלאָפֿן אין מײַן בעט.

זינגט מיר „אײַ־ליו, אײַ־ליו־ליו,
מאַך די שיינע אויגן צו״.

דעקט מיך צו און וויגט מיך אײַן,
טרעט ניט אָפּ ביז איך שלאָף־אײַן.

אוי, אַ באָבע, אוי, אַ גאָלד,
אוי, האָב איך מײַן באָבען האָלד!

ווען זי קומט נאָר, ברענגט זי מיר
גוטע זאַכן אָן אַ שיעור.

ברענגט מיר שאָקאָלאַד און ניס,
מאַרמעלאַדן און איריס,

פּוטער־קיכעלעך מיט מאָן
און אַ סוועטער אָנצוטאָן.

פּוצט מיך אויס און גייט מיט מיר —
ווײַט און ווײַט אויף אַ שפּאַציר.

אוי, איר ווייסט ניט, ווי איך האַלט
פֿון מײַן באָבען — אַ געוואַלד!

לעווין קיפּניס

## גוטע בשורות אויף פּורים

קומט, קינדער, שטעלט זיך אַוועק אין איין שורה / איך בין געקומען אָנזאָגן אײַך אַ גוטע בשׂורה! / ס'איז ניט קיין שפּאַס אָדער אַ חלום — / אויף דער גאַנצער וועלט איז געוואָרן שלום!" / הונ־דערט און זיבן און צוואַנציק גלעקער קלינגען, / אין אַלע ראַדיאָס האַלט מען אין זינגען, / אַ שׂמחה, אַ פֿרייד אויף דער גאַנצער וועלט! / יעדער פֿאָלק וועט לעבן ווי אים געפֿעלט, / אויס קריגערײַ, שלע־גערײַ, און אַ שווערער קוליק, / און צווישן אַלע פֿעלקער פֿרייט זיך אויך ישׂראליק.

וועט איר דאָך פֿרעגן מסתּמא: / אויב ס'וועט שוין ניט זײַן קיין מלחמה מער — וואָס וועט מען טאָן מיטן געווער: / שיפֿן, טאַנקען, קאַנאָנען, / און נאָך אייניקע זאַכן וואָס כ'וויל זיי ניט דערמאָנען? / וועל איך אײַך זאָגן: / די שיפֿן וועלן פֿירן, טראָגן / ייִדישע קינ־דער מיט די עלטערן צוזאַמען / איבער ברייטע טײַכן און גרויסע ימען / צו זייער היים, זייער אייגענער מדינה. — / און פֿון יעדן טאַנק וועט מען מאַכן אַ מאַשינע, / און פֿון שווערדן, ביקסן און נאָך אַזעלכע זאַכן / וועט מען אַקערס מאַכן און קיכגעשיר, / ווי ס'שטייט אין ישעיה, קאַפּיטל צוויי, פּסוק פֿיר.

און וואָס וועט זײַן מיט די קופּערנע קנעפּלעך? / מיט די סאָל־דאַטסקע היטלען און שינעלן? / פֿאַרלאָזט זיך אויף ייִדישע קעפּ־לעך! / לכּבֿוד פּורים דאַרף מען זיך פֿאַרשטעלן... / ווער פֿאַר אַ גענעראַל, פֿאַר אַ קאַפּיטאַן, אָדער פֿאַר אַ פּשוטן סאָלדאַט. / ווײַל פּורים איז יעדער יאָט אַ גאַנצער כוואַט, / און פּורים וועט דאָך אויף אייביק אַ פֿריילעכער יום־טובֿ בלײַבן, / אַזוי האָט מרדכי הצדיק געהייסן אין דער מגילה שרײַבן...

וואָס זשע וועט זײַן מיט די עראָפּלאַנען? / איך האָב פֿאַר זיי גאָר שיינע פּלאַנען: / זיי וועלן פֿליִען איבער די דעכער, זשומען

און רעשן, / און וואַרפֿן פֿון אויבן המן־טאַשן. / ווי אַ שפּיטפּײַער״ [1] וועט ער זײַן אָנגעלאָרן / מיט מאָנדלעך, פֿאַרפֿל און פֿאָלדן / אַפֿילו פשוטע ביקסן וועלן אויפֿן פורים־פּאַראַד שיסן לעקעכלעך, וואַפֿלעס און שאָקאָלאַד. / אויך דער קאַראַק־רעוואָלווער, ווי קליין ער זאָל ניט זײַן / וועט שיסן באָבל־גאָבל און טאַקע גלײַך אין מויל אַרײַן!

דאַרפֿט איר זיך טאַקע פֿרייען, קינדער, מענער און דאַמען: / ס׳איז אַלצדינג אמת, כאָטש איך רייד מיט גראַמען...

## מרים אולינאָווער

### דאָס קאַרשעלע

— זאָג מיר, באָבע־לעב, דו, קלוגע,
זאָג מיר, באָבע־לעב, דו, שיינע:
זאָג, פֿון ווו עס האָט גענומען
זיך דאָס קאַרשעלע דאָס קליינע

אויף דעם לינקן בעקל מײַנעם?
יעדער נעמט מיך אויף די ציין,
מיידלעך שפּעטן: „ז׳איז געצייכנט!״,
ייִנגלעך פֿליסטערן: „ס׳איז אַ חן!״...

און עס פֿליסט דער באָבעס שטימע,
ווי אַ וווּסער, ווייכער שוים:
— ס׳האָט דײַן מאַמע זיך פֿאַרחידושט
אויף אַ רויטן קאַרשנבוים

[1] אַ פּאָפּולער נאָמען פון אַן עראָפּלאַן אין 2טן וועלטקריג.



צייכענונג פון יאָסל בערגנער

און זיך אָנגעכאַפּט בײַם בעקל,
טאָקע גראָד די לינקע באַק —
ביסט איר, קינד־לעב, אונטערן האַרצן
נאָך געשלאָפֿן גאַנץ געשמאַק...

ליב זשע ווי אַ סוד אַ שיינעם
אָט דאָס קאַרשעלע — גאָטס גנאָד..
ס׳האָט דײַן מאַמע זיך פֿאַרחידושט
קאַרשנצײַט אַמאָל אין סאָד...

רבקה גאַלין

## ביי דער באָבען

איך געדענק דער באָבעס שטוב
מיטן קאַכל־אויוון.
קונציק פֿלעכט די באָבע אויס
זעמעלעך אויף הויוון.

ס׳וואַרפֿט דאָ פֿײַער קופּערנע
שאָטנס אויף די ווענט.
אַלע קינדער טומלדיק
וואַרעמען די הענט.

ס׳שמעקט אין שטוב מיט גריבענעס,
לאַטקעס און מיט שמאַלץ.
אַזאַ ליבע וואַרעמקייט
נעמט־אַרומעט אַלץ.

בײַ דעם געלן סאַמאָוואַר
זיצן אַלע שפּעט.

מען דערציילט זיך מעשׂהלעך,
מ׳שמועסט און מען רעדט.

און מײַן מומע שושקעט זיך,
רויטלט זיך און לאַכט.
נייט עפּעס אויף קאַנווע אויס
האַנטאַרבעט אַ פּראַכט.

און דער בלאַסער פֿעטער מײַן
חלומט אַלץ און טראַכט.
גראָבט זיך אין די ביכער אײַן
ביז נאָך האַלבער נאַכט.

באָבע פֿליקט די פֿעדערן,
ווײַסע קלאָרע פּוך.
און מײַן קעפּל שלעפֿעריק
נייגט־אַראָפּ צום בוך.

נאָכער גייט דאָס פֿײַער אויס.
ערגעץ וויינט דער ווינט.
און די באָבע טאָרעט מיך:
„שלאָפֿן גיי, מײַן קינד“.

„— דעק זיך צו הײַנט וואַרעמער“
זאָגט זי האַרציק־פּראָסט —
„גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען,
ס׳נעמט אַ גרויסער פֿראָסט“.

אַביגדור שפּריצער

## צו מיינע באָבעס

דער ים איז ברייט און טיף
און איך — איך זיץ בײַם ברעג,
איך מאַך מיר דאָ אַ שיף
צו פֿאָרן ווײַט אַוועק.

מײַן מאַמע זיצט און שפּאַסט,
מײַן טאַטע זיצט און שטיפּט,
און איך צעקנייטש פּאַפּיר
און — פֿאַרטיק איז אַ שיף.

מײַן באָבע שׂרה־פֿריידע
און מײַן באָבע חנה
וווינען אין גאַליציע
זייער ווײַט פֿון דאַנען.

איך בין שוין גרויס, סע פֿעלט מיר
יאָרן צוויי צו צען
און כ׳האָב נאָך מײַנע באָבעס
קיין מאָל נישט געזען.

דער ים איז ברייט און טיף,
און איך — איך זיץ בײַם ברעג,
איך זעץ מיך אין מײַן שיף
און פֿאָר מיר גלײַך אַוועק.

# 7

## די ירושה און די יורשים
## פון ליידן, פריידן און האפענונג

חיים סעמיאַטיצקי

## וויין נישט, קינד!

וויין נישט, קינד,
דער האַרבסט וועט לאַנג נישט וווינען אין אונדזער לאַנד,
ער איז — ווי אַן אָרעמאַן וואָס איז בלינד,
דער ווינט פֿירט אים ביַי דער האַנט.
שענק דעם האַרבסט ווי אַ גוטע מטבע אַוועק
דעם טרויער.
וועט ער ווייַנען פֿאַר פֿרייד,
ביז ער וועט צוקומען צום ווינטערדיקן פֿראָסטיקן טויער.
דער זומער האָט ליכטיקע אויגן,
ביַי טאָג די זון און ביַי נאַכט די לבֿנה.
דער ווינטער — אַ הדרת־פּנימדיקער זקן
מיט אַ וויַיסער באָרד איבער די קני אויסגעצויגן.
טאָ גיב דעם בלינדן האַרבסט דיַין טרויער אַ מתּנה.

פּעסיע פּאָמעראַנץ־האָניגבוים

## אַ געבעט

ניט דבֿורה, ניט יהודית, ניט אסתּר,
נאָר אַ פּשוט קינד פֿון דיַין פֿאָלק
ווײנט פֿאַר דיר איצט, אָ, גאָט,
אין דער שווערסטער,
אין בלוטיקסטער שעה פֿון מיַין פֿאָלק.

האָסט געגעבן די מאַכט דעם רשע
און ער טובֿלט דײַן שווערד אין בלוט;
און אַ יעדער קין־רוצח
בײַטשט איבער אונדז
מיט זײַן רוט.

האָסט צעלאָזן די פֿליגל בײַם שׂונא
און ער פֿאָכעט אויף אונדז מיט טויט;
ער רײַסט אונדזער שטאָם
מיט די וואָרצלען,
אונדזער טאָג אין שטויב פֿאַרגרויט.

פֿאַר די שיצערס אונדזערע בעט איך
אין שעה פֿון טרויער, אָ, גאָט!
גיב זיי כּוח ווי שמשון הגיבור,
באַלײַכט זייער יעטוועדן טראָט.

שאול מאַלץ

## געטאָ־ליד

אין געטאָ־הויף שפּילן זיך קינדער,
די זון שײַנט אַ בלייכע, אַ מאַטע,
בעטלערס זינגען און אויף דער ערד
ליגט אַ פּיצל זון, אַ געלע לאַטע.

קינדער שפּילן, קינדער טאַנצן,
אויף פֿיסלעך דינינקע זיי שפּרינגען.
קינדער זינגען, אייגעלעך גלאַנצן
און פֿון דעם מאָרגן זיי זינגען.

— זעט, פעלדער זײַנען פול מיט זאַנגען!
— און גערטנער פול מיט מערן און מיט קרויט!
— גוטע מענטשן וועלן אונדז ברענגען
פולע קוישן מיט ברויט!

די גוטע מענטשן קומען ניט
צו פאַרטרײַבן פון געטאָ די נויט.
און ייִדישע קינדער חלומען נאָך אַלץ
פון קוישן פול מיט ברויט

ירחמיאל בריקס

## אַ קינדערשפּיל אין געטאָ

די קינדער אין לאָדזשער געטאָ האָבן קיין שפּילפּלעצער און גערטנער נישט געהאַט — האָבן זיי זיך געשפּילט אויפן הויף.

בײַ די שכנים, בײַ דער משפחה קליגער, איז געווען אַן אַכצן־יאָריקע טאָכטער, טאָבטשע, וואָס איז געווען אַ לערערין אין אַ ייִדי־שער שול. טאָבטשע איז געווען הויך און שלאַנק, מיט אַ קאָפּ לאַנגע, טונקל־ברוינע האָר, מיט אַ לענגלעך, שטענדיק שמייכלענדיק פּנים, און שוואַרצע אויגן מיט ברוינע און גרינע פּינטעלעך. האָט ז״ך טאָבטשע כסדר פאַרנומען מיט די קינדער פון גאַנצן הויף, פון אייגענעם גוטן ווילן האָט זי אַכטונג געגעבן אויף זיי און זיך גע־שפּילט מיט זיי.

די קלענערע קינדער, וואָס טאָבטשע האָט אָפּט גענומען אויף די הענט, פלעגן גלעטן אירע זײַדענע לאַנגע צעפּ. זי האָט זיך געשפּילט אין „עטל־בעטל״, אין אַ „ראָד״, געזונגען זיי ייִדישע, העברעיִשע און פּוילישע לידעלעך און געטאַנצט, און די קינדער האָבן מיטגע־זונגען און מיטגעטאַנצט. זי האָט מיט זיי געשפּרונגען איבער אַ

לאַנגן שטריק. זי האָט זיי צונויפֿגענומען און זיי געלערנט זינגען לידעלעך און פֿאַרשיידענע שפּילערײַען, דערציילט מעשׂהלעך, וואָס זי האָט געדענקט נאָך פֿון דער שול, אָדער געלייענט, אָדער געהערט דערציילן. זי פֿלעגט אָבער בעת די שפּילערײַען נאָכטאָן אַלע שטיפֿערײַען און אײַנפֿאַלן פֿון די קליינע קינדער: געמאַכט פֿאַרשיידענע קונצן שפּרינגענדיק איבער אַ שטעקן אָדער שפּילנדיק אין פּילקע; זי האָט צוזאַמען מיט זיי געשפּילט אין „באַהעלטעלעך", אין „בלענדעניש", אין „שלעפּע באָבע".

און ווײַל טאָבטשע האָט ליב געהאַט די קינדער, האָבן איר די קינדער מיט דעם זעלביקן אָפּגעצאָלט — ממש געקלעפּט צו איר.

טאָבטשע נעמט אויף איר שויס אַ פֿינפֿיאָריק ייִנגעלע און פֿרעגט: „יאָסעלע, דו קענסט שוין דעם אַלף־בית"?

—יאָ! — ענטפֿערט ער.

— נו, לאָמיר הערן.

און דאָס ייִנגעלע זינגט־אויס מיט אַ חדר־ניגון דאָס באַקאַנטע געטאָ־לידל:

אַלף, בית, גימל —
ס'איז דאָ אַ גאָט אין הימל;
דאַלעד, היי, וואָוו —
מיר זײַנען זײַנע שאָף;
זייען, כעס, טעס —
גאָט צו לויבן נישט פֿאַרגעס;
און דאָס צענטע אות איז ייִד —
גאָט דער פּאַסטעך היט;
כאָף, לאַמעד, מעם —
די רייד פֿון דער תּורה פֿאַרנעם;
נון, סאַמעך, אײַען —
אין חדר טאָר מען ניט שרײַען;
פֿיי, צאַדיק, קוף —
מ'מוז פֿאָלגן טאַטע־מאַמע, הערן זייער רוף;

רייש, שין, תּאָוו —
זײַ גוט און צו גאָט האָף.

דאָס ייִנגעלע ענדיקט, קלאַפּט טאָבטשע בראַוואָ און אַלע קינדער טוען איר נאָך און טופּן־צו מיט די פּיסלעך, שרײַענדיק פּריילעך: „או־או־או־או־או־או!"

די וועלט זאָגט: „קליינע קײַען וואָס גרויסע שפּײַען". האָבן די קינדער אויסגעטראַכט שפּילערײַען, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט אַ שטיק לעבן אין געטאָ: זיי האָבן געשפּילט אין „פּאָלקסקיך", אין „קאָאָפּע־ראַטיוו" און אין „געטאָ". דאָס איז געווען אַ קינדער־פֿאָלקלאָר, און אָט ווי עס איז בײַ זיי פֿאָרגעקומען:

מיט אַ לאַנגער שנור האָבן די קינדער געמאַכט אַ „געטאָ־צוים" און צוגעזונגען —

„רומקאָווסקי חיים[1]
האָט געמאַכט אַ געטע
מיט אַ מעטע[2]..."

נעבן דעם צוים, אינעווייניק, האָט זיך אַרומגעדרייט אַ ייִנגעלע מיט אַ קורץ שטעקעלע — אַ „געטאָ־פּאָליציאַנט". פֿון יענער זײַט צוים האָט זיך געדרייט אַ צווייט ייִנגעלע — כּלומרשט די דײַטשישע וואַך — שוין מיט אַ לאַנג שטעקל אויפֿן אָרעם. דאָס איז געווען די „ביקס". די צוויי האָבן צווישן זיך נישט גערעדט, ווײַל אַזוי איז טאַקע געווען דאָס דײַטשישע געזעץ. נאָך אַ ייִנגעלע — דער „קייסער רומקאָווסקי" אַליין — איז געזעסן פֿון דער ווײַטנס אויף אַ שטיין. די קינדער — ייִנגלעך און מיידלעך — האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי און דער „קייסער" האָט זיי אויסגעטיילט „טאַלאָנען" פֿאַר דער קיך, אָדער „לעבנסמיטל־קאַרטן" פֿאַר דעם „קאָאָפּע־ראַטיוו".

קיינער פֿון די קינדער האָט ניט געוואָלט שפּילן די ראָלעס

[1] ייִדן־„פֿאָרשטייער" פֿאַר די נאַציס. — [2] ענדפּונקט.

פֿון דײַטש, פֿון „געטאָ־פּאָליציאַנט“ און אַפֿילו נישט פֿון „קייסער“, ווײַל זיי האָבן געוווּסט, אַז יענע זײַנען שלעכטע מענטשן. אָבער אַז טאָבטשע האָט עמעצן אויסגעקליבן פֿאַר די ראָלעס, האָט מען זי געפֿאָלגט, ווײַל טאָבטשע איז דאָך אַ גוטע...

טאָבטשען האָבן די קינדער געמאַכט פֿאַר די אויסטיילערין פֿון דער „זופּ“ אין „קיך“ און פֿאַר די אַרויסגעבערין פֿון די „שפּײַזן“ אין „קאָאָפּעראַטיוו“.

באַלד נאָך דעם אָפּנעמען די „טאַלאָנען“ האָבן זיך די קינדער אויסגעשטעלט אין אַ צווייטער ריי נעבן טאָבטשען, און זי האָט כּלומרשט געגעבן די „זופּ“ און די „ראַציע“: מעל, צוקער, עסיק, זאַלץ, פּאָפּריקע־דערזאַץ, וואַשסאָדע. און דערצו האָבן זיי גענוצט זאַמד, שטיינדעלעך, צעשטויסענע רויטע ציגל, בלעטער פֿון ביימער, גראָז. דאָס אַלץ איז פֿריִער געווען אָנגעגרייט אויף אַן אײַזערנער פּלאַטע נעבן טאָבטשען.

די קינדער פֿלעגן די „שפּײַזן“ באַלד כּלומרשט עסן — צולייגן צום מויל און געמאַכט זיך קײַען. אין דער ריי האָבן זיך די קינדער (פּונקט ווי די דערוואַקסענע אין געטאָ) געשטויסן און געשטופּט און געשריגן. דער „געטאָ־פּאָליציאַנט“ האָט געמאַכט אָרדענונג:

— רויִק! שטיל זאָל זײַן! אָרדענונג מוז זײַן! — און זיך גע־מאַכט שלאָגן מיט דעם שטעקעלע.

און די קינדער זײַנען שטיל געוואָרן.

דערנאָך איז דער „קייסער רומקאָווסקי“ צוגעקומען קאָנטראָ־לירן, צי עס ווערט ערלעך אויסגעטיילט. דאָס יינגעלע, וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פֿון רומקאָווסקי, האָט נאָכגעמאַכט דעם אַלטן ווי ער שטעלט שווערע טריט, ווי ער רעדט מיט אַ ליטווישן אַק־צענט. די קינדער האָבן זיך פֿאַר אים פֿאַרקלאָגט:

— „פּאַניע קייסער“, די זופּ איז קאַלט!

— „פּאַניע קייסער“, קיין אײן פּיצל קאַרטאָפֿל האָב איך נישט געפֿונען אין דער זופּ!

— זי האָט מיך באַגנבֿעט אויף דער וואָג! — האָט איין מיידעלע אָנגעוויזן אויף טאָבטשען.

— „פּאַניע קייסער״, ווי אַזוי קאָן מען לעבן מיט בלויז עסיק און וואַשסאָדע?!

איין קינד האָט פֿאַרצויגן אַ לידל און אַלע קינדער האָבן מיט־געזונגען:

רומקאָווסקי חיים,
ער גיט אונדז מים,
ער גיט אונדז פּעפּער,
ער גיט אונדז סם...
ר׳האָט געמאַכט אַ געטע
מיט אַ דיעטע,
ר׳האָט געמאַכט אַ געטע
מיט אַ מעטע
און ער שרייט, אַז ער איז גערעכט!..

דער „קייסער״ רומקאָווסקי צעשרייט זיך אויף זײַן ליטווישן אַקצענט: „שווײַגט, בונטאָווטשיקעס! איך האָב גענוג צו עסן! אין מײַן געטאָ פֿעלט גאָר נישט! איך האָב אַלצדינג! פֿאַרמאַך זיי די מײַלער!״ — באַפֿעלט ער דעם פּאָליציאַנט. דערנאָך רײַסט ער אַרויס פֿון אים דאָס שטעקעלע און הייבט אַליין אָן צו שלאָגן.

די קינדער שלאָגן אים צוריק און שרײַען:

— משוגענער! משוגענער!

— שווײַגט, לאָבוסעס! — צאָרנט דער „קייסער״ — וואָרן איך וועל אײַך הייסן געבן שמיץ!...

אין די קינדער האָט זיך צעשפּילט אַ נקמה־געפֿיל און זיי האָבן אים צוריקגעשלאָגן. האָט זיך פֿאַר אים אָנגענומען דער „געטאָ־פּאָליציאַנט״ — האָבן די קינדער אויך אויף אים אויסגעלאָזט זייער כעס. ווען דער „קייסער״ מיט זײַן שומר האָבן שוין אַרײַנגעכאַפּט אַ שפּאָרע פּאָרציע קלעפּ, האָט זיך אָרײַנגעמישט די „דײַטשע וואָך״

— דאָס יינגעלע מיטן לאַנגן שטעקן, וואָס איז געשטאַנען אויף יענער זײַט שנור:

— פֿאַרריקטע יודן! וואָס מאַכט איר מיט אײַער עלטסטן?! — האָט ער זיך צעשריגן — דאָנער וועטער, יודישע שווײַנע! — ער האָט אויסגעצויגן די „ביקס“ און גענומען צילן: „פּוי־פּוי!“

— דער „יעקע“ שיסט! ער שיסט!

די קינדער זײַנען זיך צעלאָפֿן מיט געשריי און באַלד האָבן זיי זיך צעלאַכט, און דאָס איז געווען דער סוף פֿון שפּיל...

חיה עלבוים־דאָרעמבוס

## די קאַרטאָפּעלעך

פראַגמענט

די פֿיריעריקע ברכהלע זיצט אויף דער פּאָדלאָגע אַ צופֿרידענע און קוקט, ווי איר פֿעטער אהרן־לייב שיילט מיט ערנסטער פֿאַרזיכ־טיקייט די דראָבנע, אײַנגעשרומפּענע קאַרטאָפֿעלעך. עס האָט אים אָפּגעגליקט, געפֿונען זיי אין אַ ליידיקער דירה, נאָך אַ ווישעדלע־ניע [1].

ברכהלעס פֿעטער רפֿאל אַרבעט בײַ אויסלאָדענען קוילן אויפֿן מזרח־וואָקזאַל און דעריבער האָט ער אַ גוטן אויסווײַז [2], וואָס שיצט אויך זײַן ווײַב און קינד.

ברכהלע טראָגט אויפֿן העלדזל, אין אַ ליַוונטן זעקעלע, אַ צײַ־געניש קעגן דעפּאָרטאַציע. דאָך זײַנען אירע עלטערן זייער אומרויִק, ווען זיי מוזן דאָס קינד איבערלאָזן אין שטוב. עס טרעפֿט, אַז בשעת אַן אָבלאַווע צערײַסט דער דײַטש דעם דאָקומענט און הייסט זיך שטעלן אין דער ריי צום פֿאַרשיקן.

---

[1] אַרויסשיקונג. — [2] אַ דאָקומענט צו בלײַבן אויפֿן אָרט.

דאָס מאָל מוזן זיי אָבער גיין באַזאָרגן פֿאַר אַהרן־לייבן אַן אָרט אין אַ שנײַדער־געשעפֿט [3]. אַ מאַכער האָט צוגעזאָגט אַדורכפֿירן די טראַנזאַקציע פֿאַר פֿערציק גאָלד־דאָלער. רפֿאל האָט זיך צוליב דעם באַפֿרײַט אויף אַ טאָג פֿון דער אַרבעט.

ברכהלע טוליעט זיך צו די עלטערן, בעט זיי זאָלן שנעל צוריקקומען. דעם קינדס ברוינע, טיפֿע אויגן אינעם בלאַסן פּנימל האָבן דעם גאַנצן טרויער פֿון געטאָ, די פֿריצײַטיקע רײַפֿקייט און אינסטינקטיווע מורא פֿאַרן אומקום.

ברכהלע איז אַלט פֿיר יאָר. זי ווייסט די וויכטיקייט פֿון אויסווײַז. מיט אַ נאַכט פֿריִער האָט זי געוויינט אין שלאָף און אומפֿאַרשטענדלעך געברעדיעט [4]. פּלוצעם האָט זי זיך אויפֿגעזעצט און אָנגעהויבן שרײַען: „איך האָב פֿאַרלוירן מײַן אויסווײַז — מען וועט מיך פֿאַרשיקן! נישטאָ דער אויסווײַז!“... און ווען לאה, איר מוטער, האָט זי באַרויִקט און געוויזן, אַז דער אויסווײַז איז דאָ אויפֿן העלדזל, האָט זי נאָך אַלץ געציטערט און געבליבן אונטערן אײַנדרוק פֿון שלעכטן חלום. מיט די דראָבנע הענטעלעך האָט זי פֿעסט צוגעהאַלטן דאָס זעקעלע און, אַ צוגעטוליעטע צו דער מוטער, שווער אײַנגעשלאָפֿן.

איצט שטייט דאָס קינד אַן אומעטיקס, שאַרט־אַוועק פֿון שטערן די ברוינע לאָקן, וואָס פֿאַלט איר אַראָפּ אויף די אייגעלעך, און בעט זיך מיט אַלע חנדלעך פֿון אירע פֿיר יאָר: „קומט באַלד צוריק; אַליין שרעק איז זיך!“

אלחנן אינדעלמאַן

## דאָס ייִנגל פון געטאָ

דאָס ייִנגל פֿון געטאָ —
ער ווייס ניט קיין שרעק.

[3] וואַרשטאַטן פון שנײַדערײַ. — [4] גערעדט אָפּגעריסענע ווערטער.

ער שטייט־אויף באַגינען
און גייט גלײַך אַוועק.

ער קלעטערט אויף הײַזער
פֿון שטאָל און פֿון שטיין.
עס מאַטערט דער הונגער,
עס שטיקט אַ געוויין.

דער שומר בײַם טויער —
פֿון שטאָל איז זײַן האַרץ;
נאָך האַרטער פֿון אײַזן,
נאָך שוואַרצער פֿון שוואַרץ.

דאָס יינגל פֿון געטאָ,
ער קוקט־אָן דעם טויט,
צו בּרענגען דער מאַמען
אַ שטיקעלע ברויט.



אַ יונגעלע אויף די חורבות פון געטאָ

נח לוריע

# אַ קינד אין סטעפּ

ווען די קאָלווירטן [1] פֿון דעם ראַיאָן זײַנען מיט קליינוואַרג און אַלטוואַרג, מיט די קלומקעס אויף די פֿורן, אָנגעקומען צום דניעפּער, האָבן שוין די דײַטשן געהאַט פֿאַרכאַפּט די אַריבערפֿאָרן און געצווונגען אַלעמען פֿאַרקערעווען אויף צוריק. תּיכּף האָט עס אָנגעהויבן האָגלען מיט באַפֿעלן. נישט־אַרבעטפֿעיִקע האָט מען געהייסן בלײַבן אויף די ערטער; ייִנגערע און געזינטערע האָט מען אַוועקגעפֿירט אין סטעפּ און געשטעלט בויען אַ נײַע טראַסע [2].

ס׳איז זונטיק. אין פֿרויען־באַראַק איז פֿינצטערלעך. פֿאַרגליווערט זיצט מען אויף די נאַרעס. אַן אײַנגעשפּאַרטער האַרבסטיקער רעגן גיסט, שמײַסט אין די שויבן, אין דאַך.

— דאָס קינד האָט נאָך הײַנט אין מויל ניט געהאַט! — לאָזט זיך הערן אין דער שטילקייט אַ קול.

אַ פֿרוי הייבט זיך אויף פֿון דער נאַרע, הויך און מאָגער, שטאַר און בלוי, ווי אַ מת, און אויפֿן אויסגעדאַרטן פּנים — געבראָכענע פּאַסיקלעך פֿון אַ גוטן, מוטערלעכן שמייכל.

— אָט איז אַ שטיקל ברויט... — זאָגט זי שעמעוודיק.

מען קען זי. ס׳איז כאַסיע די גערטנערין, די באַרעמהאַרציקע קרויט־און פּאָמידאָרן־שוועסטער, ווי זי האָט אין קאָלווירט געהייסן. זי האָט אָפּגעשפּאָרט פֿון איר חלה אַ רייפֿטעלע אויף שפּעטער; איצט איז איר געווען אַ חרפּה, וואָס זי האָט עס גלײַך ניט אָפּגעגעבן דעם קינד. נאָך עטלעכע האָבן זיך אָפּגערופֿן. ווער סע שענקט אַן אָפּגעקילטע בולבע, ווער אַ רעשטל בוריק. די טײַערע מתּנות גייען־איבער פֿון האַנט צו האַנט — פֿאַרן קינד.

נאָר קיין קינד זעט מען ניט. דאָ איז עס ערגעץ צווישן די

[1] קאָלעקטיווע ווירטשאַפֿטן (פֿון דער סאָוועטישער סיסטעם). — [2] לאַגער.

מענטשן, און מען זעט עס ניט. אין אָנהייב זײַנען אין באַראַק געווען עטלעכע קינדער, וואָס די מאַמעס האָבן מיטגענומען אַהער אויף דער טראַסע, ווײַל ס׳איז ניט געווען אויף וועמען זיי איבערצולאָזן. שפּעטער, ווען מען האָט געמאָלדן, אַז אין באַראַק טאָרן זיך קיין קינדער ניט געפֿינען, איז שוין ניט געווען וווּהין זיי אָפּצושיקן. אַלע, וועמען מען האָט איבערגעלאָזט אין דער היים — אַלטע לײַט, אינוואַלידן, שלאַפּע, מינדעריעריקע — אַלעמען האָט מען דאָרט אויסגעקוילעט. איצט איז איינס נאָר געבליבן — וואַרטן אויפֿן מלאך־המוות. נאָר ער האָט זיך דווקא ניט געאײַלט. אַ וואָך און מער איז אַריבער שטיל. מען האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן, אַז גערעכט זײַנען יענע, וואָס מיינען, אַז פֿאַר די, וואָס אַרבעטן, גילטן אַנדערע געזעצן. אין דער אמתן, זיי ברענגען נוץ, מען נייטיקט זיך אין זייערע הענט, און אין זייער זכות וועט מען אפֿשר אויך די עופּעלעך לאָזן לעבן. און טאַקע דעמאָלט, ווען מען האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, איז עס געשען. אין איינעם אַ פֿרימאָרגן, די פֿרויען זײַנען שוין געווען בײַ דער אַרבעט, זײַנען עטלעכע זשאַנדאַרן אַרײַן אין באַראַק און צוגענומען די קינדער.

אַלע קינדער צוגענומען, חוץ רחלען. רחלען האָבן זיי פֿאַרזען. אונטער אַ הויפֿן שמאַטעס איז זי געלעגן פֿאַרטײַעט און געשוויגן. אַלץ געהערט — די געוויינען, די געשרייען: „מאַמע!“ — און זיך קיין רודער ניט געטאָן. דעם אָטעם פֿאַרהאַלטן. אַזוי איז זי געבליבן לעבן.

אַן אָפּגעצערטע, נאָך גאָר אַ קנאַפּס, קיין פֿינף יאָר ניט אַלט, האָט דאָס קינד זינט דעמאָלט ווי אַ שרעטעלע געלעבט ערגעץ אונטן, נידעריקער פֿון דער געזעענער וועלט, אונטער די נאַרעס. ס׳מאַכט זיך אַ מאָל אַ זוכונג אין באַראַק, איז שוין רחלע געלערנט. אין דער נייטיקער רגע שאַרט זי זיך צו עמעצן אונטער אַ פֿאַרטעך, אונטער אַ פּאָלע. אַזוי אַ באַהאַלט זי זיך אויס אין די מסוכּנע מינוטן צווישן די ווײַבער, אין די פֿאַלדן פֿון זייערע קליידער. די ווײַבער גיבן ניט אַרויס זייער אומרו מיט קיין ווונק, נאָר איטלעכע ווייסט, האָט אין זינען: ערגעץ אונטן, צווישן, איז דאָ אַ ניט־געציילטער אָטעם, אַ ניט־פֿאַר־

רעכנטער קלײנינקער שאָטן, אַ ציטערנדיק פֿלעמעלע פֿאַרבאָטן לעבן. בײַ מאַמען קלאַפּן די הערצער. ס׳איז זייער איינציק פֿאַרבליבן קינד, דאָס לעצטע...

אויף דער טראַסע האָבן מאַנסבילן און פֿרויען נאָך געברעקלט שטיינער, געגראָבן ערד, געשטופּט וואַגאָנעטקעס, געלייגט דעם שאָסיי, נאָר ס׳האָט שוין, אַ פּנים, געהאַלטן בײַם סוף. אַלע מאָל קוקט מען איבער דעם עולם. ווער סע טוט אַ ניס, גייט צום גרוב. ווער ס׳האָט זיך פֿאַרשטאָכן אַ פֿינגער, גייט צום גרוב. רחלעס מאַמע האָט זיך צעהרגעט אַ פֿוס בײַ די שטיינער, האָט מען זי דערשאָסן גלײַך אויפֿן אָרט. שפּעטער האָט מען אויפֿגעהערט איבערצוקלײַבן. אַלע אינדער־פֿרי טיילט־אָפּ דער עלטסטער אַ צאָל מענטשן, אַ מאָל פֿון רעכטן פֿלאַנק, אַ מאָל פֿון לינקן, ווי אים פֿאַלט־אײַן, כּדי איטלעכער זאָל זיך ריכטן און קיינער זאָל ניט וויסן אויף זיכער, ווען זײַן טאָג וועט זײַן.

וואָס אַ טאָג זײַנען אַלץ ווייניקער מענטשן געבליבן אין באַראַק. ס׳איז געוואָרן געראַם. אויף די נאַרעס — ניט אַלע ערטער פֿאַרנומען. פֿאַרשטעלן דאָס קינד איז געוואָרן אַלץ שווערער. וואָס טוט מען מיט דעם?

אויף יענער זײַט פֿונעם דראָטענעם צוים איז ווײַט און ברייט, וויפֿל דאָס אויג האָט פֿאַרכאַפּט, געלעגן אַ פֿעלד, אַ פּוסט פֿעלד, ניט געאַקערט, ניט געזייט. טעג און וואָכן נאָך אַנאַנד איז ניט צו זען געווען אויף דעם קיין מענטש, קיין בהמה, קיין הונט. בלויז גאָר אויבן האָט געגרינט אַ בוים, אַן איין־און־איינציקער. אָט דאָס פֿעלד און דער בוים האָבן גוואַלדיק געצויגן צו זיך די בליקן פֿון די אומגליקלעכע. באַזונדערס דער בוים. הויך, שלאַנק, געדיכט באַבלעטערט, איז ער געשטיגן ווי אַ שײַטער, ווי אַ שטאָלץ אויפֿגעהויבענער צייכן. די אומגליקלעכע האָבן זיך אָפּט פֿאַרקוקט אויף אָט דעם ווײַטן בוים מיט אויפֿגערודערטן האַרץ, ווי זיי וואָלטן געוואַרט פֿון אים אויף עפּעס אַן אָנזאָג, אַ רוף...

און איין מאָל האָבן די געפֿאַנגענע דערזען דאָרט אויבן אַ פֿרוי,

אַ פויערטע, קענטיק. זי האָט זיך געבויגן צו דער ערד, געקליבן קרײַטעכצער צי טרוקענע צווײַגעלעך. כאַסיען איז תּיכּף אײַנגעפאַלן דער געדאַנק — אַהין, צו יענעם בוים, צו יענער פויערטע, מוז מען אָפּשיקן דאָס קינד, און וואָס גיכער. „זי איז דאָך אַ מאַמע... — האָט כאַסיע געשעפּטשעט — זי וועט שוין וויסן, וואָס מיט דעם ווײַטער צו טאָן".

זי האָט גערעדט וועגן דעם מיט איינער, מיט אַ צווייטער. אונ־טערן צוים, האָט זי באַמערקט, איז אויף אַ געוויסן אָרט אין דער ערד אויסגעשווענקט אַ ריוושאָקל[3], ניט קיין טיפס, וואַרפט זיך ניט אין די אויגן, אויב מען זאָל זיך ניט צוקוקן, טאָקע ממש פאַר אַ קאַץ דורכצוקריכן. אפשר וועט זיך אויך רחלען אײַנגעבן מיט דעם וועג אַדורך אויף יענער זײַט. זי איז אַזאַ דאַרינקע, אַ שמאַלינקע, ניט קיין סך גרעסער פון אַ קאַץ... יאָ, נאָר ווי אַזוי ברענגט מען זי אַהין און ווי אַזוי טוט מען עס אָפּ, קיינער זאָל ניט באַמערקן?

כאַסיע האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם טאָג ווי נאַכט, פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט, ווי עמעצער וואָלט זי געוועקט, און דער מוח האָט איר געפּיבערט, אַלץ ניט געקענט געבן זיך די ריכטיקע עצה. איינס איז געווען קלאָר: לענגער קאָן דאָס קינד אין באַראַק ניט בלײַבן. ס׳מוז אַוועק פון דאַנען אַזוי אָדער אַנדערש.

— רחלע, ווו ביסטו?

קיין ענטפער.

— קום־אַרויס, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן.

קיין באַוועגונג, קיין אָטעם.

— באַווײַז זיך, קינד, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן. אַ נייטיקע זאַך.

פון אונטער דער נאַרע קוקט־אַרויס אַ פאַרברודיקט פּנימל מיט שוואַרצע דערשראָקענע אייגעלעך, לויפנדיקע, ווי בײַ אַ מײַזל. רחלע רעדט ניט. זי האָט זיך אָפּגעוווינט ריידן. זעלטן ווען זי לאָזט־אַרויס

---

[3] קאַנאַל.

פֿון מויל אַ וואָרט, אַ קלאַנג. נאָר די אויגן, די אויערן זײַנען שטענדיק וואַך, דאָס קערפּערל אין גאַנצן — שטענדיק אָנגעצילט זיך צו ראַטעווען. אין דער טונקל, אונטער די ברעטער, פּויזענדיק אויף אַלע פֿיר, גייט זי איבער אָן מינדסטן שאָרך פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן. ווען זי דאַרף, זיצט זי שטום אין אַ ווינקל אָדער לייגט זיך צו אויף איר אונטערבעט, אַ געוועזענעם מלבוש, אַ שמאַטע, דרעמלט צו ביסלעך. נאָר אויך אין שלאָף הערט זי אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום איר און איבער איר. זי ווייסט שוין דעם באַטײַט פֿון יעדן קלאַפּ און סקריפּ, פֿון יעדן גערודער, פֿון יעדער טאָן־ענדערונג אין די רייד דאָרט, אויבן, אויף די נאַרעס. ווייסט דעם חילוק צווישן אַ היימישן און פֿרעמדן טראָט. און איצט, כאָטש ס׳האָט זי גערופֿן אַ באַקאַנט קול, האָט רחלע גלײַך דערשפּירט אַ ניט גוט ווינטל פֿון סכּנה.

די פֿרויען האָבן באַשלאָסן אויף יעדן פֿאַל גרייטן זי צום וועג, כאָטש ס׳איז נאָך גאָר ניט געווען קלאָר, ווען און ווי אַזוי דאָס קאָן געשען. דעם שמועס האָט, ווי אַלע מאָל, געפֿירט כאַסיע. זי האָט זיך נאָך אַנאַנד געבויגן, אַרײַנגעקוקט אונטער דער נאַרע, ווײַל בלויז רחלעס פּנימל האָט פֿון דאָרטן אַרויסגעבליקט. דאָס איבעריקע איז געבליבן פֿאַרשטעלט.

— קינד, — האָט כאַסיע גערעדט — הער זיך גוט אײַן, וואָס איך זאָג דיר. זעסט דאָך, וואָס סע טוט זיך: מען הרגעט. וואָס אַ טאָג בלײַבט אַלץ ווייניקער. ווי לאַנג נאָך קאָנען מיר דיך באַהאַלטן? מוזסט אַוועק פֿון דאַנען, אַנטלויפֿן. מיר׳ן דיר ווײַזן דורך וואַנען. ביסט אַ קלייניקע, אפֿשר וועט מען זיך אויף דיר ניט אומקוקן.

אַ ייִדענע האָט זיך צעטענהט:

— ביסט דאָך אונדזער איינציק קינד. אויב מיר זײַנען שוין פֿאַרפֿאַלענע, זאָל כאָטש אַ זכר נאָך אונדז בלײַבן. מער האָבן מיר דאָך שוין ניט קיינעם.

— ראַטעווע זיך, פֿייגעלע! — האָט זיך אַן אַנדערע געבעטן.

— לאָזט ריידן אַ וואָרט! — האָט כאַסיע זיי גערופֿן צו אָרדע־

נונג — הער זשע רחלע, ווײַטער. ניט הײַנט, איז מאָרגן, איבער מאָרגן... מיר'ן דיך ווי־ניט־איז אַרויספֿירן פֿון דאַנען. מיר'ן דיר ווײַזן אין צוים אַ דורכגאַנג. רוק זיך אַרויס אין פֿעלד און גיי. גיי אַזוי לאַנג, ביז דו וועסט באַגעגענען אַ היימישן מענטשן, אַ פֿרוי, אַ פּויערטע פֿון דאָרף. זאָג, אַז דו ביסט אַ יתומה. זאָג: טאַטע־מאַמע האָט אַ באָמבע דערהרגעט, ביסט געבליבן אַליין אין מיטן סטעפּ. אפֿשר וועט עמעצער אויף דיר רחמנות האָבן. פֿאַרשטייסט, וואָס מען רעדט צו דיר?

רחלע האָט גאָר ניט געזאָגט, נאָר מיטן קעפּל צוגעשאָקלט, אַז יאָ, הייסט עס, זי פֿאַרשטייט. מען האָט זיך גוט אַרומגעקוקט, צי ס'גייט ניט קיינער פֿון די, פֿאַר וועלכע מען דאַרף זיך היטן. די קליינע איז דערווײַל פֿאַרשוווּנדן, נאָר כאַסיע האָט זי צוריק אַרויסגערופֿן, נאָך געהאַט עפּעס צו זאָגן:

— ביסט אַ קלוג קינד. איך זע. מסתּמא וועט מען דיך פֿרעגן, ווי דו הייסט, ווינד און ווי צו מײַנע יאָרן. ענטפֿער, אַז דו הייסט מאַניע, מאַניע הייסטו. וועסטו פֿאַרגעדענקען?

און ווידער האָט רחלע מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט, אַז יאָ. זי וועט פֿאַרגעדענקען. אויסגעוואַרט אַ ווײַלע, טאָמער וועט מען נאָך עפּעס זאָגן, און אַרונטער אונטער די נאַרעס.

ס'איז געגאַנגען צו זיבעטן נאָוועמבער. מען האָט געוווּסט: אונטער אַ יום־טובֿ מוז דער קרבן צו היטלערן זײַן אַן אויסערגעווײנלעכער, איז דאָס מאָל גרייט זיך, ווײַזט אויס, שוין די לעצטע שחיטה. ניט אומזיסט איז פּלוצעם שטיל געוואָרן. ס'איז ניט קיין גוטער סימן. נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל האָט מען אַרויסגערופֿן רחלען, געלערנט, וואָס זי האָט צו טאָן, וואָס צו ענטפֿערן, ווען מען וועט פֿרעגן, ווער זי איז, פֿון וואַנען זי קומט. איינס איז נאָך אַלץ ניט קלאָר געווען: ווי אַזוי פֿירט מען אויס דאָס, וואָס מען האָט פֿאַרטראַכט.

דעם זעקסטן נאָוועמבער אָנהייב אָוונט זײַנען אין באַראַק אַרײַן

שיכּורע עסעסניקעס [4] און גלײַך גענומען שיסן אין די מענטשן, אַ צענדלינג דערהרגעט, עטלעכע שווער פֿאַרוווּנדעט, אָפּגעטאָן זייערס און אַוועק. אויף דער פֿאַרבלוטיקטער פּאָדלאָגע זײַנען געלעגן די קערפּערס פֿון די געפֿאַלענע. קיינער האָט זיך ניט דערוועגט צו רירן זיי פֿון אָרט. די פֿאַרוווּנדעטע האָבן געקרעכצט, געכאָרכלט, געגוססט. קיינער האָט זיי קיין הילף ניט געקאָנט געבן. אַלע, וועמען די קויל האָט געמיטן, זײַנען געזעסן אין ציטערניש, געוואַרט, אַז אָט באַלד קומען די רוצחים ווידער און פֿאַרענדיקן דאָס, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן.

ס׳איז אַריבער אַ שעה און מער, און די זשאַנדאַרן האָבן זיך ניט געוויזן. אַלע אין באַראַק האָבן שוין געקענט זייערע שטיק. די גרויסע הריגה וועט, אַ פּנים, זײַן מאָרגן אין דער פֿרי. ניט אומזיסט האָט מען די מתים ניט צוגעראַמט, מען וועט עס שוין מאַכן צוזאַמען מיט די איבעריקע פֿאַר איין גאַנג.

איינע האָט געזאָגט:

— איך בין מקנא די וואָס ליגן אויף דער ערד און פֿילן שוין גאָר ניט, אַ סוף צו די מאַטערנישן.

— פּוסטע רייד! — האָט כאַסיע זי איבערגעשלאָגן — אונדז וועט מען שוין ווי־ניט־איז באַשטאַטן. איז נאָך עטלעכע שעה. מיט דער קליינער וואָס טוט מען? אַז איך דערמאָן זיך אין איר, ריר איך זיך פֿון זינען.

ס׳איז געווען צווישן די לעבן פֿאַרבליבענע אַ פֿרוי, אַ געוויינלעכע קאָלווירטניצע, ווי אַלע אַנדערע דאָ, גרוניע ציבולניק האָט זי געהייסן. באַלד אין די ערשטע וואָכן פֿון דער מלחמה איז אויפֿן פֿראָנט אומגעקומען איר מאַן. די אָקופּאַנטן האָבן געפּטרט איר פֿאָטער און מוטער און איר אַכט יאָריקן זון. אַלע אין באַראַק האָבן געהאַט שווערע הערצער, נאָר גרוניען, האָט מען געוווסט, איז ערגער ווי אַלעמען — זי קאָן ניט וויינען.

---

[4] נאַצים.

— „ווייז זיך אויס, וועט דיר זײַן גרינגער“.

— כ׳דאַרף ניט, ס׳זאָל מיר זײַן גרינגער. ווען ס׳איז מעגלעך אַנטלויפֿן פֿון דאַנעט און נעמען אַ ביקס אין דער האַנט, וואָלט איך עס געטאָן. אַלא ניט, איז מיר שוין אַלץ איינס.

זי האָט זיך צו קיין זאַך ניט געמישט. זעלטן ווען אויסגערעדט אַ וואָרט. איצט איז זי צוגעגאַנגען צו כאַסיען און געמאָלדן:

— מיר דאַרפֿן זיך צונויפֿריידן.

ס׳איז געווען אַזוי ניט געוויינלעך, אַז מען האָט איר גלײַך געמאַכט אַן אָרט אויף דער נאַרע און צוגענייגט אַן אויער צו הערן, וואָס זי וועט זאָגן.

קלאָר, אין געציילטע ווערטער, האָט גרוניע אַוועקגעלייגט איר געדאַנק. קענטיק, דורכגעטראַכט אים שוין ניט איין מאָל. ער איז געווען ביז גאָר פּראָסט און האָט זיך געלייגט אויפֿן שׂכל. ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, מען זאָל אין דער לעצטער מינוט פּרווון ראַטעווען דאָס קינד מיט דער פּרײַז פֿון אַלעמענס לעבנס.

— יאָ, אַזוי דאַרף מען טאָן! — האָט כאַסיע מיט היץ זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פֿאָרשלאַג — מישטיינס געזאָגט, וואָס דאָ פֿאָדערט זיך פֿון אונדז: אָפּגעבן דאָס, וואָס מען וועט סײַ ווי בײַ אונדז צונעמען. נאָר, שוועסטער מײַנע, טײַערע, איך פֿאַרשווער אײַך, געדענקט אַז איר זײַט מענטשן, מאַמעס, ניט קיין סטאַדע הינער!

די נאַכט איז קיינער אין באַראַק ניט געשלאָפֿן. מ׳איז געלעגן מיט אָפֿענע אויגן, זעלטן ווען זיך איבערגעוואָרפֿן מיט אַ וואָרט. ס׳איז געווען שטיל. די פֿאַרוווּנדעטע האָבן שוין ניט געקרעכצט, נאָר פֿון דרויסן האָט זיך פֿון מאָל צו מאָל געלאָזט הערן אַ האַווקע פֿון די וואַכהינט און כוואַליעס פֿון אוימגעצוימטן סטעפּישן ווינט האָבן נאָך אַנאַנד געפּאַטשט אין די ווענט פֿון באַראַק און זיך געקײַקלט מיט געהויל איבערן דאַך. און שטאַרקער נאָך פֿונעם ווינט, כאָטש ניט צו פֿאַרנעמען מיטן אויער, האָבן גערוישט די הערצער פֿון די געפֿאַנגענע. ווו איז פֿאַרשוווּנדן די אײַנגעגעסענע מידקייט און פֿוילע

גלײַכגילטיקייט, וואָס איז געוויינלעך, ווי זשאַווער, געזעסן אין זייערע ביינער. אָן באַוועגונג זײַנען די אויסגעדייוועטע[5] קערפּערס געלעגן אויף די ברעטער, נאָר איטלעך קעמערל אין זיי, נאָר דאָס בלוט, וויפֿל ס'איז נאָך פֿאַרבליבן אין די אָדערן, האָט געברויזט, געשלאָגן, ווי מיט האַמערס, געקלונגען אין גלעקער. אונטן, אונטער די נאַרעס, איז אײַנגעגנורעט אין פֿינצטערניש געלעגן זייער קינד. מאָרגן אין דער פֿרי, אויב אַלץ וועט פֿאַרלויפֿן, ווי מען האָט פֿאַרטראַכט, לאָזט מען עס אַרויס אויף יענער זײַט צוים. זאָל עס זוכן אַ סטעזשקעלע צו מענטשן, צו אַ מענטשלעך האַרץ. זאָל עס טראָגן זײַן ציטעריק ליכטעלע לעבן אַהין, אין די גרויסע שטורעמווינטן.

גאַנץ פֿרי, נאָך פֿינצטערלעך, האָט זיך געעפֿנט די טיר און די נעכטיקע רוצחים און נאָך אַנדערע מיט זיי זײַנען אַרײַן אין באַראַק. באַלד האָט אויסגעהילכט די קאָמאַנדע זיך אָרדענען. די טויטע אַרויפֿלאָדן אויף טאַטשקעס און שטעלן זיך מיט זיי אין שפּיץ פֿון דער קאָלאָנע, ווײַטער פֿאָלגן אַלע איבעריקע צו פֿיר אין אַ שורה. אַלץ איז געטאָן געוואָרן אַזוי ווי באַפֿוילן, שטיל און פּינקטלעך, ניט צו קרימען קיין האָר.

ווען די זשאַנדאַרן קוקן זיך צו, וואָלט זיך זיי מסתּמא געוואָרפֿן אין די אויגן, אַז דאָס מאָל האַלטן זיך די געפֿאַנגענע אַנדערש ווי שטענדיק. ווי קיין מאָל פֿריִער, זײַנען זיי אויפֿמערקזאַם, באַוועגלעך, געשיקט. די פּנימער אין פֿרימאָרגנדיקן האַלבטונקל — בלייך און בלוי, און די חושים, אַלע גלידער — אויף דער וואַך. נאָר די זשאַנדאַרן האָבן שוין קיין זאַך ניט געוואָלט באַמערקן. פֿאַר זיי זײַנען די אַלע מענטשן געווען שוין ניט מער ווי אַ קופּע מיסט, וואָס מען דאַרף אָן איבעריקע שהיות אָפּפֿירן און אַרויסוואַרפֿן. אַלץ איז, נאָך זייער פֿאַרשטאַנד, פֿאַרלאָפֿן אין שענסטער אָרדענונג. אין באַראַק איז קיינער ניט געבליבן, פּוסט, ריין, קיין לעבעדיקער אָטעם. די קאָלאָנע האָט גערירט פֿון אָרט און גייט אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג.

---

[5] אויסגעמוטשעטע, צעשלאָגענע.

ביזן גרויסן גרוב רעכנט זיך אַ קאַרגע פֿיר הונדערט מעטער. נאָך עטלעכע מינוט גאַנג און — אַ סוף.

די פֿאַרמשפּטע אָבער האָבן אויף קיין רגע ניט פֿאַרגעסן, אַז פֿאַרן סוף האָבן זיי נאָך עפּעס צו טאָן. אין איינער פֿון די טאַטשקעס, אויפֿן דעק, איז געלעגן רחלע, צוגעדעקט מיט אַ טויטן קערפּער, מען זאָל זי ניט אַרויסזען. מען האָט זי בײַ צײַטנס צוגעגרייט, ווי זי האָט זיך צו האַלטן. די שוואַרצע דערשראָקענע אייגעלעך האָבן דאָרשטיק געשלונגען איטלעך וואָרט און דאָס קעפּל האָט זיך אָפּט פֿאַרנייגט, פֿאַרנייגט, פֿאַרזיכערנדיק אַז זי באַנעמט אַלץ אויסגעצייכנט און וועט אַלץ טאָן ווי מען דאַרף. די הרוגים זײַנען געלעגן צעוואָרפֿן איבערן גאַנצן באַראַק. כאַסיע האָט צוגעפֿירט איר טאַטשקע צו איינעם פֿון זיי, וואָס איז געווען פֿאַררוקט אין אַ ווײַטן ווינקל און דערצו אין דער נייטיקער מינוט פֿאַרשטעלט פֿון עולם, און דעמאָלט איז עס געשען. פֿלינק ווי אַ חיהלע האָט זיך די קליינע אַרויסגעשאַרט פֿון איר באַהעלטעניש, אָן מינדסטן גערודער פֿאַרנומען איר אָרט און אויף איר האָט מען אַרויפֿגעלייגט דעם מת.

די טאַטשקעס און עטלעכע רייען נאָך זיי האָבן זיך באַוועגט מיט גיכן טראָט, ווי ס׳איז געווען באַפֿוילן. די קאָלאָנע אין גאַנצן אָבער האָט זיך ווי צוגעפֿוילט, באַלד אָנגעהויבן עטוואָס אָפּשטיין, און דער קאָנוואָי האָט זיך אַ נעם געטאָן זי אונטערטרײַבן. אין דער רגע האָט פֿון די הינטערשטע רייען קרעפּטיק אויסגעקלונגען גרוניע ציבולניקס קול:

— מאַמעס, נאָך מיר!

די פֿרויען האָבן געוואַרט אויף דעם רוף. אַ קאַרגע הונדערט זייערע האָבן מיט אַ מאָל זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַ זײַט און מיטן גאַנצן אימפּעט גענומען לויפֿן צום טויער. תּיכּף האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסערײַ, וויי־געשרייען און קללות. קאָמאַנדעס האָבן געהילכט אין דער לופֿטן. צענדליקער זײַנען געפֿאַלן. פֿאַרוווּנדעטע זײַנען, באַוואַשנדיק זיך מיט בלוט, געלאָפֿן פֿאָרויס. אונטערגעבראָכענע זײַנען אויף אַלע פֿיר געקראָכן, געטריבן פֿון איין גוואַלדיקן אינערלעכן כּוח,

געריסן זיך צום טויער, ניט אָפּגעשטעלט זיך ביזן לעצטן אָטעם. אַלע וואַכלײַט, וויפֿל זיי זײַנען געווען אויפֿן פּלאַץ, האָבן זיך שוין געיאָגט נאָך די פֿרויען, וואָס זײַנען, פֿון די פֿיס פֿאַלנדיק פֿאַר שוואַכקייט, אומזיניק, ווי די זשאַנדאַרן האָט זיך געדאַכט, געפֿלויגן סתּם אין דער וועלט אַרײַן, ניט צו פֿאַרשטיין, מיט וואָס פֿאַר אַ צוועק און אויף וואָס אויסרעכענענדיק, סײַדן נאָר אויף גיכער אומצוקומען.

אין דער צײַט האָבן די טאַטשקעס און נאָך עטלעכע רייען מיט זיי, ווי פֿריִער, אפֿשר נאָר אַ ביסל גיכער, זיך באַוועגט אַהין, ווו ס׳איז זיי געווען אָנגעצייכנט. זיי האָבן זיך אַפֿילו ניט אומגעקוקט אויף צוריק. ערשט דעמאָלט ווען זיי האָבן זיך אָפּגערוקט גענוג ווײַט פֿון דעם אָרט, ווו ס׳איז געגאַנגען די שיסערײַ, זײַנען זיי געבליבן שטיין. בכלל זייער גאַנצע פֿירונג איז אויסן געווען צו דערווײַזן, אַז זיי האָבן מיט די בונטאָוושטשיקעס ניט צו טאָן. מיט זיי, הייסט עס, קאָנען די זשאַנדאַרן זײַן רויִק און אָן איבעריקער אײַלעניש פֿאַרענדיקן זייער שטיקל אַרבעט בײַם טויער.

אָט אין די מינוטן, ווען די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די וואַכלײַט איז געווען אָנגעצויגן צו יענעם אָרט, ווו ס׳האָט נאָך זייער פֿאַרשטעלונג זיך אָפּגעשפּילט די וויכטיקסטע געשעעניש פֿון דעם פֿרימאָרגן, האָט רחלע, באַגלייט פֿון שטילע אָנזאָגן און ברכות, זיך געשאַרט אויף אַלע פֿיר צום צוים, צום קוים באַמערקלעכן ריווטשאַקל, דאָרט אונטערן צוים. ווי אַ קעצל, צופֿאַלנדיק צו דער ערד, געפּויזעט, זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע, זיך אַרומגעקוקט און ווײַטער געפּויזעט.

— אַזוי, מײַן קינד, אַזוי, מיר פֿאַר דײַנע גלידער! — האָט כאַסיע געשעפּטשעט, כאָטש רחלע האָט זי שוין ניט געקאָנט הערן — אויפֿן בײַכל, אויפֿן בײַכעלע שאַר זיך, ווי איך האָב דיר געלערנט. נאָך, נאָך... ווײַבער, שוועסטער מײַנע טײַערע! זי איז שוין פֿון יענער זייט? איך ניט... זי לויפֿט!... כאָטש נאָך אַ פּאָר מינוט זאָל מען זיך אויף איר ניט אומקומען, רבונו של עולם! דער פֿרימאָרגן איז אַ טונקעלער. אפֿשר וועט מען זי ניט באַמערקן. אַ געזונט אין איר קלוגן קאָפּ!

זי איז שוין ווידער צוגעפֿאַלן צו דער ערד, דראַפּעט זיך אויף אַלע פֿיר. גוט אַזוי. ראַטעווע זיך, ראַטעווע זיך מיט אַלע כּוחות. שטעל זיך ניט אָפּ. ווײַטער, ווײַטער אין פֿעלד אַרײַן, צו יענעם גרויסן בוים, דאָרט אויבן. וועסט באַגעגענען אין פֿעלד אַ פֿרוי, אַ פויערטע פֿון דאָרף, טוליע זיך צו, זי איז דאָך אַ מאַמע...

די שיסערײַ בײַם טויער האָט זיך געשטילט. מען האָט געזען, ווי די זשאַנדאַרן ציילן די געהרגעטע, טײַטלענדיק צו דער ערד מיט די פֿינגער. און עטלעכע פֿון זיי טיילן זיך אָפּ און לאָזן זיך גיין. די פֿרויען בײַ די טאַטשקעס און די עטלעכע רייען, וואָס זײַנען געבליבן מיט זיי, זײַנען געשטאַנען דאָרט, ווו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, און געדולדיק געוואַרט אויף די תּלינים.

...פֿון דער זײַט קוקנדיק, האָט זיך געקאָנט דאַכטן, דאָס זײַנען שוין לאַנג ניט קיין אײַנוווינערס פֿון דער היגער וועלט, נאָר שאָטנס אָן לשון, אָן געדאַנק, אָן געפֿיל. דאָס האָט קיינער ניט באַמערקט, ווי אין איינעם אַ באַשטימטן אָרט, אַן ערך האַלב וועג, ווערן די פֿרויען איטלעך מאָל אומרויִק, הייבן־אויף די אַראָפּגעלאָזטע אויגן און כאַפּן אַ קוק אויף יענער זײַט צוים. דאָרט, אין גרויסן סטעפּ, האָט געבלאָנדזשעט זייער קינד, זיך געריבן צווישן אָפּגעשמיסענע קוסטיקלעך און פֿאַרטריקנטע גראָזשטענגלעך, געשאַרט זיך בײַ דער ערד, געזוכט אַ מוטערלעכן פֿליגל, וואָס זאָל עס באַהאַלטן און דער־וואַרעמען ביז בעסערע צײַטן. דער סטעפּ איז געלעגן האַרבסטיק־וויסט און גרוי בייזע ווינטן האָבן איבער דעם געהוליעט. נאָר דער בוים אין דער ווײַט האָט זיך ניט געבויגן, געפֿלאַטערט, געלויכטן מיט אַלע זײַנע פֿאַרברוינטע בלעטער, ניט געוואָלט זיך אויסלעשן. ס'איז געווען, אַ פּנים, אַ דעמב.

מאָסקווע 1947

## א. גלאַנץ־לעיעלעס

# אַ ייִנגל אַ קליינס

צו דעם וואַרשעווער ייִנגל מיט די אויפגעהויבענע הענט
אין דעם נאַציסטן בילד, וואָס איז געוויזן געוואָרן בײַם
נירנבערגער פּראָצעס.

אַ ייִנגל אַ קליינטשיקס, קוים זיבן־אַכט יאָר,
אַ ייִנגל אַ ייִדישס מיט הענט אין דער הייך,
געיאָגט צו דעם אויוון, צו פֿײַער און רויך,
געטריבן מיט ביקסן — אָט דאָס איז די וואָר!

איך קוק אויף דעם פּנים, דעם קינדישן, פֿײַנעם,
און מער ווי דער ווײ קלעמט דאָס האַרץ מיר די שאַנד.
ווער ס׳האָט נאָר אַ גרויסע, דערוואַקסענע האַנט —
זי איז אין דעם ייִנגלס צעשראָקענע פֿײַנעץ.

פֿאַר ייִדן דערוואַקסענע מאָלט זיך כאָטש אויס
אַ קלוימערשטער זין און אַ טרייסטיקער ענטפֿער,
ווען יעקבֿ ברענט ווידער, און ווידער פֿאַרלענדט ווערט
זײַן זאָמען אין עשׂוס מאָרד־גלוסטיקן הויז.

מיר ריידן זיך אײַן, אַז עס שפּרייט זיך אין ליכט
דער וועג פֿון דעם אמת; מיט בלענדיקער קרוינונג
באַצירט אונדז די קעפּ אַ געטרײַע באַלוינונג
אין אייביקן, הויכן, גערעכטן געריכט.

נאָר דיר, ייִדיש ייִנגל, וואָס קאָנען מיר געבן
פֿאַר דײַנע יסורים, דײַן אומגליק, דײַן שרעק?
ווער קאָן דיר פֿאַרטײַטשן ס׳פֿאַרשניטענע לעבן,
פֿאַרענטפֿערן דײַנע צעבלוטיקטע טעג?

אויך מיר זיינען שולדיק, אויך מיר, וואָס אונדז זעלבער
יאָגט וועלפישער וויכער אויף איטלעכן אָרט.
דאָס פנימל דיינס האָט געקאָרטשעט זיך געלבלעך,
און מיר — האָבן ווייטער געלעבט נאָך דיין מאָרד.

צי זיינען נאָך פעלקער פאַראַן אויף דער ערד?
מיר דאַכט זיך — פאַראַנען בלויז ייִד און בלויז גוי.
און איינס ווייס איך זיכער און שרעקלעך אַזוי:
ס'וויל גויִישע וואָר אונדזער חלום נישט מער!

זייט רויִק, דאָס וואַרשעווער ייִנגל איז טויט,
דער ייִדישער חלום צעשמאָלצן אין פייער.
די וועלט איז געבליבן, ווי איר האָט געבויט —
נאָר טורעמס מיט מתים און הויך אומגעהייער.

און דיר, ייִדיש ייִנגל, כ'קוש שולדיק דיין פנים,
די אייגעלעך ייִדישע, כשר און ריין.
עד סוף כל הדורות, דורך יאָרן מיליאָנען,
וועט מאָנען אַן ענטפער דיין קינדיש געוויין.

א. אייזען

## פון „מאַלוועס טויט“

ווען מען האָט דעם נייניאָריקן לייבעלע אַראָפּגעבראַכט צו די אַרטשוקס אין כאַטע אַריין, האָט די אַלטע האַלב בלינדע מאַלווע דאָס ייִנגעלע צוגעדריקט צו די קני, מיט ציטעריקע פינגער פון איר ברייטער, אויסגעהאָרעוועטער האַנט האָט זי באַטאַפּט דעם קינדס פנים און שטיל געזאָגט:

— אַזאַ קליינס... און האָט שוין אויך ניט קיין אָרט אויף דער וועלט...

זי האָט געקוקט אויף אים דורך די טונקל בלויע ברילן, געגלעט דאָס שוואַרצע צעשויבערטע קעפּל, נאָך אַ מאָל געטאַפּט מיט די פֿינגער זײַנע געזיכט־צוגן, ווי זי וואָלט וועלן אַרויסשפּירן פֿון זיי היימיש באַקאַנטע, נאָר שוין צעשוווּמענע שטריכן, און פֿאַר זיך אַרויסגערעדט:

— דעם טאַטנס קורנאָסע [1] נעזל... גיי שפּיל זיך מיט סטעפּקען!

און דאָ איז אונטערגעשפּרונגען מאַלוועס אייניקל, אַ קליין צענ־יאָריק ייִנגל מיט אַ געדיכטן העל פֿלאַקסענעם קאָפּ האָר און באָר־וועסע, פֿאַרבלאָטיקטע פֿיסלעך.

ער האָט מיט די שאַרפֿע, ווײַסע ציינדלעך געגריזשעט גרינלעך זויערע פֿעלד־עפּעלעך און מיט גרויסע, גרויען אויגן טשיקאַווע באַ־טראַכט לייבלען.

— נאַ, ווילסט אַן עפּל?

אין גיכן איז געקומען מאַלוועס זון, אַרטשוק, וואָס האָט גע־ווינט אין דעם זעלביקן דאָרף קעמישקי, אַ הויכער, אַ ברייטפּלייצי־קער, מיט אַ ברוין אָפּגעסמאַליעטער הויט. ער האָט אָפּגעמאָסטן מיטן בליק דאָס ייִדישע ייִנגעלע, וואָס איז געשטאַנען אַ דערשראָקענער, אַ בלייכער, און צעמישט געקוקט אַראָפּ.

— וואָס טוט מען מיט אים? געפּערלעך...

— געפּערלעך?!...

די אַלטע האָט זיך האַסטיק אַ הייב געטאָן פֿון באַנק. אויסגע־גלײַכט זיך, האָט זי איצט אויסגעזען נאָך העכער פֿון איר וווּקסיקן זון. זי האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן גראָבן שטעקן אין ליימיקן באָדן:

— און קיין זאַך ניט טאָן איז ניט געפּערלעך? האָבן דען די דײַטשן ניט דערשאָסן וולאַדעקן פֿאַר גאָר נישט טאָן? און האַנקע, וואָס האָט פֿאַר האַרצווייטיק גענומען זיך דאָס לעבן?... און דאָס פֿאַריתומטע אייניקל סטעפּעק?

פֿעדאָר איז געשטאַנען אַ פֿאַרקלערטער און זיך צוגעהערט צו

---

[1] (ווי בײַ אַ הון) אַרויפֿגעצויגן.

דער מוטערס רייד. ער האָט אַליין אויך געשפּירט אַ חובֿ לגבי לייבלס עלטערן. געווען גוטע שכנים. אין שווערע צײַטן האָבן זיי אים ניט איין מאָל אַרויסגעהאָלפֿן. האַרט פֿאַר דער מלחמה, ווען זײַן מעלקיקע קו, סאָוועטשקע, האָט זיך איבערגעגעסן און אָוועקגעפּגרט, האָט אים יוסף, לייוויקס פֿאָטער, אַליין געבראַכט צו פֿירן פֿון שטעטל אין שטוב אַרײַן אַ קאַלב און גוטברודעריש אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע:

— ס׳וועט זײַן אַ צווייטע סאָוועטשקע. נעם, קווענקל זיך ניט!...

איצט ליגט יוסף אין דער ערד צוזאַמען מיט זײַן ווײַב און אַנדערע דערשאָסענע ייִדן פֿון שטעטל... לייבל איז נאָר דורך אַ נס געראַטעוועט געוואָרן פֿון טויט. וואָס טוט מען?

— וואָס טוט מען? זאָל ער פּאַשען דײַן קו, פּונקט ווי סטעפּעק פּאַשעט מײַנע! אײַ, די דאָרפֿלײַט? וועט עס הייסן, אַז ער איז אַ קרובֿל פֿון שטאָט...

— גוט, דערווײַל נעם איך אים צו זיך! — זאָגט פֿעדאָר.

מאַלווע האָט זיך פּאַמעלעך דערנענטערט צום בילד פֿון גאָטס מוטער, וואָס איז געהאַנגען אויף דער פֿאָדערוואַנט, איבערגעצלמט זיך און זיך אַ קער געטאָן צו לייבלען:

— אויף ווײַסרוסיש קענסטו ריידן?

— אַ ביסל...

—איז ריידן וואָס ווייניקער... מײַד־אויס פֿרעמדע... באָד זיך נישט פֿאַר מענטשן אין די אויגן... — האָט זי צוגעגעבן — דו פֿאַר־שטייסט?...

י. י. סיגאַל

## יתומים

קלײַב־אויף אונדזערע יתומים
און ברענג זיי צו אַהיים.
דײַן שטאָט האָט אַזוי פֿיל היימען,
ווי בלעטער אויף אַ בוים.

צום טיש רוק־צו אַ בענקל,
ווו ס׳שטייען בענקלעך דרײַ.
שטיל־אײַן דאָס שטומע בענקען,
דערלייז עס און באַפֿרײַ.

אַלע ייִדישע קינדער — אייגן,
קיין פֿרעמדס איז גאָר נישטאָ,
קוק־אַרײַן אין זייערע אויגן —
ס׳איז דאָס גאַנצע פֿאָלק דאָרט דאָ.

דײַן ברודער און דײַן שוועסטער,
דײַן זיידע און — דײַן פֿריינד.
דורך די קליינע אויגן־פֿענצטער
קוקט־אַרויס אַ פֿאָלק פֿאַרווייַנט.

אברהם זאַק

## אין יתומים־היים

כ׳האָב קיין טאַטן, כ׳האָב קיין מאַמען
אין דער גרויסער וועלט;
קיינער גלעט נישט, קיינער קושט נישט
אַז אַ מאַמע פֿעלט.
קיינער טוליעט נישט צום האַרצן,
ווישט נישט אָפּ אַ טרער.
ס׳שטייען בעטלעך גאַנצע שורות —
נאָר פֿאַרוויגט דען ווער?
קינדער, ווער קען זינגען לידער?
איינס־צוויי, איינס־צוויי, איינס! —
לאָמיר זיך אַליין פֿאַרוויגן
מיט אַ ליד אַ שיינס.

רבקה באַסמאַן

## עלנטע קינדער

הײַנט האָב איך זיך אין שפּיגל דערזען
אַזאַ גרויסע,
כ׳קאָן שוין אַרויס אויף די גאַסן און גיין
קלענערע טרייסטן.

נעבן מײַן שטוב, אויף טונקעלע טרעפּ,
נעכטיקן קינדער,
שפּילט זיי אַ וויגליד פֿון איבערן ראָג
איינער אַ בלינדער.

און אויף די גאַסן איז אומעט פֿאַראַן
מערער פֿון שטערן.
ווייס איך אַ ליד, אַזאַ ליד,
צו פֿריילעכער ווערן.

קום איך צו גיין צו די קינדער און זינג
פֿון פֿעלדער מיט קאָרן,
ווערט מײַן געזאַנג אויף די טונקעלע טרעפּ
שטיל און פֿאַרלאָרן.

קום איך און זינג זיי פֿון פֿרישינקן היי
זומער אין שײַער —
צינדן זיך אָן די אויגן בײַ זיי
מונטערער, פֿרײַער.

רוף איך זיי גיין דורך דעם גראָזיקן שטעג
טיף אינעם קאָרן,
גייען זיי, גייען — שטעג ווערט אַ וועג —
אייביקע יאָרן.

ז. סעגאַלאָוויטש

## אַ, קינדער!

פון דער פּאָעמע „נישטאָ״

אַ, קינדער! קינדערשע געשטאַלטן...
וואָס זאָל אין צער נאָך העכער שטײַגן?
איך קאָן זיך ניט פון זיך באַהאַלטן —
ניט אין מײַן ליד און ניט אין מײַן שווײַגן...
איך טראָג מײַן אָפּגעלעבט לעבן,
איך טראָג עס ווי אַ שוואַרצע מיטה...
דאָס הייליקסטע פון ליכט און לעבן,
אַ, קינדערלעך פון פוילן, ליטע,
פון מונקאַטש-אונגערן געבראַכטע,
פון ווין, פון יעדער ייִדיש-עדה,
אין וויסטע וועגענער פאַרמאַכטע,
געפירט, געשלעפּט צו דער עקדה.
די נאַכט האָט זיי געזען אין פּירן,
האַלב-נאַקעטע, דאָס לײַב צעריסן...
פון פּחד-שרעק, פון קעלט און פרירן —
די פינגער האָבן זיי געביסן,
די אויגן האָבן זיי געעפנט,
געקוקט, געקוקט אויף פרעמדע סטעפּן,
עס האָט פאַרחלשט און פאַרשלעפּערט...
און וווּ? וווּ וועט מען זיי פאַרשלעפּן?

פאַרשטיקטע נאַכט פון קינדער-מאָרדן!
דײַן חושך איז נישט דורכצושטעכן.
דײַן געלט, די וויסטע קעלט פון נאָרדן...
אַ, נאַכט פון גיהנום און פאַרברעכן!

צי דאָס האָט מענטש מיט שוואַרץ געוויסן
דיך שוואַרץ געמאַכט אין אַלע עקן?
צי דו האָסט זיך אַרײַנגעריסן
אין מענטש מיט דײַנע שוואַרצע פֿלעקן?
אַ שוואַרצע קייט דײַנע שטערן,
אַ שוואַרצע בראָך אויף דײַן לבֿנה!
איך וואָלט דיך שעלטן וועלן מערער,
נאָר וואָרט איז קנאַפּ פֿאַר מײַן כוונה.
דו זאָלסט פֿון זיך אַליין צעפֿוילן
און מיטשלעפּן דעם טאָג געשווינדער,
דעם טאָג, וואָס זעט די אַלע גרוילן
און גייט־אַריבער ווי אַ בלינדער...
ווען איך וואָלט קאָנען אַלץ פֿאַרברענען
צוזאַמען מיט מײַן גליִק קלעמען...
פֿאַר איינס אַ קינד, ווען איך וואָלט קאָנען,
פֿאַר איינס אַ קינד כאָטש נקמה נעמען...

י. פּאַפּיערניקאָוו

## די קינדער פון פוילן און ליטע

אײַך, אָרעמע ייִדישע קינדער פֿון פוילן און ליטע,
אײַך, בלודנע[1], אויף ברוקן, אין ענגע, פֿאַרחושכטע געסלעך,
אויף בוידעמס און קעלערס, געפֿרוירן ווי פֿייגל אין ווינטער,
און זומער — אין הייף, צווישן הערינג און אוגערקע־פֿעסלעך;

אײַך, בלוטלאָזע, דאַרע און בלאַסע, געוואָלט וואָלט איך זען דאָ —
ווי אײַערע ברידערלעך, שוועסטערלעך, פֿרײַ דאָ, מאַרשירן

[1] עלנטע, איינזאַמע.

מיט פֿריידיקן פֿלאַטער, דורך ליכטיקע גאַסן געצויגן,
ווי פֿאַרביקע בענדער און בייטן פֿון אַלע קאָלירן.

אויך אײַך וואָלט איך וועלן דאָ הערן צעצוויטשערט ווי שוואַלבן,
צעהילכט און צעקלונגען, ווי גאָלדענע גלעקלעך דינע,
צעוויגטע פֿון פֿרײַהייט־געזאַנגען, געטראָגן צו הימלען,
צו בלויע, צו פֿרידלעכע, איבער די פֿעלדער, די גרינע.

פעסיע פאָמעראַנץ־האָניגבוים

## דאָס בייז פון דעם מענטשן איז גרויס אויף דער ערד

מענטשלעכע אַכזריות, נאָך פֿון פּרעהס צײַטן —
שוואַרצע, ווילדע פֿערדלעך אויף וועלטס געוויסן רײַטן.

מענטשלעכע אַכזריותן ביזן גרויען הײַנט —
פֿאַר וואָס האָט זון־פֿאַררעטערין
אויף שלאַכטפֿעלד הײַנט געשײַנט?

האָבן ביקסן הײַנט געצילט חבֿרים בײַ דער וואַנט,
ניט דאָס ערשטע בלוט פֿאַרגאָסן האָט חבֿרישע האַנט.

זיך אַליין פֿאַרמשפּט אין די אויגן פֿון דער וועלט,
גליִען, ברענען שטומע עדות — רויט באַפֿלעקטע ווענט.

ערשט געפֿלאַטערט ווי די פֿאָנען,
פֿרייד צעזייט אויף גאָרער וועלט,
ערשט די פֿינצטערניש געשניטן, ווי ראַקעטן אויפֿגעהעלט,
שוין פֿאַרמשפּט, שוין געשאָסן, חבֿר האָט חבֿר צעשאָסן.

קינדער מײַנע, קינדער אַלע, קינדער פֿון דער גאַנצער וועלט!
כ׳האָב מיך הײַנט פֿאַרשעמט פֿאַר זיך,
פֿאַר אײַך און פֿאַר דער גאַנצער וועלט.

הינדע זאַרעצקי

## גאָטס קינדער

שוואַרצע קינדער, ווײַסע קינדער
באָדן זיך אין טײַכן,
אין וואַסער שטיפֿן קינדער —
ווער קאָן זיך צו זיי גלײַכן?

שוואַרצע קינדער, ווײַסע קינדער
שפּילן זיך אין גאָרטן,
פֿון זאַמד מאַכן קינדער
ברויט, קיכעלעך און טאָרטן.

טאָמי לאָזט זײַן עראָפּלאַן
ביז די הימלען ציִען,
יאַנקל וויל זײַן פּעליקאַן
זאָל אין הימל פֿליִען.

אסתּר זינגט אַ ייִדיש ליד,
„קאַם דאַון, מאָזעס“, זינגט דזשאָני,
מיט אַ טענצל דריבנע טריט
ענטפֿערט דער צעשטיפֿטער טאָני.

שוואַרצע קינדער, ווײַסע קינדער
לערנען אין די קלאַסן:
לימודים שטאַרקן גײַסט פֿון קינדער
אין גלײַכקייט פֿון די ראַסן.

יעקב גלאַטשטיין

## אַ פֿאָטער צו זיין זון

מײַן קינד, כ׳האָב געפֿירט דײַנע בלינדע פֿינגער
איבער ייִדישן שריפֿט ווי איבער ברייל[1]
כ׳האָב דיר אײַנגעגעבן,
בגנבֿה, עסלעפֿלען ייִדישקייט.
האָסט זיך געקרימט,
ווי ס׳וואָלט געווען ריצנאייל.
האָסט קיין מאָל נישט פֿאַרשטאַנען וואָס כ׳בין געווען אויסן.
מײַן קינד, כ׳האָב דיר געשטעלט פּאָקן,
צו באַוואָרענען דיך קעגן דרויסן.
כ׳האָב דיך טאָג־אײַן טאָג־אויס געייִדישט.
געשניטן דײַן לײַב מיט ליבשאַפֿט, מיט צובונד.
האָסט זיך תּמיד געחידושט,
ווי אַ טאַטע קען זײַן אַזאַ אַכזר,
ווי ער קען דעם קינדס ווונד
מאַכן ווונדיקער און רויער.
מײַן קינד, כ׳האָב דיר אײַנגעגעבן
האַפֿט און ייִדישן דויער.
איצט בלאָנדזשעסטו אַוועק.
ס׳האָט דיך די פֿרעמד פֿאַרשלעפּט.
ס׳ציט דיך צום באַרג,
ס׳רופֿט דיך דער טאָל.
אַנטלויפֿסט. דעם טאַטנס תּורה איז אויסגעוועפּט.
אָבער אַלע דײַנע פֿאַרבענקטע אבֿרים
שרײַען שמע ישׂראל.

---

[1] שריפֿטסיסטעם פֿאַר בלינדע, זיי זאָלן קענען לייענען.

ה. רויזנבלאַט

## „גאָט פון אַברהם״

אוי, באָבעניו, זאָג נאָך ניט „גאָט פֿון אַבֿרהם״,
וואָס איז דאָס מיט דיר הײַנט דער אײַל?
אין מערבֿ־זײַט איז נאָך די זון ניט פֿאַרגאַנגען,
אוי, באָבעניו, וואַרט נאָך אַ ווײַל!

מוזיק — שלום סעקונדע



צעשטער ניט דעם פֿרידן פֿון הייליקן שבת,
די שטילע, די הייליקע רו.
מען זעט נאָך ניט שײַנען אין הימל קיין שטערן,
אוי, וואַרט כאָטש אַ רגעלע צו.

דער „גאָט פֿון אַבֿרהם" — ער שפּאַנט אונדז צוריק אײַן
אין שווערן, טאָג־טעגלעכן יאָך,
צו שלעפּן דעם גלות, דאָס חדר, דעם רבין,
דעם עול און די דאגות פֿון וואָך...

דאָך בלײַבט ווי פֿאַרשטיינערט בײַם פֿענצטער די באָבע,
זי איז צו מײַן בעטן ווי טויב.
„אוי, גאָט פֿון אַבֿרהם"... און ס׳קײַקלט־אַראָפּ זיך
אַ טרער אויף דער טונקעלער שויב...

מלכה לי

## צוויי געפֿונענע לייכטערס

די לערערקע האָט פֿרײַ געלאָזט דעם קלאַס פֿון דער ייִדישער שול און די קינדער זײַנען אַרויס אין גאַס.

אַ ווײַסער פֿריש געפֿאַלענער שניי האָט צוגעדעקט די ביימער אַנטקעגן פּאַרק. די קינדער האָבן זיך גענומען וואַרפֿן מיט שנייבאַלן. קינדער מיט שליטעלעך האָבן זיך געיאָגט פֿון די בערגלעך און, דערזעענדיק די אַנדערע קינדער אַרויסקומען פֿון שול מיט די ביכער אונטער די אָרעמס, האָבן זיי איבערגעלאָזט די שליטעלעך און זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין פֿאַרמעסט, ווער עס וועט מיטן ווײַסשנייִיקן באַל גרייכן העכער און ווײַטער.

דער פּאַרק איז געווען מיט אײַזערנע שטאַכעטן אַרומגעצאַמט און בײַם אַרײַנגאַנג איז געשטאַנען אַ דראָטן מיסטקיישל. לינדאַ איז געשטאַנען מיט די ביכער און געוואַרט אויף איר ברודערל, וואָס האָט געשלײַדערט די שנייבאָלן איינס נאָכן צווייטן.

נעבן מיסטקיישל איז געלעגן אַ פּעקל. לינדאַן האָט אַ בלענד געטאָן. אַ מעשענע זאַך געווען. לינדאַ האָט אויפֿגעהויבן דאָס פּעקל.

אין אַ ברוינעם פּאַפּירן בײַטל זײַנען געלעגן צוויי פֿאַרזשאַווערטע לײַכטערס.

לינדאַ ווייסט, אַז אין אַזעלכע שבת־לײַכטערס בענטשט איר באָבע ליכט אַלע פֿרײַטיק. ווער זשע האָט עס אַרויסגעוואָרפֿן אין מיסט צוויי לײַכטערס?

לינדאַ מיט איר ברודער זײַנען געגאַנגען אַהיים און נעבן איר ייִדיש בוך האָט זי געהאַלטן די פֿאַרזשאַווערטע לײַכטערס. און ווען די מאַמע האָט געעפֿנט די טיר, האָט לינדאַ אויסגעשריגן מיט קינדערשער פֿרייד:

— מאַמע, זע וואָס איך האָב געפֿונען: צוויי פֿאַרלאָזענע לײַכטערס!

לינדאַס מאַמע, אַ געבוירענע אין ניו־יאָרק, האָט קיין מאָל ניט געבענטשט קיין ליכט. זי האָט געשיקט אירע קינדער אין דער ייִדישער שול, אָבער זי האָט זיך נישט געפֿירט ווי איר שוויגער. זי האָט קיין ליכט ניט געבענטשט.

לינדאַ האָט ניט געקאָנט באַגרײַפֿן, ווער עס האָט אַרויסגעוואָרפֿן די שבת־לײַכטערס, און זי האָט געזאָגט צו איר מאַמען:

— מאַמע, זײַ אַזוי גוט, ווישׁ־אָפּ פֿון די לײַכטערס דעם גרינעם שימל, פּוץ זיי אָפּ און שטעל־אַרײַן ליכט אין זיי, און בענטש זיי ווי די באָבע.

לינדאַס מאַמע האָט גענומען שײַערן די לײַכטערס. זיי זײַנען געווען מיט גרינעם שימל דורכגעגעסן. די העלדזלעך — פֿאַרשטאָפּט מיט זאַמד און שטיינדלעך. לינדאַס מאַמע האָט גענומען אַ מעסערל, אויסגעסקראָבעט די העלדזלעך פֿון די לײַכטערס, אָפּגעשיילט דעם זשאַווער און עס האָט זיך אָנגעהויבן באַווײַזן אַ ליכטיקער גלאַנץ. די העלדזלעך פֿון די לײַכטערס האָבן געבלענדט, און לינדאַ האָט מיט שײַנענדיקער פֿרייד באַוווּנדערט איר מאַמען, ווי זי וואָלט אַנטדעקט אַן אוצר.

לינדאַ האָט דערזען די לײַכטערס, האָט זי געזאָגט צו איר מאַמען:

— מאַמע, ווען איך וועל אויסוואַקסן און חתונה האָבן, וועל איך אין די לײַכטערס בענטשן ליכט, אַזוי ווי מײַן באָבע.

לינדאָס מאַמע האָט אַרומגענומען איר קינד און צוגעדריקט איר קליינע טאָכטער צו זיך.

ווען פֿרײַטיק איז געקומען, האָט די קליינע לינדאַ גענומען די לײַכטערס, זיי אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש און געזאָגט צו דער מאַמען:

— מאַמע טײַערע, בענטש ליכט אין מײַנע לײַכטערס!

און די מאַמע האָט אָנגעצונדן די ליכט אין די געפֿונענע לײַכטערס, און די קליינע לינדאַ האָט צוגעלייגט די קינדישע הענטלעך צו די אויגן, ווי זי האָט געזען איר באָבען טאָן, און זי האָט געזאָגט צו איר מאַמען:

— מאַמע, מאַך־צו די אויגן און זאָג אַ ווונטש!

די צוויי לײַכטערס האָבן אויפֿגעשטראַלט מיט ליכטיקייט. די ווײַסע פֿלעמלעך האָבן געציטערט מיט דער פֿרייד פֿון מאַמעס און באָבעס, וואָס האָבן אַמאָל געבענטשט אין די לײַכטערס די שבת־ליכט.

אין די בלויע קינדישע אויגן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט צוויי שבת־ליכט.

## משה יונגמאַן

### זון, לבנה און שטערן

זון, לבֿנה און שטערן,
זון, לבֿנה און שטערן —
אַ נײַ קינד איז געבוירן געוואָרן
אינעם בלעכענעם באַראַק.
אַ נײַ קינד שטרעקט־אויס זײַנע דינע הענטלעך
צו די שפּאַרעס, דורך וועלכע איר קריכט־אַרײַן.

נעמט אים אַרום!
וויקלט אים אײַן אין אײַערע ווײַסע ווינדעלעך —
ווײַל קיין אַנדערע האָט ער ניט.
קושט אים אויס זײַנע שוואַרצע אויגן —
עס זאָל קיין טראַכאָמע אויף זיי ניט אָנוואַקסן.
גיט אים צו טרינקען פֿון אײַערע בריסט —
דער מאַמעס זײַנען פֿון לאַנג אײַנגעדאַרט.
קאָן זײַן, אַז דאָרט, אינעם בינטל שמאַטעס
ליגט דער אויסלייזער פֿון דער וועלט...

י. פּאַפּיערניקאָוו

## ביי אונדז אַ קינד

נישט דער מאַמעס אַ צירונג אין הויז,
נישט דעם טאַטנס אַ קדיש —
איז אַ קינד בײַ אונדז...
בײַ אונדז אַ קינד
איז אַ זוניקער שטראַל
און אַ ליכטיקע טרייסט
פֿאַרן אָרעמען לאַנד.
בײַ אונדז אַ קינד
איז די זריעה אין פֿעלד,
דאָס בלי̇עכץ און זאַפֿט
פֿון ווײַן און מאַראַנץ.
בײַ אונדז אַ קינד
איז דאָס פֿרײַהייט־געזאַנג,
דער פֿריידיקער אָנזאָג
אויף שפֿע און זעט,

פֿון אַ גאָלדענעם שניט
אויף דער שטיינערנער ערד,
וואָס לײַב האָט צעאַקערט
און שוויס האָט גערירט...

אַז די שעה זאָל נישט זײַן,
און אַ קינד שטאַרבט בײַ אונדז —
איז עס אַלעמענס קינד,
איז עס אַלעמענס צער,
וואָס גייט־אויף ווי אַ ליכטיקע טרער אינעם אויג
און נידערט אין טרויער
אין טאָל פֿונעם האַרץ,
און בעט אין דער טיף
אויף אַ טרייסט פֿאַרן לאַנד...

## תימנער קינדער

גופֿימלעך און הענטלעך, פֿיסלעך — דינע,
ווי שוין לאַנג פֿאַרטריקנט־דאַרע צווײַגלעך;
פּנימלעך ווי רויע איילבירט גרינע,
און ווי שוואַרצע איילבירטן — די אייגלעך.

ייִנגלעך מיט ציצית און מיט פּאהלעך,
שפּרינגען אָן תּחתּונימלעך ווי ציגן;
מיידעלעך, באַהאָנגענע מיט קמיעלעך,
ווערן אויפֿגעגעסן פֿון די פֿליגן...

זײַנען תימנער פֿון ייִנגלעך שטאַרק צופֿרידן:
(ס׳וואַקסט דאָך אַ בן־תּורה און אַ למדן!)
און זיי פּלאָדיען, בריִען־אויס די ייִדן
ווי די הינער — הינדעלעך אויף זאָמדן,

מלכה לי

# אַ ב י ב ה

אַבִיבָה איז זעקס יאָר אַלט. זי איז געקומען פֿון דרום־אַפֿריקע קיין ישׂראל. טאַטע־מאַמע אַרבעטן אין אַ קיבוץ.

אַבִיבָה שלאָפֿט אין אַ בונקער צוזאַמען מיט אַלע קינדער פֿון קיבוץ. דער בונקער געפֿינט זיך אונטער דער ערד.

האָט אַ מומע זי פֿאַרבעטן קיין תּל־אָבִיבֿ. אַבִיבָה איז געפֿאָרן מיט אַן אויטאָבוס. אַזאַ ליכטיק לאַנד — ישׂראל! עס איז ערבֿ שבת, אַלע מענטשן טראָגן בלומען און אין שטוב בענטשט די מאַמע די שבת־ליכט. אַבִיבָה איז שלעפֿעריק. זי איז מיד פֿון דר רײַזע. די מומע בעט־אויס פֿאַר איר אַ ווײַס בעט און דאָס קינד איז גלײַך אײַנגעשלאָפֿן.

זי האָט זיך איבערגעוועקט אין מיטן נאַכט און געזען שטערן אין הימל. מיליאַרדן שטערן פֿינקלען און לײַכטן. אַ פֿולע לבֿנה קוקט צו איר פֿון הימל. אַבִיבָה האָט אָנגעהויבן צו וויינען. די מומע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, צוגעלאָפֿן צו איר בעטל, זי אַרומגענומען...

— פֿאַר וואָס וויינסטו, קינדעלע?

— איך וויל שלאָפֿן אין בונקער. דאָרט איז שטענדיק פֿינצטער, נישטאָ קיין שטערן. די אַראַבער וועלן שיסן אויף דער לבֿנה, אויף די שטערן...

אַבִיבָהס קינדערשע טרערן האָבן געפֿינקלט ווי צוויי שטערן און זי האָט געפֿרעגט מיט פֿאַרוווּנדערונג:

— קינדער וועלן שלאָפֿן אין בעטן? ניט אין בונקערס?

— יאָ, אַבִיבָה, ווען ס׳וועט זײַן שלום, וועלן קינדער ניט דאַרפֿן שלאָפֿן אין די בונקערס מער. מען וועט מער ניט שיסן. עס וועט זײַן פֿרייד אויף דער וועלט.

יצחק בלומשטיין

## און אַז דיין קינד וועט דיך פרעגן...

און אַז דײַן קינד וועט דיך פֿרעגן:
— צו וועלכן גאָט האָסט דו געבעטן,
אַז אין מיטן נאַכט זאָל דער מאָרגן קומען?
זאָלסטו פֿאָטערלעך דעם קאָפּ זײַנעם גלעטן
און זאָגן: — צום גאָט פֿון די אומעטומען!

און אַז דײַן קינד וועט דיך פֿרעגן:
— וויפֿל געוווער האָט דײַן פֿאָלק געהאַט,
וויפֿל ביקסן און קוילן?
זאָלסטו אים זאָגן, און גאָר נישט פֿאַרהוילן,
און גאָר נישט פֿאַרשווײַגן:
— אתרוגים מער ווי קוילן
און פּאַלמען־צווײַגן,
לולבֿים,
קעגן צעיושעטע כּלבֿים.

און אַז דײַן קינד וועט דיך פֿרעגן,
וועט שטוינען און גאַפֿן:
— ווי קען מען אָן וואָפֿן
זיבן פֿעלקער באַצווינגען,
שטורעמס באַזיגן?
ווי הייסט דער גואל?
זאָלסטו מיט חן אים אויפֿזינגען
דעם אַלט־אַלטן ניגון:
נצח ישׂראל...

ריקודה פּאָטאַש

## עדי איז געבוירן

פראַגמענט

עדי, וואָס טראָגט דעם נאָמען
נאָך דעם געפֿאַלענעם עדי —
ער איז שוין אַלט דרײַ יאָר.
ער בויט שוין פֿעסטונגען,
שיסט פֿון אַ פּיסטויל,
ער ווייס שוין פֿון אַטאָמען
און פֿון וועמען ער טראָגט דעם נאָמען.

די יונגע מאַמע זײַנע
זיצט פֿאַרטראַכט:
ווער ווייס צו וועלכער שלאַכט
זי האָט אים געבוירן.
זײַן מאַמע וויל אַנטלויפֿן פֿון דער וואָר.
עדי, עדי!
ער איז שוין אַלט דרײַ יאָר.

ירושלים

אברהם סוצקעווער

## מ אָ ר ג נ ק י נ ד

מאָרגנקינד, אויב וועסט אַ מאָל
זען דעם אָפּגרונט פֿון געשיכטע
ווו די האָפֿנונג איז צעמאָלט —
שטויב, וואָס האָט שוין לאַנג פֿאַרגעסן,

אַז זײַן אָפּשטאַם איז גראַניט;
און אויף שערבלעך איז געמאָלט
אונדזער גבֿורה, אונדזער אומקום —
פֿאַל אויף דר׳ערד, און שווײַג מיט שטורעם,
ווײַל די גבֿורה אונדזערע
האָט זיך ניט צום טויט פֿאַרמאָסטן,
נאָר מיר האָבן זיך אַליין
איינס דעם אַנדערן פֿאַרטיליקט.

מאָרגנקינד, אויב ס׳וועט דײַן חלום
ברענגען אונדזערע געשטאַלטן:
הענט, וואָס שטרעקן זיך צום שטאַרקן,
פּנימער פֿון געלע לאַטעס —
וואַרג־דערוואַרג דעם האַלדז פֿון חלום
און פֿאַרשיט מיט אַיַז די טרערן.
ווײַל דער גלויבן אונדזערער
האָט זיך אין אַ ראָב פֿאַרוואַנדלט.

מאָרגנקינד, זינג־אויס אַ הימען
פֿאַר די ביינער אונדזערע.
ווײַל די ערד האָט ניט פֿאַרשאָטן
זייער זינדיקע מאָנונג.
ניט דער רעגן וועט זיי קילן,
ניט דער שניי וועט זיי פֿאַרדעקן.
מאָרגנקינד, זינג־אויס אַ הימען
פֿאַר די ביינער אונדזערע.
אפֿשר וועסטו זיי דערפֿרייען
מיט אַ היילנדיקן פֿרילינג,
און זיי וועלן דענסטמאָל הערן
דאָס געבויר פֿון נײַעם קערן
און, קען זײַן, באַרויִקט ווערן.

1939

שמואל צעסלער

# מיר גייען!

צעשטעלט זיך נאָר קינדער מיט וואַנדער־געמיט
אַזוי ווי די העלדן אין רייען
און הילכיק זאָל קלינגען דאָס פֿריילעכע ליד:
— מיר גייען! מיר גייען! מיר גייען!

אַרויס פֿון דעם שטאָטישן טומל, געדראַנג,
אויף רחבֿותע וועגן, שאָסייען,
פֿאַרפֿלייצן די פֿליינען מיט אונדזער געזאַנג:
— מיר גייען! מיר גייען! מיר גייען!

זאָל העלפֿן אונדז זינגען דאָס ווינטל אין פֿעלד,
אין רוימען די קלאַנגען צעווייען,
פֿאַרשפּרייטן דעם ניגון אין חלל פֿון וועלט:
— מיר גייען! מיר גייען! מיר גייען!

און זאָלן אונדז וואַסערלעך לויטער און קיל,
וואָס שלענגלען זיך ווײַט און פֿאַרדרייען,
מיט זילבערנע וועלעכלעך צומורמלען שטיל:
— מיר גייען! מיר גייען! מיר גייען!

און זאָלן זיך וועלדער אויף באַרג און אין טאָל
מיט אונדזערע לידער דערפֿרייען,
דאָס עכאָ זאָל מיטברומען הויך אויפֿן קול:
— מיר גייען! מיר גייען! מיר גייען!

צעשטעלט זיך נאָר קינדער מיט וואַנדער־געמיט
אַזוי ווי די העלדן אין רייען
און הילכיק זאָל קלינגען דאָס פֿריילעכע ליד;
— מיר גייען! מיר גייען! מיר גייען!

שניאור וואַסערמאַן

## קלוג זיינען ביכער

קלוג זײַנען ביכער,
זיי ווייסן אַ סך —
לערנט אײַך, קינדער,
פֿון ביכער די שפּראַך!

ווערט מיט די ביכער,
מיט קלוגע — באַקאַנט.
גיט נאָר די בלעטלעך
אַ מיש מיט דער האַנט.

מישט־אויף אַ בלעטל,
אַ זײַט נאָך אַ זײַט.
הערט, ווי זיי ריידן
מיט מענטשלעכע רייד!

זעט, ווי עס פֿינקלען
געדאַנקען פֿון דאָרט!
ס׳קלינגט אַזוי היימיש
דאָס ייִדישע וואָרט!

# נאָכבאַמערקונגען

◈ דאָס דאָזיקע בוך, דער 46סטער באַנד **מוסטערווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור,** אַרויסגעגעבן דורכן **יוסף ליפשיץ־פאָנד,** דאַרף ווערן **אַ מתנה־בוך.** דערפאַר דרוקן מיר דאָס בוך אין 2000 עקזעמפּליאַרן, בעת אַלע אַנדערע בענד דרוקן מיר אין 1500 עקזעמפּליאַרן.

◈ דאָס איז **נישט** קיין באַנד **קינדער־ליטעראַטור,** הגם אַ גרויסער טייל פון דעם לייענשטאָף, וואָס דער באַנד האָט, קען זייער לײַכט פאַרשטאַנען ווערן פון קינדער, קען פון זיי געלייענט ווערן אָדער דאַרף פאַר זיי געלייענט ווערן. שולן דאַרפן בפירוש אָט דעם **לייענשטאָף** אויסניצן ווי **לערנשטאָף.** דאָס בוך איז אָבער נישט געווענדט צו קינדער, נאָר גראָד **צו די רײַפסטע לייענערס און לערנערס.** און מער פון אַלעמען קענען פון דעם בוך **געניסן לערערס,** נישט בלויז לערערס פון ייִדישער ליטעראַטור.

◈ ווידער אַ מאָל: אויב עס גייען נישט אַרײַן פאַרשיידענע וויכטיקע שאַפונגען פון ערשטקלאַסיקע שרײַבערס אין דער אָדער אין אַנדערע אַנטאָלאָגיעס, איז עס דערפאַר ווײַל זיי זײַנען שוין דאָ אין בענד **מוסטערווערק** פון די **דאָזיקע** שרײַבערס. ווען־נישט־ווען מאַכן מיר אַ יוצא־מן־הכלל. טאַקע נישט מער ווי אַ 2 אָדער 3 אויסנאַמען אין אַ בוך.

◈ די **ליטעראַטור־געזעלשאַפט בײַם ייִוואָ** איז געצוווּנגען אָנצונעמען אַ באַשלוס מער נישט איבערצודרוקן קיין 2טע אויפלאַגעס. 16 בענד זײַנען שוין דערשינען אין דער 2טער און 3טער אויפלאַגע. די שטאַרקע פאַרטײַערונג פון דרוק און אַלע אַנדערע הוצאות, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיטן אַרויסגעבן אַ באַנז **מוסטערווערק,** ווערט אָבער אַ צו שווערע לאַסט, ממש אַ שטערונג, פאַרן דערשײַנען פון די **רעגולערע 4 בענד מוסטערווערק אַ יאָר.** מיר וועלן, בכן, אויף ווײַטער בלויז קענען פאַרגרעסערן דעם טיראַזש — אויב ס׳וועלן צוקומען אַבאָנענטן.

ש. ר.

Joseph Lifshitz Fund

ביז איצט דערשינען פֿאַר דער ביבליאָטעק
## מוסטערווערק פֿון דער יידישער ליטעראַטור
אונטער דער רעדאַקציע פֿון שמואל ראָזשאַנסקי

1) שלמה עטינגער — אויסג׳ שריפֿטן, 2טע אויפֿלאַגע (312 זײַטן)
2) מאַרק וואַרשאַווסקי — ייִד׳ פֿאָלקסלידער, 2טע אויפֿלאַגע (216 זײַטן)
3) ה. ד. נאָמבערג — אויסג׳ שריפֿטן, 2טע אויפֿלאַגע (256 זײַטן)
4) מענדעלע — מסעות בנימין השלישי, 2טע אויפֿלאַגע (256 זײַטן)
5) לייב נײַדוס — אויסגעקליבענע שריפֿטן (208 זײַטן)
6) יעקבֿ דינעזאָן — יאָסעלע, קריזיס, 3טע אויפֿלאַגע (256 זײַטן)
7) משה בראָדערזאָן — אויסגעקליבענע שריפֿטן (272 זײַטן)
8) אליהו בחור — בבֿא־בוך 2טע אויפֿלאַגע (256 זײַטן)
9) דוד פּינסקי — אויסגעקליבענע שריפֿטן, 2טע אויפֿלאַגע (352 זײַטן)
10) שמעון פֿרוג — אויסגעקליבענע שריפֿטן (216 זײַטן)
11) י. ל. פּרץ — אין 19טן יאָרהונדערט, 2טע אויפֿלאַגע (272 זײַטן)
12) י. ל. פּרץ — אין 20סטן יאָרהונדערט, 2טע אויפֿלאַגע (272 זײַטן)
13) מאָריס ראָזענפֿעלד — אויסג׳ שריפֿטן, 2טע אויפֿלאַגע (240 זײַטן)
14) דוד האָפֿשטיין, איזי כאַריק, איציק פֿעפֿער — שריפֿטן (272 זײַטן)
15) מרדכי ספּעקטאָר — דער ייִדישער מוזשיק, ראָמאַן (272 זײַטן)
16) ה. לייוויק — אויסגעקליבענע שריפֿטן (352 זײַטן)
17) שלום עליכם — מנחם־מענדל, 2טע אויפֿלאַגע (272 זײַטן)
18) אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען — אויסג׳ שריפֿטן, 2טע אויפֿלאַגע (256 זײַטן)
19) י. י. שוואַרץ — קענטאָקי, א. ראַבאָי — הער גאָלדענבאַרג (פּיאָנערן אין אַמעריקע), 2טע אויפֿלאַגע (312 זײַטן)
20) חיים־נחמן ביאַליק — אויסגעקליבענע שריפֿטן (384 זײַטן)
21) ש. אַנ־סקי — אויסגעקליבענע שריפֿטן (296 זײַטן)
22) מענדעלע מוכר־ספֿרים — פֿישקע דער קרומער (256 זײַטן)
23) יוסף אָפּאַטאָשו — אין פּוילישע וועלדער (416 זײַטן)
24) זלמן רייזען — אויסגעקליבענע שריפֿטן (304 זײַטן)
25) יהואָש — אויסגעקליבענע שריפֿטן (320 זײַטן)

26) גליקל האַמיל — **זכרונות** (352 זײַטן)

27) שלום עליכם — **טביה דער מילכיקער 2טע אויפלאַגע** (288 זײַטן)

28) אַבֿרהם רייזען — **אויסג׳ שריפֿטן, 2טע אויפלאַגע** (320 זײַטן)

29) **אַנטאָלאָגיע — די פֿרוי אין דער ייִדישער פּאָעזיע** (416 זײַטן)

30) ר׳ נחמן בראַצלעווער — **סיפורי־מעשׂיות** (224 זײַטן)

31) מרדכי אַלפערסאָן — **אין אַרגענטינע** 320 זײַטן)

32) פּרץ הירשביין — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (336 זײַטן)

33) אַנטאָלאָגיע — **ייִדיש אין ליד** (264 זײַטן)

34) **מנחם באָרײשאָ — דער פֿרעמדער, זאַוול רימער** (320 זײַטן)

35) אַנטאָלאָגיע — **ווען אַ פֿאָלק דערוואַכט** (464 זײַטן)

36) אַנטאָלאָגיע — **נוסח השׂכּלה** (272 זײַטן)

37) ז. סעגאַלאָוויטש — **לידער, דערציילונגען, זכרונות** (352 זײַטן)

38) **מעשׂה־בוך, פֿון 1602** (368 זײַטן)

39) אונטער אָקופּאַציע: **עוזר וואַרשאַווסקי** / שמוגלערס. (328 זײַטן)

40) ערבֿ חורבן: **מ. בורשטין** / בײַ די טײַכן פֿון מאַזאָוויע **און 14 פּאָעטן** (256 זײַטן)

41) **חורבן:** אַנטאָלאָגיע / **פּאָעזיע, פּראָזע און דראַמע** (432 זײַטן)

42) ווידערשטאַנד און אויפֿשטאַנד/**פּאָעזיע, פּראָזע, דראַמע** (336 זײַטן)

43) **איציק מאַנגער / לידער, פּראָזע, עסייען** (384 זײַטן)

44) דוד בערגעלסאָן / **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (320 זײַטן)

45) משה נאַדיר / **הומאָר, קריטיק, ליריק** (288 זײַטן)

46) אַנטאָלאָגיע/**דאָס קינד אין ייִד׳ פּאָעזיע און פּראָזע** (320 זײַטן)

**אין 1971 דערשײַנען אָט די 4 ביכער :**

47) י. אַקסנפֿעלד/**שטערן־טיכל, ערשטער ייִד׳ רעקרוט** (288 זײַטן)

48) **פּליטים צווישן פֿײַערן**, אַנטאָלאָגיע.

49) **אויסגעוואָרצלטע און אײַנגעוואָרצלטע**, אַנטאָלאָגיע.

50) **דרום־אַפֿריקאַניש**, אַנטאָלאָגיע.

ANTOLOGIA

# EL NIÑO EN LA POESIA Y PROSA IDISH

Y

## Estudios Literarios sobre Literatura Idish

●

Director: SAMUEL ROLLANSKY

1 9 7 1

ATENEO LITERARIO EN EL INSTITUTO CIENTIFICO JUDIO

Pasteur 633-3º Buenos Aires

PARA USO PERSONAL